STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02547

FUN UNZER ALTEN OYTSER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

Justman, Moshe

פון אונזער אלטען אוצר

בעקליבענע פערל פון אונזערע אלטע קוואלען און
כל'ערליי ספרים, פון די ראשונים און אחרונים.
איינגעטיילט אויף די סדרות פון דער תורה.

געזאמעלט און בעארבייט
פון ב. יאושזאהן

ערשטער באנד	בראשית שמות ויקרא

Non C.
BS
1225
J8
v. 1

ווארשא תרצ"ב

אַלע רעכט, סיי פון גאַנצען ספר, סיי פון
טיילווייזען איבערדרוקען, אָדער איבערזעצען,
בעהאַלט דער מחבר פאַר זיך.

Copyright 1932 by M. JUSTMAN, Warszawa, Twarda 16/6

Printed in Poland

B. JEUSZSOHN
FUN UNZER ALTEN OJCER
Warszawa 1932.

Druk. GRAFIA, Warszawa, Nowolipki 7, tel. 11-87-52

ספר בראשית

שוין עטליכע יאָהר, ווי איך בעשעפטיג זיך מיט׳ן זאַמלען די פּערל פון אונזער אַלטען אוצר — פון׳ם ים-התורה.

דער קרייז פון די עוסקים־בתורה ווערט, לײַדער, ביי אונז וואָס־ווייטער אַלץ מינערער; די „גירסא דינקותא״ ווערט פערגעסען; זעלטען ווער עס נעהמט זיך היינט צייט מעיין צו זיין אין אונזערע אַלטע ספרים.

איך האָב זיך דעריבער געשטעלט אַלס אויפגאַבע אַרויסצוגע־בען אַ סעריע זאַמלונגען — „פון אונזער אַלטען אוצר״ — וועלכע זאָלען ענטהאַלטען די גלענצענדסטע פּערל פון אונזערע טויזענדער תורה־ספרים אין אַלע מקצועות: אויסגעוועהלטע מאמרי חז״ל פון ש״ס און מדרשים, שאַרפזיניגע פּירושים בדרך פשט, דרוש און פּלפּול, דברי מוסר, מגיד׳ישע משלים, האַרבע שאלות, וועלט־קשיות, חסיד׳ישע תורה־ווערטלעך, הנהגות און מדות פון אונזערע גאונים און צדיקים, שיחות־חולין של תלמידי־חכמים, חריפות׳דיגע רבנ׳ישע הלצות א.א.וו. דאָס אַלץ, ווי ווייט מעגליך, בעאַרבייט און פּאָפּולאַריזירט, עס זאָל זיין פערשטענדליך און צוגעפּאַסט אויך פאַר׳ן מאָדערנעם לעזער.

ב. ר.

וואַרשא, כ״ה ניסן תרצ״ב.

בְּרֵאשִׁית

בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ. (א. א.)

אינ׳ם וואָרט „בראשית״ זענען מרומז די זעקס וויכטיגסטע עיקרים, וועלכע זענען נויטיג פאַר׳ן מענש, נעמליך: בטחון, רצון, אהבה, שתיקה, יראה, תורה...

(ווילנער גאון)

„ברא״ איז — בנים, קינדער; „ברא״ איז — בריאות, געזונד; „ברא״ איז — תבואה, שפייז. „בראשית״, אָט דאָס איז דער ראשית, די ערשטע פאָדערונגען, די הויפּט־פערלאַנגען פון איטליכען מענש — „בני, חיי ומזוני״...

(רבי וואָלף סטריקאָווער)

ברא אלקים את...

די סופי־תיבות פון דידאָזיגע דריי ווערטער, מיט וועלכע עס הויבט זיך אָן בריאת־העולם, ווי אויך די סופי־תיבות פון די ווערטער „ברא אלקים לעשות״, מיט וועלכע עס פערענדיגט זיך בריאת־העולם, זענען — „א מ ת״. דאָס איז דער יסוד פון דער בריאה. אָהן דעם אמת קאָן די וועלט קיין קיום נישט האָבען...

(צרור המור)

ויהי ערב ויהי בקר יום שני... (א. ח.)

„למה לא נאמר בשני כי טוב, מפני שכתוב בו ויבדל". פאַרוואָס ווערט אויפ'ן צווייטען טאָג נישט געזאָגט „כי טוב", ווייל אינ'ם דאָזיגען טאָג איז בעשאַפען געוואָרען פירוד, מחלוקת — „ויהי מבדיל בין מים למים"... אלזאָ, מה־דאָך אויף אַזאַ אונשולדיגען פירוד, וועלכער איז דאָך נויטיג געווען פאַר'ן תיקון־העולם, ווערט נישט געזאָגט „כי טוב", מכל־שכן ביי אַ ווירקליך פיינדליכע און ערליכע מחלוקת...

(בראשית רבה)

פרעגט זיך: אויך אין יום ראשון שטעהט דאָך „ויבדל" („ויבדל אלקים בין האור ובין החשך"), פאַרוואָס איז דאָרט יאָ געשריבען „כי טוב"? — דער תירוץ איז: דאָרט, אינ'ם ערשטען טאָג, איז דער הבדל געמאַכט גע־וואָרען צווישען אור און חשך, געשיקט זיך טאַקע צו זאָגען דערויף — „כי טוב". אַזוי איז גוט. אַזוי דאַרף זיין. אור און חשך מוזען זיין דערווייטערט צווישען זיך. ליכט און פינסטערניש קאָנען נישט און טאָרען נישט לעבען צוזאַמען. דאָ אָבער, אין צווייטען טאָג, איז דער הבדל געמאַכט געוואָרען „בין מים למים", צווישען איין און דעמזעלבען עלעמענט, צווישען לייבליכע ברידער, און דאָס איז נישט גוט. אויף אַזאַ פירוד קאָן מען, לײדער, נישט זאָגען „כי טוב"...

(הרב ש. קליין)

○

יהי מארת ברקיע השמים... (א. יד.)

דערפאַר איז דאָס וואָרט „מארת" חסר, אָהן אַ ו', ווייל די לבנה, הגם פאַר אונז לייכט זי, איז זי אָבער באמת, כידוע, אַ גאַנץ געוועהנליכער פינסטערער פלאַנעט „דלית לה מדגרמה כלום"...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

○

ויאמר אלקים נעשה אדם... (א. כו.)

מיט די דערמאָהנטע ווערטער האָט זיך השי"ת געווענדעט צו די בע־שאַפענע ברואים: „נעשה אדם" — צוזאַמען, בשותפות, זאָלען מיר צונויפשטעלען דעם מענש; זאָל איהם יעדעס בעשעפעניש עפּיס צושטייער געבען... צניעות

זאָל ער זיך אָבלערנען פון חתול, גזל — פון נמלה, עזות — פון נמר, גבורה — פון אַריה, זריזות — פון נשר, און אַזוי ווייטער...

(ווילנער גאון)

ויברא אלקים את האדם... (א. כז.)

פאַרוואָס שטעהט נישט אויך ביי בריאת־האדם „כי טוב"? — ווייל אַלע אַנדערע ברואים, מיט'ן מאָמענט, וואָס זיי זענען בעשאַפען געוואָרען, זענען זיי געווען פולקאָם פערענדיגט, פולקאָם פאַרטיג און מען האָט גלייך געקאָנט זעהן, אויף וויפיעל זיי זענען געלונגען. דעם מענשען אָבער איז געגעבען געוואָרען די בחירה, ער זאָל זיך אַליין ערשט אָנהויבען ענטוויקלען, און דעריבער איז פריהצייטיג צו שרייבען אויף איהם „כי טוב", דען מען דאַרף פריהער אָבוואַרטען און זעהן, ווי אַזוי ער וועט זיך אויפפיהרען, וואָס פון איהם וועט אויסוואַקסען...

(לוית'ן בלי־יקו)

בשעת בריאת־האדם האָבען זיך די מלאכים פונאַנדערגעטיילט אין פערשיעדענע גרופען. אַ טייל פון זיי האָבען מסכים געווען, מען זאָל בעשאַפען דעם מענש, אַנדערע זענען געווען געגען. „חסד" האָט געזאָגט: זאָל מען איהם בעשאַפען, דען ער וועט זיין אַ גומל־חסדים, „אמת" אָבער האָט גע'טענה'ט: זאָל מען איהם נישט בעשאַפען, דען ער וועט זיין כולו שקרים. „צדק" האָט געזאָגט: זאָל מען איהם בעשאַפען, דען ער וועט טהון צדקות, „שלום" אָבער האָט גע'טענה'ט: זאָל מען איהם נישט בעשאַפען, דען ער וועט זיך פערנעהמען שטענדיג מיט מחלוקת. „מה עשה הקב"ה? — נטל אמת והשליכו לארץ" (וממילא איז שוין דאַן געווען אַ מעהרהייט דערפאַר, מען זאָל דעם מענש יאָ בעשאַפען)...

(בראשית רבה)

פרעגט זיך: פאַרוואָס האָט מען, אום צו בעקומען אַ מעהרהייט, גראַד אַראָבגעוואָרפען דעם „אמת" און נישט דעם צווייטען געגנער — „שלום"?... דער תירוץ איז: ווען מען וואָלט אַראָבגעוואָרפן דעם „שלום" און עס וואָלט פערבליבען דער „אמת", וואָלטען דאַן די אַנדערע צווי, דער „חסד" מיט'ן „צדק", נישט געקאָנט מכריע זיין, דען — געגען אמת פועל'ט נישט קיין מעהרהייט...

(רבי שלמה קלוגער)

זכר ונקבה ברא אותם... (א. כז

דערויף זאָגט דער בעל-הטורים:
„זכר בגמטריא ברכה, ונקבה בגמטריא קללה"...
די לעצטע גמטריא שטימט אָבער נישט, דען „קללה" בעטרעפט 165 און „ונקבה" — נאָר 163... סיידען אפשר עס דאַרף שטעהן אין בעל-הטורים: „ובנקבה".

○

וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד... (א.לא.)

„והנה טוב מאד — זה יצר הרע". אויך ער איז דעם מענשען נויטיג... וואָרום ווען נישט דער יצר-הרע, וואָלט דער מענש קיין הויז נישט געבויט, קיין פרוי נישט גענומען, קיין קינדער נישט געבוירען און קיין משא-ומתן נישט געפיהרט....

(בראשית רבה)

ויהי ערב ויהי בקר יום הששי... (א. לא.)

ווי אַזוי מעגען מיר אָנהויבען דעם שבת'דיגען קידוש מיט די ווערטער „ויהי ערב ויהי בקר יום הששי", ווערהענד עס איז דאָך אַ בפירוש'ער מאמר: „כל פסוקא דלא פסקיה משה אנן לא פסקינן", אַז מען טאָר נישט פונאַנדערטיילען און אָנהויבען פון אַ האַלבען פסוק?

אַזוי פרעגט הרב י. היימאַן.

דידאָזיגע פראַגע ווערט שוין אויך בעריהרט אין חתם-סופר ח"א סי' י', ווי אויך אין סידור פון רבי יעקב עמדין.

דער ענטפער איז, אַז אין מס' סופרים פרק א' הלכה ז' ווערט דייטליך געזאָגט, אַז „ויהי ערב ויהי בקר" איז אַ גאַנץ בעזונדערער פסוק.

חוץ לזה, ווי עס איז צו זעהן פון ברכות י"ד, טאָר מען נאָר נישט מ ס יי ם זיין אין מיטען אַ פסוק, אָבער אָנהויבען — יאָ.

○

ויניחהו בגן עדן... (ב. טו.)

אינ'ם נוסח פון די „שבע-ברכות", מיט וועלכע מען בענשט חתן-כלה, ווערט געזאָגט: „שמח תשמח רעים אהובים כשמחך יצירך בגן-עדן מקדם".

פאַרוואָס עפּעס ווערט עס גראָד פערגליכען צו יענער שמחה? — עס ווערט געמיינט צו ווינשען דעם יונגען פּאָר'ל, זיי זאָלען זיך געגענזייטיג בלייבען טריי, פונקט ווי עס זענען זיך טריי געווען אדם וחוה אין גן-עדן, ווען ס'איז נאָך קיין פרעמדער מאַן און קיין פרעמדע פרוי אויף דער וועלט נישט געווען, און דאַן האָבען זיי דאָך זיכער איינער דעם צווייטען נישט פערראַטען...

(אַנ'אַלט ווערטעל)

○

ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל... (ב. יז.)

דער רבי ר' זישע האָט זיך אַמאָל געווענדעט צום ברודער זיינעם, דעם רבי'ן ר' אלימלך, און געזאָגט: ברודער-סערדצע! עס ווערט געזאָגט אין די ספרים הקדושים, אַז אדם הראשון האָט כולל געווען אין זיך אַלע אידישע נשמות, האָט זיך דאָך אויך דיין נשמה דאָרט געפונען, טאָ פאַר-וואָס האָסטו דאַן דערלאָזט, אַז אדם זאָל זינדיגען און עסען פון עץ-הדעת?— ענטפערט איהם דערויף דער רבי ר' אלימלך: איך האָב איהם געלאָזט, ליעבער ברודער, ווייל אויב נישט, וואָלט ער זיך שטענדיג אַרומגעטראָגען מיט די אפיקורסישע ספקות, מיט וועלכע דער נחש האָט איהם אָנגעשטעקט, איינרעדענדיג איהם, אַז אויב ער וועט עסען פון עץ-הדעת, דאַן — „והייתם כאלקים", און „הרהורי עבירה קשים מעבירה"... בעסער זאָל ער שוין בעגעהן דעם חטא גופא, איידער אַרומטראָגען זיך דעם גאַנצען לעבען מיט אַזעלכע זינדיגע, אפיקורסישע מחשבות...

○

אעשה לו עזר כנגדו... (ב. יח.)

רבי ישעיה'לע פראַגער האָט געהאַט אַ ווייב אַנ'ארורה, וועלכע האָט איהם תמיד דאָס לעבען פערביטערט. צו די אַלע צרות איז זי נאָך געווען אויסערגעוועהנליך פרום און גאַנצע טעג האָט זי געהאַלטען אין איין דאַווּ-נען. פלעגט רבי ישעיה'לע זאָגען, אַז דאָס, ווייזט אויס, איז די כונה פונ'ם מאמר חז"ל: „זכה — נעשית לו עזר, לא זכה — כנגדו". דער פשט דער-פון איז אַזוי: איז דער מאַן זוכה און בעקומט אַ גוט ווייב, ווערט זי איהם אַ העלפערין — ער, דער מאַן, זיצט און לערנט, און זי דערלאַנגט איהם אַ גלאָז טהיי; ער דאַווענט, און זי גרייט איהם צו דערווייל דעם פריהשטיק. האָט ער אָבער נישט זוכה געווען און געטראָפען אויף אַנ'אשה

רעה, דאן איז „כנגדו", ווערט זי זיינס א געגנערין, א קאנקורענטין: ער דאווענט אין איין ווינקעל, זי — אין א צווייטען ווינקעל; ער זאגט תהלים, זי — מעמדות; ער לערנט — זי זופט דעם מנורת־המאור. שלעכט איז נע־בעך דעם מאן — פלעגט ער אויספיהרען — ועלכער האט א ווייב א מרשעת, אדער נאך ערגער איז, ווען זי איז דערצו א פרומע מרשעת...

○

ויקח אחת מצלעותיו... (ב. כא.)

מה־דאך — פלעגט זאגען דערוועלבער רבי ישעיה'לע פראגער — אז דאס ווייב איז א טייל פונ'ם מאנ'ס קערפער, ווערענדיג בעשאפען פון זיין אייגען פלייש, האט ער פונדעסטוועגען אזויפיעל צרות פון איהר אויסצושטעהן און זי איז מעהר „כנגדו" ווי „עזר", טא קאן מען זיך שוין פארשטעלען, וואס פאר א „פרי" דאס וואלט געווען און וויפיעל מען וואלט בעדארפט ליידען פון איהר, ווען זי וואלט בעשאפען געווארען אלס גאנץ בעזונדער זעלבסט־שטענדיג בעשעפעניש...

○

זאת הפעם עצם מעצמי ובשר מבשרי... (ב. כג.)

„זאת הפעם", נאר דאס מאל... פון היינט אן און שטענדיג וועט דער מאנסביל ארויסקומען פון דער פרוי; בלויז „זאת הפעם", אלס אויסנאהם — „עצם מעצמי ובשר מבשרי", איז די פרוי ארויסגעקומען פונ'ם מאנסביל...

(חצי מנשה)

○

לזאת יקרא אשה כי מאיש לקחה... (ב. כג.)

מכאן, פון דאנען (פונ'ם ווארט־שפיעל „אשה"—„איש") איז א בעוויז, אז די תורה איז געגעבען געווארען אין לשון־קודש...

(בראשית רבה)

○

ותתן גם לאישה עמה ויאכל... (ג. ו

„מה ראה אדם הראשון וחטא? — ראה שתים ולא ראה שלש"... (מדרש פליאה)

דער זין פונ'ם דאזיגען אין פלוג אונפערשטענדליכען מאמר איז פאלגענדער:

„הסתכל בשלשה דברים — זאָגען די חז״ל — ואין אתה בא לידי עבירה: מאַין באת, ולאָן אתה הולך, ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון״. אדם-הראשון אָבער האָט געהאַט די מעגליכקייט צו זעהן נאָר צווי זאַכען: „לאָן אתה הולך״ און „ולפני מי אתה עתיד״, דאַגעגען דעם סאַמע ערשטען מוסר-השכל — „מאַין באת״, האָט ער נישט געקאָנט זעהן, וואָרום ער איז דאָך בעשאַפען דורכ׳ן בורא זעלבסט. און דאָס איז דער פשט — „ראה שתים ולא ראה שלש״...

(ווילנער גאון)

O

המן העץ אשר צויתיך לבלתי אכל ממנו... (ג. יא.)

דערויף זאָגט דער אבן-עזרא: „לבלתי עם למ״ד כטעם שלא, ובלתי בלי למ״ד כטעם רק, אך״

פרעגט זיך: ווי אַזוי וועט לויט׳ן דאָזיגען כלל פון אבן-עזרא געטייטשט ווערען דער פסוק „עד בלתי השאיר לו שריד״ (במדבר כא. לה.), אָדער — „מכה עמים בעברה מכת בלתי סרה״ (ישעי׳ יד. ו.), וועלכע קאָנען דאָך בשום אופן נישט האָבען די בעדייטונג פון „רק״, נאָר פון „שלא״?...

(י. מ. קלאַווסקי, לאָדז)

O

היא נתנה לי מן העץ ואוכל... (ג. יב.)

דערויף זאָגט דער בעל-הטורים: „היא נתנה לי מן העץ — שהכתני בעץ עד ששמעתי לדבריה״. זי האָט מיך, הייסט עס, געשלאָגען מיט אַ שטיק האָלץ און איך האָב זי געמוזט פאָלגען.

אַ מערקווירדיגער טייטש!...

O

ואל אישך תשוקתך והוא ימשל בך... (ג. טז.)

צו רבי מענדעלי קאָצקער איז אַמאָל געקומען אַ יונגערמאַן און זיך געזשאָלעוועט, אַז זיין ווייב געוועלטיגט איבער איהם און ער האָט נעבען ביי איהר די מינדסטע דעה נישט. האָט איהם דער קאָצקער דערויף געענטפערט: עס שטעהט „ואל אישך תשוקתך והוא ימשל בך״; אויב אָבער די תשוקה און די תאוה טראָגט זיך איבער פון ווייב צום מאַן, דאַן מוז זיך די ממשלה איבערטראָגען פון מאַן צום ווייב, וד״ל...

O

בעצבון תאכלנה כל ימי חייך... (ג. יז.)

פרנסה איז דאָפּעלט שווערער, ווי קינדער האָבען: ביי קינדער-געבורט שטעהט „בעצב תלדי בנים", אָבער ביי פּרנסה — „בעצבון תאכלנה" („בעצבון" — בעמערקט דערויף דער מתנות-כהונה — איז אַ לשון-רבים)...

(בראשית רבה)

○

וקוץ ודרדר תצמיח לך... (ג. יח.)

דערויף זאָגט דער אבן-עזרא די פאָלגענדע ווערטער: „גדול וקטן ממנו דרדר והוא לבדו דר, כי אחיו ממנו נעדר"...

די מפרשים בעמיהען זיך אויסצוטייטשען דידאָזיגע שווערע שטעלע אויף פערשיעדענע אופנים. געוועהנליך פּרובט מען זאָגען, אַז „והוא לבדו דר, כי אחיו ממנו נעדר" איז דער טייטש, אַז אויסער דאָ געפינט זיך אין ערגעץ נישט מעהר דאָס וואָרט „דרדר"; דאָס איז אָבער נישט ריכטיג, דען מיר האָבען דאָך אַ בפירוש'ן פסוק אין הושע (י' ח'): „קוץ ודרדר יעלה על מזבחותם"... פון אַלע פשטים זעהט דעריבער אויס צו זיין אַם-ריכטיגסטען די ערקלערונג פון „אהל יוסף", נעמליך: לויט'ן אבן-עזרא, איז איבעראַל, וואו אַ וואָרט קומט געדאָפּעלט, ווי למשל: אדמדם, שחרחר, ירקרק א. ד. גל., בעדייט עס אַ פערקלענערונג און פערמינערונג פונ'ם גע-גענשטאַנד: ווייניג-רויט, ווייניג-שוואַרץ א. אַז. וו. להיפוך פון רשי'ן, וועל-כער טייטשט: „אדמדם — אָדום ביותר", „שחרחר — שחור ביותר"... און אויך דאָ, אַלזאָ, מיינט דער אבן-עזרא דאָסזעלבע: „קוץ גדול, וקטן ממנו דרדר והוא לבדו דר", ס'הייסט דאָס אייגענטליכע וואָרט איז „דר", און „דרדר" איז נאָר אַ פערקלענערונג, הגם „כי אחיו ממנו נעדר", אָבוואָהל דאָס וואָרט „דר" זעלבסט געפינען מיר נישט אין תנ"ך...

○

ויקרא האדם שם אשתו חוה... (ג. כ.)

וועגען די פרויען זאָגען די חז"ל, אַז זייערע צוויי הויפּט-מעלות זענען: „מצילות אותנו מן החטא ומגדלות בנינו לת"ת"... אויף חוה'ן אָבער, נאָכדעם ווי זי האָט צוגערעדט אדם'ן צום חטא פון עץ-הדעת, האָט מען שוין דאָן נישט געקאָנט מעהר זאָגען דעם שבח פון „מצילות אותנו מן החטא", און דעריבער „ויקרא האדם שם אשתו חוה, כי היא היתה אם כל חי", בלויז די מעלה פון „אם כל חי", פון „מגדלות את בנינו"...

(רבי יהושע'לע קוטנער)

○

ויעש ד׳ אלקים לאדם כתנות עור... (ג. כא.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש: „בתורתו של רבי מאיר מצאו כתוב כתנות אור״.

דאָס, וואָס עס האָט רבי מאיר׳ן בעוואויגען מגיה צו זיין אין דער תורה דאָס וואָרט „עור״ אויף „אור״, לאָזט זיך איינפאַך ערקלערען דער־מיט, ווייל אין אַ צווייט אָרט זאָגען די חז״ל, אַז אין די אַלע טעג, פון בריאת העולם ביז דאַמאָלס, איז קיין שום בעשעפעניש נישט געשטאָר־בען, טאָ ווי אַזוי האָט מען געקאָנט פאַר זיי מאַכען „כתנות עור״, העמ־דער פון פעל? און דעריבער האָט רבי מאיר איבערגעמאַכט אויף „כתנות אור״ — און געמיינט ווערט דערמיט אַ געוויסער געוויקס, וואָס רופט זיך „אור״, ווי מיר געפינען: „ויצא השדה ללקט אורות״ (מלכים ב׳ ב.) או „כי טל אורות טלך״ (ישעי׳ כו.).

(ר׳ יעקב

בתורתו של רבי מאיר מצאו כתוב „כתנות אור״ (אָנשטאָט „כתנות עור״), „והנה טוב מות״ (אָנשטאָט „טוב מאד״), „ובן דן חושים״ (אָנשטאָט „ובני דן״), „משא רומי״ (אָנשטאָט „משא דומה״). (ב״ר פ״ט, פ״כ, פ׳ צד; ירושלמי תענית פד.)

און דערמיט ווערט פערשטענדליך דער מאמר חז״ל: „לא רבי מאיר שמו, אלא רבי נהוראי שמו״ (עירובין יג.), אַז געהייסען האָט ער אייגענט־ליך ר׳ נהוראי און מאיר, ווייזט אויס, האָט מען איהם גערופען צוליעב די פיער ענדערונגען, וואָס מען האָט געפינען אין זיין ספר־תורה, אַלזאָ: די מ׳ פון „מות״, די א׳ פון „אור״, די י׳ פון „ובני דן״ און די ר׳ פון „רומי״...

(בית־ועד לחכמים)

○

ויהי מקץ ימים... (ד. ג.)

פאַרהאַן אַזעלכע גבירים, וואָס ביים גאַנצען לעבען, כל־זמן זיי פיה־לען זיך געזונד און קרעפטיג, ווילען זיי קיין פרוטה צדקה נישט געבען, מורא האָבענדיג, טאָמער חלילה וועט פאַר זיי בלייבען וועניג... ערשט אויף דער עלטער, ווען זיי פיהלען זיך שוין קראַנק און צובראָכען, ערשט דאַ־מאָלס הויבט זיך אָן דערוועקען אין זיי דאָס געפיהל פון צדקה. „ויהי מקץ ימים — און דאַן ערשט — ויבא קין מפרי האדמה מנחה לד׳״...

(לויט׳ן כלי־יקר)

○

הלא אם תיטיב שאת ואם לא תיטיב לפתח חטאת רבץ... (ד. ז.)

דאס ווארט „שאת" זאל דא האבען די בעדייטונג פון מתנה, פון לשון „וישא משאות מאת פניו" (בראשית מג. לד.), און דער פשט איז: קין איז געווען נידערגעשלאגען, פארוואס זיין מתנה איז נישט אנגענומען גע-וואָרען, און ער האט געטראכט, אז דאס איז מסתמא דערפאר, ווייל זיין מנחה איז געווען א קלענערע, אנ'ערגערע פון הבל'ס, און דערויף קומט דער ענטפער: „הלא אם תיטיב שאת ואם לא תיטיב" — אלץ איינס, צי דו וועסט יא ברענגען א גוטע מנחה צו גאט, צי נישט קיין גוטע; נישט אין דעם האנדעלט זיך עס און נישט דאס איז די סיבה, פארוואס דיין מנחה איז נישט אנגענומען געוואָרען; די אמת'ע סיבה איז, ווייל — „לפתח חטאת רובץ", ווייל ביי דיין טהיר לויערט די זינד...

(הרב ש. קליין)

○

לפתח חטאת רבץ ואליך תשוקתו... (ד. ז.)

דער דרך העולם איז, אז דער, וואס שטעהט ביי דער טהיר, דער ארימאן, בעגנוגענט זיך מיט א קלייניגקייט, מיט עטליכע פרוטות. ער אבער, דער יצר הרע, שטעהט ביי דער טהיר און „ואליך תשוקתו", און ער פערלאנגט דיך אינגאנצען, דיין גוף מיט דיין נשמה...

(דובנער מגיד)

○

ויקם קין אל הבל אחיו ויהרגהו... (ד. ח.)

„זה אומר בחלקי יבנה בית-המקדש וזה אומר בחלקי יבנה בית-המקדש". (מדרש)

דער ערשטער ברודער-מארד איז אויסגעבראכען צוליעב א מחלוקת מכלומרשט איבער'ן בית-המקדש און אזוי, לײדער, ציהט זיך עס ביז'ן היינ-טיגען טאג. אלע מלחמות, הריגות, רציחות און בלוט-פערגיסונגען אין משך פון דער גאנצער מענשליכער געשיכטע ביז היינט זענען ענטשטאנען און ענט-שטעהען אונטער'ן פאלשען אויסרייד פון „בית המקדש", כלומרשט צוליעב הייליגע, רוחניות'דיגע ציעלען, צוליעב העכערע, גייסטיגע אידעאלען...

(קול אומר קרא)

נח

נח איש צדיק תמים הי׳ בדרתיו... (ו. ט.)

דעם נאָמען „איש צדיק״ האָט זיך נח פערדיענט דערמיט, וואָס ער איז געוועזן אַ צדיק נישט-נאָר צו גאָט, נאָר אויך צו מענשען; נישט-נאָר „את האלקים התהלך נח״, נאָר אויך — „תמים הי׳ בדורותיו״...

(ר׳ יצחק וואָלאָזשינער)

אויף „בדורותיו״ זאָגט רש״י: „יש דורשים אותו לגנאי״.

רש״י וויל אונז דערמיט לאָזען הערען, אַז פאַר מענשליכע מיילער איז קיינער, אַפילו דער גדול-הדור, נישט בעוואָרענט, און אַז נישט שטענדיג, אַלזאָ, דאַרף מען זיך רעכענען דערמיט, וואָס „מענשען זאָגען״. אָט האָבען זיך דאָך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבען אויך וועגען נח׳ן גערעדט און גע׳דרשנ׳ט לגנאי, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס די תורה אַליין זאָגט אויף איהם עדות — „נח איש צדיק תמים היה״...

(רבי מאיר׳ל פרימישלאַנער)

O

כי מלאה הארץ חמס... (ו. יג.)

„לא נחתם גזר דינם אלא על הגזל״... (רש״י)

דען נישט צו גזלנ׳ן, נישט צו בערויבען איינער דעם צווייטען — דאָס איז די עלעמענטאַרסטע מענשליכע פליכט, וואָס ווערט דיקטירט דורכ׳ן איינפאַכען פערשטאַנד, וועגען וועלכען עס איז גאָר איבעריג צו וואָרענען...

(רמב״ן)

דעריבער איז זייער גזר-דין גע׳חתמ׳עט געוואָרען נאָר איבער׳ן חטא פון גזל, דען קוים האָט איין מענש קיין ורחמנות נישט אויפ׳ן צווייטען,

קאָן ער שוין דאַמאָלס נישט פערלאַנגען, אַז השי״ת זאָל אויף איהם יאָ רחמנות האָבען...

(רבי יוסף שאול נאַטאַנזאָהן)

דער חטא פון גזל איז געווען איינס פון די שבע מצוות, וועלכע זענען געגעבען געוואָרען צו אדם הראשון׳ן, איז מילא בנוגע אַלע איבריגע מצוות האָבען זיי געקאָנט האָבען אַ תירוץ, אַז זיי האָבען געמיינט, דאָס דידאָזיגע מצוות זענען פערפליכטענד בלויז פאַר אדם׳ן זעלבסט, נישט פאַר זיינע נאָכפאָלגער, די שפעטערע דורות... אויף דעם חטא פון גזל אָבער האָבען זיי שוין נישט געקאָנט זאָגען דעם תירוץ, דען דערמיט האָט מען דאָך זיכער נישט געקאָנט מיינען אויסשליסליך אדם׳ן — אויף אדם׳ן איז דאָך נישט שייך געווען דער איסור פון גזל...

(תורת יצחק)

○

כי אותך ראיתי צדיק... (ז. א.)

ווען — פלעגט זאָגען דער רבי פון לובלין — כ׳זאָל אפילו הערען פון אַ מלך אַליין, אַז איך בין אַ צדיק, וועל איך איהם נישט גלויבען, און ווען זאָגאַר דאָס זאָל מיר זאָגען השי״ת בכבודו ובעצמו, וועל איך איהם גלויבען נאָר אויף דערדאָזיגער מינוט, וואָרום קיין מענש, אפילו דער גרעסטער צדיק, קאָן נישט גאַראַנטירען, וואָס עס וועט זיין מיט איהם און ווי אַזוי ער וועט אויסזעהן אין אַ מינוט אַרום...

○

ויבא נח... מפני מי המבול... (ז. ז.)

„אף נח מקטני אמנה היה, מאמין ואינו מאַמין שיבא המבול״... (רש״י)

איז דאָך עס, ערשטענס, אַ סתירה צום בפירוש׳ן פסוק „נח איש צדיק״ און „כי אותך ראיתי צדיק״. צווייטענס, ווי געשיקט זיך עס דער אויסדרוק „מאמין ואינו מאמין״, ווי קאָנען זיין ביידע זאַכען צוזאַמען? אָדער מען גלויבט, אָדער מען גלויבט נישט...

נאָר דער פשט איז: נח איז געווען אַזאַ צדיק און אַזאַ איש תמים, אַז „אף מקטני אמנה היה מאמין״, אַז ער האָט אפילו אין די „קטני אמנה״ געגלויבט, האָבענדיג צו אַלעמען צוטרוי, האַלטענדיג אַלעמען פאַר ערליכע לייט, פאַר צדיקים, — וממילא, קוים זענען אַלע מענשען גוט, „ואינו מאמין

שיבא המבול״, האָט ער זיך גאַרנישט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז עס זאָל קאָנען קומען אַ מבול אויף דער וועלט...

(רבי יצחק וואָרקער)

O

שנים שנים באו אל נח אל התבה... (ז. ט.)

צוזאַמען מיט די פערשידענע ברואים, וועלכע האָבען זיך פאַרלעך־ווייז פערזאַמעלט אַרום דער תבה, איז אויך מיטגעקומען דער שקר און אויך ער האָט געוואָלט אַריינגעהן אהין, אָבער נח האָט איהם נישט אַריינ־געלאָזען, ערקלערענדיג, אַז יעדער דאַרף האָבען מיט זיך אַ בן־זוג, אַ פּאָר׳ל. איז דער שקר אַוועק און געבלאָנדזשעט איבער די גאַסען, זוכענדיג פאַר זיך אַ פּאַרטנער, און אַזוי בלאָנדזשענדיג האָט ער אָנגעטראָפען אויף שלימזל. פרעגט דער שקר דעם שלימזל: פון וואַנען קומסטו? ענטפערט שלימזל: פון נח׳ס תבה קום איך, מען לאָזט מיך נישט אַהין אריין, סיידען כ׳זאָל ברענגען מיט זיך אַ בן־זוג. רופט זיך אָן דער שקר: אויב אַזוי, טאָ לאָמיר זיך פעראייניגען, זענען מיר דען נישט קיין געפּאַסט פּאָר׳ל? האָט שלימזל מסכים געווען און זיי זענען ביידע אַריין אי דער תבה, שלי־סענדיג צווישען זיך פריהער אַן׳אָבמאַך, אַז אַלץ, וואָס שקר וועט פערדינ־נען, זאָל ער אַוועקגעבען שלימזל׳ן...

(מדרש שוחר טוב)

פון דאַנען איז צו זעהן, אַז:

א) אויך שקר און שלימזל האָבען זיך אַריינבעקומען אין נח׳ס תבה.

ב) פון דאַמאָלס אָן געהען שקר און שלימזל ביז׳ן היינטיגען טאָג צוזאַמען.

ג) דאָס, וואָס מען פערדיענט דורך שקר, געהט אַוועק מיט׳ן שלימזל...

O

ויהי המבול על הארץ... (ז. י.)

לויט דער מיינונג פון רבי יוחנן, האָט דער מבול אַרומגענומען די גאַנצע וועלט, אַחוץ די ערד פון ארץ־ישראל; דאָרט האָט ער קיין שליטה נישט געהאַט.

(זבחים קיג.)

O

מכל אשר בחרבה מתו... (ז. כב.)

„מכל אשר בחרבה מתו — ולא דגים שבים" (זבחים קיג.)

פאַרוואָס זענען די פיש גראָד געוועז אַנ'אויסנאַהם פון אַלע בעלי-חיים? — ווייל וועגען אַלע בעשעפעניש ווערט געזאָגט אין פסוק: „כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ", דרשנ'ן דערויף די חז"ל: „אפילו בהמה, חיה ועוף נזקקין לשאינן מינן". אָבער ביי פיש איז דערדאָזיגער חטא נישט שייך, דען אין ב"ק נ"ח ברענגט תוספות אין נאָמען פון ירושלמי, אַז „דגים אינן נרבעין ונזקקין לשאינן מינן"...

(תורה תמימה)

○

וימח את כל היקום... מאָדם ועד בהמה. (ז. כג.)

אויב דער מענש האָט געזינדיגט, וואָס איז די בהמה שולדיג?

נאָר משל למה הדבר דומה, צו איינעם, וואָס האָט איינגעאָרדענט אַ חופה פאַר זיין זוהן און צוגעגרייט אַ סעודה מיט די פערשיעדענסטע שפייזען. פלוצים האָט מיט'ן זוהן אַנ'אומגליק פּאַסירט און ער איז געשטאָרבען, האָט דער פאָטער די חופה צושטערט און די סעודה פערניכטעט, זאָגענדיג: דאָס אַלץ האָב איך דאָך לכבוד מיין זוהן צוגעגרייט, אַהן איהם איז דאָך איבריג די חופה און איבריג די סעודה.

פאַר וועמען זענען די בהמות און חיות בעשאַפען געוואָרען? — פאַר'ן מענש, פאַר זיין געברויך; אָהן איהם — ווער דאַרף זיי?

(סנהדרין קח.)

אויפ'ן פסוק „וימח את כל היקום" זאָגט דער אבן-עזרא: „ומלת היקום לא מצאנוהו כי אם בפרשה הזאת"...

פרעגט מען: ווי קומט עס, אַז דער אבן-עזרא זאָל פערזעהן אַ בפירוש'ן פסוק אין פ' עקב — „ואת כל היקום אשר ברגליהם"?...

איינגיגע ווילען ענטפערן, אַז דאָס בעציהט זיך צו דער ווייטערער שטעלע אינ'ם זעלבען אבן-עזרא, וואו עס ווערט געזאָגט: „ומלת יקום כלל לכל חי שהוא על האדמה", און דאָס מיינט ער צו זאָגען מיט דעם „לא מצאנוהו כי אם בפרשה הזאת", דען דאָס וואָרט „היקום" אין פ' עקב בעציהט זיך נאָר אויף דוממים, נישט אויף בעלי-חיים.

○

וישאר אך נח... (ז. כג.)

„שאיחר מזונות לארי והכישו" (רש"י)...

און אַט דאָס, משמעות, — פלעגט זאָגען רבי שמעון יאַראָסלאַווער בדרך-הלצה — מיינט די גמרא: „אחורי ארי ולא אחורי אשה" (ברכות סא.), שוין בעסער צו פערשפעטיגען („אחורי" פון לשון איחור — פערשפעטיגען) די מזונות פאַר'ן לייב, איידער פאר דער פרוין; מיט איהר אַנצוואַיבצן איז נאָך פיעל געפעהרליכער...

○

והבא אליו היונה לעת ערב... (ח. יא.)

א מערקווירדיגען פשט געפינען מיר אויפ'ן דאָזיגען פסוק אין „מגדל עוז" פון יעב"ץ. דערפאַר — ווערט דאָרט געזאָגט — איז די טויב מיט'ן בלאַט אין מויל צוריקגעקומען לעת-ערב, ערשט פאַרנאַכט, ווייל דערדאָזיגער טאָג איז געווען שבת און די טויב רייסט נישט קיין געוויקסען אום שבת...

○

והנה עלה-זית טרף בפיה... (ח. יא.)

די זינד פונ'ם דור המבול איז בעשטאַנען, כידוע, אינ'ם „ותשחת הארץ", אויף וואָס די חז"ל ערקלערען, אַז נישט-נאָר די מענשען, נאָר אויך אַלע איבעריגע בעלי-חיים און זאָגאַר די בוימער האָבען זיך מתדבק געווען „מין בשאינו מינו"... און דעריבער האָט די טויב — אַלס צייכען, אַז דער מבול האָט אויפגעהערט — געבראַכט אַנ'„עלה-זית" אין מויל, דען א זית, ווערט געזאָגט אין ירושלמי, איז נישט מקבל קיין הרכבה; אַנ'איילבירט-בוים לאָזט זיך נישט בעהעפטען מיט קיין פרעמדען מין...

(געהערט)

„יהי' מזונותי מרורין כזית בידו של הקב"ה ואל יהי' מתוקים כדבש בידי בשר ודם" (רש"י)

אַנקומען נאָך מזונות צו א בשר-ודם, איז פונקט, ווי אַנקומען נאָך האָניג צו דער ביהן: ביים בעקומען פון איהר דאָס ביסעל האָניג איז מען אויסגעשטעלט צו ווערען פון איהר געביסען, צו ליידען צער און יסורים...

(רבי נפתלי ראָפשיצער)

○

למשפחתיהם יצאו מן התבה... (ח. יט.

דערויף דרשנ'ען די חז"ל (סנהדרין קח.): „למשפחותיהם — ולא הם"... רש"י, ווי אויך דער מהרש"א און פיעל אַנדערע מפרשים מאַטערן זיך צו ערקלערען מיט פערשידענע פשטים דעמדאָזיגען אונפערשטענדליכען מאַמר. אַמבעסטען אָבער לאָזט זיך עס ערקלערען אויף פאָלגענדען אופן: לויט דער מסורה (אין עדיות פ"ב), האָט דער משפט פון דור-המבול געדויערט גאַנצע צוועלף חדשים, און געזאָגט ווערט (אין חולין נח.): כל בריה שאין בה עצם אינה חיה י"ב חדש", — און היות ווי דער משפט פון דור-המבול האָט זיך געצויגען צוועלף חדשים צייט, קומט דאָך אַלזאָ אויס, אַז דאָס-דאָזיגע מין בעשעפענישען איז במשך פון דער צייט אויסגעגאַנגען און אַרויס פון דאָרט זענען נישט זיי אַליין, נאָר זייערע משפחות...

(חלקי אבנים)

○

ויאמר ד' אל לבו... (ח. כא.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש רבה פון דערדאָזיגער סדרה (פרשה לד.): „הרשעים הן ברשות לבן — „אמר נבל בלבו", „ויאמר עשו בלבו" וכו', אבל הצדיקים לבן ברשותן — „וחנה מדברת על לבה", „ויאמר דוד אל לבו" וכו'.

פרעגט זיך: אין פ' לך-לך (יז. יז.) געפינען מיר דאָך בפירוש ביי אברהם'ן: „ויאמר בלבו"?...

אַלס ענטפער דערויף ווערט אָנגעוויזען, אַז אין „מדרש לקח טוב" (המכונה „פסיקתא זוטרתא") הוצאת באָבער ווערט דער דערמאָהנטער מאַמר געבראַכט אין אַ גאַנץ אַנדער נוסח, נעמליך: „בכל מקום אתה מוצא בבני אדם, בצדיקים — „אל לבו", וברשעים — „בלבו", חוץ מזה — „ויאמר בלבו"... דאָסזעלבע ווערט אויך בעמערקט אין חזקוני פ' לך.

○

ויום ולילה לא ישבתו... (ח. כב.)

און אַזוי זעהען מיר טאַקע אין דער ווירקליכקייט: אויף איין רגע ווערען זיי אין זייער טעטיגקייט נישט אָבגעשטעלט; ווען ביי אונז איז טאָג, איז אין אַמעריקא נאַכט, און דאָסזעלבע פערקעהרט...

(יערות דבש)

דער פסוק „ויום ולילה לא ישבתו" — ערקלערען די חז"ל — איז א לאו, אנ'אזהרה לבני נח, אז „בן נח ששבת חייב מיתה"... ווי אזוי אלזא, פרעגען די מפרשים, האָט אברהם (לויט די חז"ל) אָבגעהיט שבת, ער איז דאָך געווען אין כלל פון די בני נח?... דערויף ענטפערט דער הפלאה, אַז אין פסוק רעדט זיך נאָר וועגן אַ שבת פון „יום ולילה", לויט ווי ער ווערט אָבגעהיט ביי די גוים — פריהער דער טאָג און נאַכהער די נאַכט, אָבער נישט וועגן היטען שבת אויפ'ן אידישען שטייגער — „לילה ויום"...

○

ויטע כרם... (ט. יח.)

בשעת נח האָט זיך געשטעלט פלאַנצען דעם וויינגאָרטען, איז געקומען דער שטן און איהם פאָרגעלעגט, ער זאָל איהם צונעהמען אלס שותף, זיי זאָלען פלאַנצען צוזאַמען. האָט נח מסכים געווען און דער שטן האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט: צום ערשטען האָט ער געבראַכט אַ שעפּס און איהם געשאָכטען, בעשפּריצענדיג מיט זיין בלוט דעם פערפלאַנצטען וויינשטאָק, דאַן האָט ער געבראַכט אַ לייב און איהם געשאָכטען און דאַן האָט ער דאָסזעלבע געטהון מיט אַ חזיר... און דעריבער — בעת דער מענש טרינקט אויס דעם ערשטען בעכער וויין, ווערט ער דאַן ליעבליך און געמיטליך, ווי אַ שעפּסעל; נאָכ'ן צווייטען בעכער ווערט ער מונטער און בעקומט קוראַזש, ווי אַ לייב; נאָכ'ן דריטען און פיערטען כוס ווערט ער עהנליך צו אַ חזיר, וואָס וואַלגערט זיך איז בלאָטע...

(מדרש אבכיר)

○

וישת מן היין וישכר... (ט. כא.)

רבי אַביש פראַנקפורטער איז בטבע געווען אַ מזג־טוב, וועלכער פלעגט קיינעם אין קיין בקשה נישט אָבזאָגען. איינמאָל איז אַריינגעקומען צו איהם אַ איד, וועלכען מען האָט געקענט אין שטאָדט אַלס אַזעלכען, וועלכער האָט נישט פיינט דעם „ביטערען טראָפּען", און געבעטען רבי אַביש'ן, ער זאָל איהם אַרויסגעבען אַ כתב־המלצה צו אידען רחמנים בני רחמנים, מען זאָל איהם אַרויסהעלפען מיט שענע נדבות און איהם בייהילפיג זיין אין דער מצוה פון הכנסת־כלה, מחמת ער האָט נעבעך עטליכע פערזעסענע בוגרות'ן חתונה צו מאַכען. רבי אַביש האָט איהם גלייך אַרויסגעגעבען אַזאַ בריעף, וועלכער האָט געהאַט אַ שטאַרקע פעולה אויף די נותנים. דער פאַרשוין

אָבער האָט די געזאַמעלטע נדבות פערוועגדעט אויף עפּיס אַנדערש — ווי־נאָר ער פלעגט פון וועמען בעקומען אַ מטבע, האָט ער זיך גלייך אוועק־געלאָזט אין שענק און עס פערטרונקען... איינמאָל, בעקומענדיג פון איינעם אַ גאָר היבשע נדבה, האָט ער זיך אַזוי אָנגע׳שכור׳ט, אַז נאָכ׳ן אויסניכ־טערן זיך האָט ער צו זיין גרויסער שרעק דערזעהן, אַז ער האָט פער־לוירען, אָדער מען האָט איהם פון טאַש אַרויסגע׳גנב׳עט דעם מליצה־בריעף... ער איז אוועקגעלאָפען צו רבי אַבישׁ׳ן און בדמעות שליש איהם גענומען בעטען, ער זאָל איהם אַרויסגעבען אַ צווייטען בריעף. דערויף האָט רבי אַבּיש, וועלכער האָט זיך שוין ביני לביני דערוואוסט וועגען זיין שענער אויפפיהרונג, זיך אָנגערופען צו איהם: כל ימי איז ביי מיר געווען אַ פליאה, פון וואַנען נעהמט זיך עס, וואָס די וועלט איז געוואוינט צו זאָ־גען: „שכור ווי לוט״,—דער ערשטער שכור אין דער וועלט איז דאָך גע־ווען נח, טאָ פאַרוואָס זאָגט מען נישט: „שכור ווי נח״? נאָר דער תירוץ איז: נח האָט נישט געהאַט קיין טעכטער און ער האָט נישט געדאַרפט זאָרגען וועגען נדנים פאַר זיי, האָט ער זיך געמעגט פערגינען צו טרינקען, אָבער דו, לוט, דו האָסט זיצען עטליכע בוגרות׳ן אין שטוב, ולסוף ליעגסטו גאָר אין די שענקען און שכור׳סט?...

○

ויּרא חם אבי כנען... עבד עבדים יהיה לאחיו. (ט. כב.)

„כנען ראה והגיד לאביו״ (רש״י)...

און דעריבער איז דער דין „עבד כנעני יוצא בשן ועין״, דען זיי, דידאָזיגע צוויי אברים, זענען געווען די סיבּה, וואָס האָט גורם גע־ווען צו זיין עבדות. „ראה והגיד״ — „עין״ און „שן״...

(אוצר החיים, אויף אַן־עהנליכען אופן אויך אין מדרש תנחומא)

○

על־כן יאָמר כנמרד גבור ציד לפני ד׳... (י. ט.)

דאָס רשעות פון נמרוד׳ן איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אָבגעטהון כל דאָס ביין אונטער׳ן תירוץ — „לפני ד׳״, אַז מיט דעם אַלעם איז ער גאָר אויסען מכלומרשט לשם־שמים...

(אורח חיים)

○

ויהי כל הארץ שפה אחת... (יא. א.)

גרויס איז דער שלום. דער דור-הפלגה איז פונקט אזוי זינדיג געווען, ווי דער דור-המבול; אבער דער דור-המבול, ווייל ער האט זיך פערנומען מיט גזל און רויב, איז ער אונטערגעגאנגען, אבער דער דור-הפלגה, ווייל זיי האבען זיך ליעב געהאט איינער דעם צווייטען, איז ער נישט אונטער-געגאנגען.

גרויס איז דער שלום. ווען אפילו די אידען זאלען דיענען עבודה-זרה און עס זאל הערשען צווישען זיי שלום, קאן זיי כביכול קיין שום שלעכטס נישט טהון...

(בראשית רבה)

ג

ותהי להם הלבנה לאבן... (יא. ג.)

דערויף ווערט געזאגט אין ילקוט: „מצלחא בידיהון, אתיו למבני חדא והוא בנוי תרתי" (די הצלחה האט זיי געשפיעלט. פון איין ציגעל איז געווארען צוויי). פון וואנען נעהמט עס דער ילקוט דעמדאזיגען מערקוויר-דיגען דרש, וואו איז דאס מרומז אין פסוק?

דער ענטפער איז: אין די ווערטער „ותהי להם הלבנה לאבן" איז באמת פארהאן א גרויסע סתירה, דען צווישען „לבנה" און „אבן", ווי עס ווערט ערקלערט אין דער ערשטער משנה פון בבא-בתרא, איז א בעדיי-טענדער אונטערשיד. „לבנה" – זאגט דארט די משנה – האלט דריי טפחים, דאגעגען „גויל" (און „גויל", פערטייטשט דארט די גמרא, מיינט מען „אבן") האלט פונקט דאפעלט: זעקס טפחים, טא ווי אזוי זשע געשיקט זיך דא דער אויסדרוק „הלבנה לאבן", ווערהענד דאס זענען דאך צוויי בעזונדערע זאכען? – אט דאס איז קשה געווען דעם בעל-הילקוט און דערפון האט ער אלזא גענומען דעם דרש, אז „אתיו למבני חדא והוא בנוי תרתי". פון „לבנה", הייסט עס, איז געווארען אנ׳„אבן", פון דריי טפחים – זעקס, פון איין ציגעל – צוויי...

(רבי ר׳ העשיל)

ס

ויהיו ימי תרח חמש שנים ומאתים שנה... (יא. לב.)

אין אור החיים אויפ׳ן דאזיגען פסוק ווערט געזאגט, אז תרח איז אלט געווען אכט און זעכציג יאהר בשעת ער האט געבוירען אברהם׳ן. איז דאך

עס אונפערשטענדליך! מיט עטליכע פסוקים פריהער שטעהט דאָך בפירוש: „ויחי תרח שבעים שנה ויולד את אברם, את נחור ואת הרן״ ?...

אויף דערדאָזיגער בעקאַנטער וועלט-פראַגע פרובען אייניגע ענטפערן, אַז דער זין פון לעצטען דערמאָהנטען פסוק איז, אַז אַלט ווערענדיג זיעבּציג יאָהר האָט דאַן תרח שוין געהאַט געבוירען די דריי אויסגערעכענטע זיהן, און היות ס'איז דאָך נישט אָנצונעהמען, אַז אַלע דריי זענען געבוירען געוואָרען אין איין יאָהר, דרינגט אַלזאָ דערפון דער אוה״ח, אַז אברהם'ן, דעם בכור, האָט ער געבוירען צו אַכט און זעכציג יאָר, שטיצענדיג זיך דערביי אויף דער גמרא אין סנהדרין ס״ט און אין מדרש רבה, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז יעדער איינער פון זיי איז געוועזן עלטער מיט אַ יאָהר פון צווייטען.

אַזוי ווערט געענטפערט. אָבער, אויסער וואָס דאָס איז אין היפּוך צו די ווערטער פון רש״י, וועלכער זאָגט דייטליך אויפ'ן פסוק „וימת תרח״ — „ותרח בן שבעים שנה היה כשנולד אברם״, ווערט חוץ לזה, לויט דערדאָזיגער ערקלערונג, קשה דער מדרש (ווערט אויך געבראַכט אין רש״י) אויפ'ן פסוק „ויהי נח בן חמש מאות שנה ויולד את שם, את חם ואת יפת״. עס ווערט דערויף געזאָגט דאָרט אין מדרש: „אמר ר׳ יודן מה טעם כל הדורות הולידו לק׳ שנה וזה לת״ק וכו׳״ ?... אַלזאָ, אויך אינ'ם דאָזיגען פסוק ווערען דאָך אויסגערעכענט אַלע דריי זיהן צוזאַמען, איז אויב זשע מען זאָל זאָגען, אַז דאָס וואָרט „ויולד״ בעציהט זיך נישט אויפ'ן געבורט פון ערשטען זוהן, נאָר אויפ'ן לעצטען, קומט דאָך בכן אויס, אַז די ערשטע צוויי זיהן זענען געבוירען געוואָרען פריהער, נאָך איידער נח איז אַלט געוואָרען פינף הונדערט יאָהר, און אויף אַזאַ אופן פאַלט דאָך אַלזאָ אַוועק די פראַגע פון ר׳ יודן: „מה טעם כל הדורות הולידו וכו וזה לת״ק״ ?...

לֶךְ-לְךָ

לך-לך מארצך... (יב. א.)

„לך לך" — דער, וואָס געהט קיין ארץ-ישראל, געהט ער צו זיך, צו זיך זעלבסט...

(עוללות אפרים)

ארץ-ישראל איז דאָס אויסדערוועהלטע לאַנד, דאָס האַרץ פון דער וועלט, „ארץ אשר ד' אלקיך דורש אותה"... א"י איז בעשטימט געוואָרען פון דער השגחה העליונה אויסשליסליך פאַר'ן פאָלק ישראל. ס'איז דער אָנגעצייכענטער זווג, וועלכע קאָנען איינער אָהן צווייטען קיין רוה נישט געפינען... ווען ישראל זיצט אויף זיין ערד, דאַן איז „מצא מין את מינו", דאַן בעקומען זייביידע זייער געהעריגען תיקון; ווען אָבער ישראל איז דערווייטערט פון לאַנד, איז ער דאַן דערווייטערט פון זיך זעלבסט, פון זיין אייגענעם „איך" און איז ווי אַ גוף אָהן אַ נשמה, ווי אָבגעריסען פון שורש: „כל הדר בחוץ-לארץ דומה כמי שאין לו אלוה"... און דעריבער — „לך לך", אויב דו ווילסט קומען צו זיך, צו דיין אייגענעם שורש, מוזטו געהן „אל הארץ אשר אראך", צו דעם לאַנד, וואָס איז פאַר דיר בעשטימט געוואָרען — נאָר דאָרט וועסטו דיין תיקון געפינען...

(כלי חמדה)

מארצך וממולדתך ומבית אביך...

געדאַרפט וואָלט דאָך אין פלוג שטעהן פערקעהרט: „מבית אביך וממולדתך ומארצך", דען אַזוי איז דאָך דער ריכטיגער, כראָנאָלאָגישער סדר... נאָר בשעת אַ מענש פערלאָזט זיין היים, איז דאָס וואָס עס איז איהם נעהנטער צום האַרצען, לענגער בלייבט עס איהם אין זכרון: פריהער פערגעסט ער דאָס לאַנד, נאָכהער — די געבורטס-שטאָדט, און דאַן ערשט, אין אַ צייט אַרום — די פאַמיליע...

(אלשיך)

○

ואעשך לגוי גדול... (יב. ב.)

„לפי שהדרך גורמת לשלשה דברים, ממעטת פריה ורביה וממעטת את הממון וממעטת את השם" (רש"י).

אזוי איז בעת'ן וואנדער-וועג פון א יחיד, און אזוי איז עס אויך, ווען א גאנץ פאלק איז נע־ונד. „ממעטת פריה ורביה" — אין דער צייט פון חורבן בית שני האט דאס אידישע פאלק געצעהלט לערך זעקס מיליאן נפשות. לויט'ן פערמעהרונגס-פראצעס און לויט'ן ריינעם פאמיליען-לעבען, מיט וועלכען אידען האבען זיך פון תמיד אן אויסגעצייכענט, האבען מיר היינט, נאך קרוב צוויי טויזענד יאהר, געדארפט זיין איינס פון די גרעסטע און צאהלרייכסטע פעלקער אין דער וועלט, א פאלק פון לכל־הפחות הונ־דערט און פופציג מיליאן נפשות; אבער דער גלות מיט זיינע צרות און רדיפות, מיט זיינע אונאויפהערליכע שחיטות און פאגראמען בכל דור ודור האט אונז פערניכטעט אויף אזא גרויזאמען אופן, אז אונזער צאהל דערגרייכט היינט קוים ביז אכצעהן מיליאן... „וממעטת את הממון" — וויפיעל קאפיטאל און פערמעגען האט דאס פלייסיגע, ענערגישע, ארבייטזאמע אידישע פאלק צונויפגעזאמעלט במשך פון די טויזענדער יאהרען. מיר האבען איצט גע־דארפט זיין דאס רייכסטע פאלק אין דער וועלט; ולסוף — וואו איז דאס אידישע עשירות און ווי אזוי זעהט־אויס היינט די מאטעריעלע לאגע פון די אידישע מאסען?... „וממעטת את השם" — דער גלות האט אונז, דאס אמאל חשוב'סטע און געאכטעטסטע פאלק אין דער וועלט, דערנידריגט צו דער שפל'דיגסטער מדרגה, צו שאנד און צו שפאט זענען מיר, ללעג ולקלס... דער איינציגער אויסוועג, אלזא, און די איינציגע רעטונג איז דעריבער — „לך לך מארצך... אל הארץ אשר אראך".

(דרשות הרב גיסענבוים)

„ואעשך לגוי גדול — זהו שאומרים אלקי אברהם" (רש"י).

ווען מען דערצעהלט וועגען א געוועהנליכען, דורכשניטליכען מענשען, אז ער פערמאגט עטליכע צעהנדליג טויזענדער טאלער, איז דאס גענוג, אום עס זאל מאכען אויף די צוהערער א געוויסען איינדרוק. זאל מען אבער דאסזעלבע זאגען וועגען א בעריהמטען פריץ און גראף, וועט עס קיין איינדרוק נישט מאכען. אויף אזעלכען, אויב מען וויל ריהמען זיין גרויס־קייט, דארף מען דערצעהלען, אז ער פערמאגט זיין אייגענס גאנצע דער־פער און הונדערטער קנעכט. וויל מען ריהמען די רייכקייט פון א קעניג, ווערט דערצעהלט, אז ער בעזיצט עטליכע מדינות, טויזענדער שטעדט, ריזיגע

חיילות. רעדט מען אָפּער וועגען מלך מלכי המלכים, דאַן מוז מען שוין לשם־רושם דערצעהלען, אַז די גאַנצע וועלט איז זיין, הגם באמת איז אויך דאָס פאַר איהם אַ גאַנץ קליינער שבח...

און אָט דאָס, אַלזאָ, איז די רבותא: „זהו שאומרים אלקי אברהם". דאָס חשיבות און דער יחוס פון אברהם'ן וועט אַזוי ווייט דערגרייכען, אַז ווען מען וועט וועלען ריהמען דעם איבערשטען, וועט מען זאָגען: ער איז דער גאָט פון אברהם; אַזש אַזאַ פּערזענליכקייט, ווי אברהם, איז זיין דיענער...

(דובנער מגיד)

לך לך מארצך וכו' ואגדלה שמך.

גרויס ווערען קאָן מען נאָר אין דער פרעמד, דען — „אין נביא בעירו"...

(רבי משה חפץ)

אויף די ווערטער פון די חז"ל: „לא אדו ראש", אַז ראש־השנה קאָן נישט געפאַלען אין די טעג פון „אדו" (יום א', יום ד', יום ו'), פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפּשיצער בדרך־הלצה, אַז אַ „דו", דאָרט וואו דער מענש איז היימיש און אַלע זענען מיט איהם „פער דו", קאָן ער נישט ווערען קיין ראש...

O

והיה ברכה...

„בך חותמין ולא בהם" (רש"י).

„על שלשה דברים — זאָגען די חז"ל — העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות־חסדים". און כידוע האָבען די אָבות סימבאַליזירט מיט זיך דידאָזיגע דריי עמודים פון דער וועלט: אברהם (וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט דער מדה פון הכנסת־אורחים) איז געווען דער עמוד פון גמילות־חסדים; יצחק (וועלכער איז גרייט געווען צו לאָזען זיך מקריב זיין אויף דער עקידה) — דער עמוד העבודה; יעקב (וועלכער האָט געלערענט בבית־מדרשם של שם ועבר) — דער עמוד־התורה.

בעיקבתא דמשיחא, ווען עס וועט ליידער נתמעט ווערען דער לימוד־התורה און עס וועט נישט זיין קיין עבודה, וועלען אידען עקזיסטירען אין זכות פון גמילות־חסדים — און דאָס, אַלזאָ, איז דער פשט: „בך חותמין",

מיט דיר וועלען אידען ענדיגען דעם גלות און אויף דיר וועלען זיי זיך האלטען — אויף גמילות־חסדים...

(רבי יחזקאל מקאזמיר)

„בך חותמין ולא בהם".

משה רבינו האט געבעטען: „ונפלינו אני ועמך", אז אידען זאלען איינגאנצען זיין אבגעטיילט און אבגעזונדערט פון אלע אנדערע פעלקער. דאסזעלבע, זאגט דער מדרש, האט אויך יעקב מתפלל געווען. אברהם אבער איז, אלס „אב המון גוים", געגאנגען אין א גאנץ אנדערען דרך, שטרעבענדיג מקרב צו זיין אלעמען „תחת כנפי השכינה", אידען זאלען נישט זיין קיין יוצאים מן הכלל, נאר — „ויעשו כלם אגודה אחת", און דערויף איז איהם געגעבען געווארען די הבטחה: „בך חותמין", ענדיגען וועט זיך עס מיט דיין וואונש און לעתיד וועט זיין — „והיה ד' למלך על כל הארץ"..

(נחלת יעקב פון ליסער רב)

○

ואת הנפש אשר עשו בחרן... (יב. ה.)

ווען א מענש האט רחמנות אויף אנ'ארימאן און ער העלפט איהם ערנעהרען, איז גלייך, ווי ער וואלט איהם בעשאפען, ווי מיר זעהען עס ביי אברהם. דערפאר, ווייל ער איז א מכניס־אורח געווען און ער האט רחמנות געהאט אויף מענשען, ווערט געשריבען אויף איהם: „ואת הנפש אשר עשו בחרן"...

(זוהר)

○

אמרי נא אחותי את... (יב. יג.)

„מכאן — ווערט דערויף געזאגט אין מדרש — ששוחטין לחולה בשבת".

וואס איז די כונה פונ'ם דאזיגען מדרש פליאה און וואס ווערט גע־מיינט דערמיט?

נאר, ווי עס שיינט, איז אינ'ם דאזיגען מדרש אנגעוויזען די בע־קאנטע פראגע, ווי אויך דער ענטפער פון רמב"ן. דער רמב"ן פרעגט: צוליעב וואס האט אברהם זיך געדארפט בענוצען מיט דער המצאה פון „אמרי נא אחותי את"; קוים האט איהם השי"ת געגעבען אזא דייטליכע הבטחה „ואעשך לגוי גדול", האט ער דאך געדארפט זיין רוהיג און האבען

בטחון? איז דער ענטפער: דאָס, וואָס דער מענש איז אימשטאַנד צו טהון בדרך־הטבע — דאַרף ער קודם־כל פון זיין זייט טהון און נישט זיצען מיט פערלעגטע הענד און וואַרטען אויף נסים.

דערזעלבער ענטפער ווערט אויך געגעבען אויף דער פראַגע, הלמאי מען מעג צוליעב פקוח־נפש, צוליעב א חולה מסוכן, מחלל־שבת זיין; ממה־נפשך: אין אויפ׳ן חולה נגזר געוואָרען צו לעבען, איז דאָך נישט נויטיג דער חלול־שבת, אלא חלילה נישט — וועט דאָך נישט פועל׳ן דער חלול־שבת? איז דער ענטפער: דער מענש איז קודם־כל מחויב צו טהון דאָס זייניגע און נישט צו פערלאָזען זיך אויף נסים...

און אָט דאָס איז דער זין פונ׳ם דערמאָהנטען מדרש. „אמרי נא אחותי את": הגם מען האָט בטחון צו גאָט, בעפרייט עס אָבער נישט פון די איי־גענע מענשליכע פליכטען, און דעריבער, צוליעב׳ן זעלבען טעם, איז — „מכאן ששוחטין לחולה בשבת"...

(רבי אליעזר סופר)

○

ואברם כבד מאד במקנה בכסף ובזהב — וילך למסעיו... (יג. ב.)

דערויף זאָגען די חז״ל (ווערט אויך געבראַכט אין רש״י): „בחזירתו פרע הקפותיו".

פון וואַנען נעהמען דאָס די חז״ל און וואָס צווינגט זיי צו טייטשען, אַז „פרע הקפותיו", אַז אברהם איז געווען א בעל־חוב און מיט דעם געלד, וואָס ער האָט בעקומען פון פרעה׳ן, האָט ער, צוריקגעהענדיג פון מצרים, אָבגעצאָהלט די חובות?

ווייל די חז״ל איז געווען קשה, פאַרוואָס האָט אברהם זיך אויפגע־פיהרט מיט פרעה׳ן אַנדערש, ווי מיט׳ן מלך סדום; פאַרוואָס האָט ער פונ׳ם מלך סדום קיין שום געלד און מתנות נישט געוואָלט נעהמען און פון פרעה׳ן האָט ער יאָ גענומען? און דעריבער ערקלערען זיי: „בחזירתו פרע הקפותיו" — דערפאַר האָט ער ביי פרעה׳ן יאָ גענומען כסף וזהב, ווייל ער איז דאַמאָלס געווען אַן אָרימאַן, א בעל־חוב, און ער האָט זיך גענויטיגט אין געלד אָבצוצאָהלען די חובות...

(רבי שלמה קלוגער)

„בחזירתו פרע הקפותיו" — און דערפאַר שטעהט „כבד מאד", דען בעצאָהלען חובות קומט־אָן א מענשען זעהר שווער — דער יצר־הרע לאָזט נישט...

(הנ״ל)

„בחזירתו פרע הקפותיו" — ער האָט אָבגעצאָהלט די תשובות, וואָס ער איז שולדיג געווען דעם עולם. היתכן — האָט דער עולם זיך געוואונ-דערט און קשיות געפרעגט — דערדאָזיגער אברהם איז אַזאַ צדיק ולסוף איז ער נעבעך געצוואונגען צו וואַנדערן, צו זיין נע-ונד? אַזאַ צדיק — און ער ליידט גאָר הונגער? אַזאַ צדיק — און די מצריים רויבען אַוועק ביי איהם דאָס ווייב?... איצט, ווען ער האָט זיך אומגעקעהרט פון דאָרט אָנ-געלאָדען „במקנה, בכסף ובזהב", זענען מיט איינמאָל אַלע קשיות פערענט-פערט געוואָרען...

(מצח אהרן)

וילך למסעיו...

היה הולך ולן באכסניות שלן בהם בהליכתו למצרים" (רש"י).

דען געוועהנליך זענען זיך אויפגעקומענע גבירים נוהג, אַז ווערענדיג פלוצים אויפגעריכט מיט עשירות, ענדערן זיי מיטאמאָל זייער גאַנצען לע-בענס-שטייגער און הויבען-אָן פיהרען אַ ברייטען נגיד'ישען שטאַט, ביי-טענדיג די דירות, פערפאָהרענדיג אין שענערע, רייכערע האָטעלען... אָבער אברהם, כאָטש ער איז אַזוי שטאַרק נתעשר געוואָרען, האָט ער זיך פונ-דעסטוועגען ווייטער געפיהרט אַזוי ווי פריהער, און אויפ'ן וועג צוריק איז ער איינגעשטאַנען אין דיזעלבע ביליגע אכסניות, וואָס אַהין-וועג...

(כתב סופר)

○

וילך למסעיו מנגב ועד בית אל... (יג. ג.)

נישט ווי אונזערע היינטיגע געוויסע גבירים, וועלכע, וואָס רייכער זיי ווערען, אַלץ מעהר דערווייטערן זיי זיך פון דער אידישער סביבה, פון שוהל און בית-מדרש, פון — „בית-אל"...

(מטה אהרן)

○

והכנעני והפרזי אָז ישב בארץ... אַל נא תהי מריבה ביני וביניך... (יג. ח.)

לאָמיר זיך נישט אַרומקריגען, וואָרום „והכנעני והפרזי אָז יושב בארץ" — און ווען צוויי צדדים קריגען זיך, געווינט שטענדיג דערפון דער פרעמדער, דער דריטער צד...

(עוללות אפרים)

○

אַל-נא תהי מריבה ביני ובינך... כי אֲנשים אַחים אֲנחנו.

און ווען קרובים און פריינד צוקריגען זיך, איז דאָן די שנאה צווי-שען זיי פיעל שטאַרקער און שאַרפער, ווי געוועהנליך. אַ קלאַפּ, וואָס מען בעקומט פון אַן׳אייגענעם, אַ קרוב, טהוט מעהר וועה, ווי אַ קלאַפּ פון אַ פרעמדען...

און דאָס, אַגב, איז דער טייטש פון „נאמנים פצעי אוהב״: די „פּצעי אוהב״, די וואונדען פון אַ פריינד, זענען פיעל טרעפליכער און פיהל-באַרער...

(הדרש והעיון)

ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין והוא כהן לאל עליון... (יד יח.)

רבי מאיר׳ל פּרימישליאַנער האָט זיך אמאָל געטראָפען מיט רבי שלמה קלוגער און עס האָט זיך פערבונדען צווישען זיי אַ טיעפער שמועס וועגען לומדות און צדקות, רופט זיך אָן רבי מאיר׳ל און זאָגט:

פידוע, אַז מלכי-צדק, וועלכער איז געווען שם בן נח, געווען כלו תורה און געפיהרט אַ ישיבה, אין וועלכער יעקב אָבינו האָט געלערענט פיערצעהן יאָהר. אברהם ווידער איז געווען אינגאַנצען אַריינגעטהון אין הכנסת-אורחים, און דעריבער, אַז דידאָזיגע צוויי צדיקים האָבען זיך בע-געגענט, איז „ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין״, האָט מלכי-צדק מוציא געווען פון אברהם׳ען און זיך אָבגעלערענט פון איהם די מדה פון הכנסת-אורחים; „והוא״, און ער, אברהם, האָט אָבגעלערענט פון מלכי-צדק דעם ענין פון „כהן לאל עליון״, ווי אַזוי עוסק צו זיין בתורה...

דעריבער — ווערט געזאָגט בדרך-הלצה — האָט מלכי-צדק מקבל פּנים געווען אברהם׳ן מיט אַזאַ קליינער נתינה, מיט „לחם ויין״, ווייל „והוא כהן לאל עליון״ — און כלי-קדש זענען געוואוינט צו נעהמען, נישט צו געבען...

והאמין בד׳ ויחשבה לו לצדקה... (טו. ו.)

פרעגט זיך: וואָס פאַר אַ רבותא איז עס, וואָס אַזאַ צדיק, ווי אברהם, האָט געגלויבט אין גאָט?...

דער תירוץ איז: פריהער, אז אברהם האָט געגעבען צדקה, איז עס נישט געווען אזא גרויסע זאך, ווארום מאי כולי האי? פארוואס זאָל ער נישט געבען? קיין קינדער האָט ער נישט, וואָס דען זאָל ער טהון מיט'ן געלד?... שפעטער אָבער, ווען ס'איז געווען „והאמין בה'", ווען ער האָט געגלויבט אין דער הבטחה, אז ער וועט האָבען קינדער, און דאך איז ער ווייטער געבליבען דערזעלבער פזרן, דאמאלס – „ויחשבה לו לצדקה", דאן האָט די צדקה זיינע שוין גאָר אַנ'אַנדער ווערט און חשיבות בעקומען...

(כרם הצבי)

○

ותרדמה נפלה על אברם... (טו. יב.)

השי"ת האָט געוויזען אברהם'ן דעם גלות, דעם „גר יהיה זרעך בארץ לא להם", און די פערשיעדענע צרות, וואָס זיינע קינדער וועלען דאָרט האָבען אויסצושטעהן; איינס פון זיי וועט זיין דער „תרדמה",–דאָס, וואָס די אידען וועלען נאָכאַנאַנד זיצען מיט פערלעגטע הענד און אָבשלאָפען דאָס ביסעל יאָהרען מיט גאָרנישט...

(דובנער מגיד)

○

לזרעך נתתי את הארץ הזאת... (טו. יח.)

בשעת אברהם אבינו איז געגאַנגען אין ארם-נהרים און אין ארם-נחור און ער האָט געזעהן, ווי מענשען עסען און טרינקען און טהוען גאָרנישט, האָט ער געזאָגט: הלואי זאָל איך נישט האָבען קיין חלק אינ'ם דאָזיגען לאַנד! אָבער ווען ער איז צוגעקומען צו דער בארג-שטאָדט, צור, און ער האָט געזעהן, ווי די מענשען זענען עוסק אין פלאַנצונגען, בשעת מען דאַרף פלאַנצען, אין אַקער, בשעת מען דאַרף אַקערן, האָט ער אויסגערופען: הלואי זאָל איך האָבען א חלק אינ'ם דאָזיגען לאַנד!...

(בראשית רבה)

○

את הארץ הזאת... את הקיני ואת הקנזי וכו' (טו. יח.)

דערויף ווערט גע'דרש'ענט אין מדרש-רבה: „כך עלה בדעתו של מקום להנחיל להם לישראל ארץ עשרת עממים, ולא נתן להם אלא שבעה... ולמה נתן להם שבעה? פירושן לעיל"...

געוועהנליך טייטשט מען, אז מיט די ווערטער „פירושן לעיל" ווערט געמיינט, אז עס ווערט שוין וועגען דעם פריהער ערקלערט. דאָס איז אָבער

נישט ריכטיג: וואָרום ערשטענס, איז עס נישט דער סגנון פון מדרש; צווייטענס, ווערט וועגן דעם ענין פריהער אין מדרש־רבה קיין וואָרט נישט דערמאָהנט...

אָבער, ווי עס ווייזט אויס, איז דאָ אַריינגעפאַלען אַ טעות־הדפוס: אַנשטאָט „פירושן לעיל" דאַרף זיין „פירושן לע"ל"; דערביי דאַרף דאָס וואָרט „לע"ל", ווי מיר טרעפען עס אָפט אין מדרש, געגומען ווערען אַלס נוטריקון — „לעתיד לבוא". דאָס הייסט, אַז די איבריגע דריי לענדער זענען פאַר די אידען בעשטימט געוואָרען אין דער צוקונפט, ווי עס ווערט, איבריגענס, וועגן דעם דייטליך געזאָגט אין דער ווייטערער שטעלע פון מדרש: „אבל לימות המשיח יחזרו ויהיו לישראל"...

(מקור ברוך)

O

אי מזה באת ואנה תלכי... (טז. ח.)

געפרעגט האָט דער מלאך הגר'ן צוויי שאלות: פון וואַנען? און וואוּהין? געענטפערט האָט זי בלויז אויף איינער, אויף דער ערשטער: „מפני שרה גברתי אנכי בורחת". אויף דער צווייטער שאלה האָט זי נישט געענטפערט... וואָרום דער, וואָס אַנטלויפט, האָט בלויז איין זאַך אין זינען: צו דערווייטערן זיך וואָס שנעלער פונ'ם געפעהרליכען אָרט, פון דער סכנה; וועגן „וואוהין" טראַכט ער דאַן נישט...

(מלבי"ם)

O

המול לכם כל־זכר... (יז. י.)

די חז"ל זאָגען דאָך, אַז אברהם האָט מקיים געווען אַלע מצוות, אפילו עירוב־תבשילין, טאָ פאַרוואָס האָט ער אויף פריהער נישט מקיים געווען די מצות־מילה אין געוואַרט ביז דאַן ערשט, ווען השי"ת וועט איהם הייסען? — ווייל דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס כל־זמן עס איז נישטאָ דערויף קיין בפירוש'ער געבאָט, איז עס נישט בלויז קיין מצוה נישט, נאָר אַנ'איסור, דען — „אין אדם רשאי לחבול את עצמו", אַ מענש טאָר נישט שעדיגען זיין קערפער...

(רבי העשיל אַפּטער)

אַנדערש ענטפערט אויף דערזעלבער פראַגע דער ווילנער גאון:

עס איז דאָך ידוע, אַז „גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה״; איז וואָס אָנבעלאַנגט אַלע אַנדערע מצוות, וועט ער זיי קאָנען נאָכאַמאָל מקיים זיין, אַנדערש איז אָבער מיט דערדאָזיגער מצוה, וועלכע ס׳איז אונמעגליך מקיים צו זיין מעהר, ווי איין מאָל...

וַיֵּרָא

והוא יושב פתח האהל... (יח. א.)

דער סימן פון אַן אמת'ן צדיק איז, וואָס ער איז אַ „יושב פתח האהל", וואָס עס דוכט זיך איהם שטענדיג, אַז ער זיצט נאָך אַלץ אין דרויסען פאַר דער טהיר, אַז ער האָט נאָך גאָרנישט אָנגעהויבען און גאָר־נישט אויפגעטהון...

(תולדות יעקב יוסף)

O

אַל-נא תעבר מעל עבדך... (יח. ג.)

פון דאַנען, זאָגען די חז"ל, איז געדרונגען, אַז „גדולה הכנסת-אורחים יותר מקבלת פני השכינה" (שבת קכ"ז).

פרעגט זיך: פאַרוואָס דאַרף עס נאָך זיין גרעסער? צי וואָלט דען נישט גענוג געווען, ווען עס זאָל זיין אַפילו בלויז גלייך, אויף איין מדרגה מיט „קבלת פני השכינה"? —

נאָר די חז"ל זאָגען, אַז „אשה עיניה צרה באורחים", אַז אַ פרוי איז בטבע נישט גאַסטפריינדליך צו קיין אורחים; און ווידער ווערט גע־זאָגט, אַז „איש ואשה שכינה ביניהם", אַז אויב מאַן און ווייב לעבען בשלום, רוהט צווישען זיי די שכינה... ווען, אַלזאָ, הכנסת־אורחים וואָלט געווען בלויז גלייך צו „קבלת פני שכינה", וואָלט זיך דאַן דער מאַן גע־טראַכט: דאַרף איך זיך צוליעב דעם צוקריגען מיט'ן ווייב און דאַדורך אַרויסטרייבען פון הויז די שכינה, וועלכע איך זאָל נאָכדעם צוריק אַריינ־פיהרען מיט דער הילף פון די אורחים, בעסער וועל איך קיין אורחים נישט נעהמען און לעבען בשלום מיט'ן ווייב, וועט דאָך דאַן די שכינה ממילא בלייבען רוהען אין מיין הויז... דעריבער האָבען אונזערע חכמים געפונען פאַר נויטיג אָנצוזאָגען, אַז הכנסת-אורחים איז אַ פיעל גרעסערע מצוה און שטעהט פיעל העכער: „גדולה הכנסת־אורחים — יותר מקבלת פני השכינה!"...

O

ואקחה פת לחם וסעדו לבכם... (יח. ה.)

רבי זלמן ווילנער איז אמאל אריינגעקומען מיט'ן משמש זיינעם צו א איד, וועלכער איז דאן געזעסען גראד מיט'ן בני-בית ארום טיש און געהאלטען אין מיטען עסען. דערזעהענדיג פאר זיך אזא חשוב'ן גאסט, האט יענער איהם גענומען שטארק אנהאלטען, ער זאל איהם אנטהון דעם כבוד און עסען צוזאמען מיט זיי; אבער רבי זלמן האט געקענט דעמדאזיגען איד פאר א גרויסען ארימאן, און פון די מאכלים אויפ'ן טיש האט ער געזעהן, אז עס איז פארהאן פאר יעדען פון די בני-בית ממש געצעהלטע ביסענס, — און נישט-וועלענדיג איהם סתם אבזאגען, פון וואס יענער וואלט זיך געפיהלט בעליידיגט, האט איהם רבי זלמן געענטפערט א תירוץ, אז דער דאקטאר האט איהם פערבאטען צו עסען אזעלכע מאכלים...

דעם משמש האט שטארק געוואונדערט, וואס אזא צדיק, ווי רבי זלמן, זאל זאגען א ליגען... ארויסגעהענדיג פון דארט, האט עס איהם רבי זלמן מסביר געווען:

— בידוע — מאכט ער צו איהם — איז דער רמב"ם געווען א בע-ריהמטער דאקטאר, און דער רמב"ם פסק'ענט, אז מען טאר נישט עסען פון א „סעודה שאינה מספקת לבעלה"...

אויפ'ן בעקאנטען מאמר חז"ל: „כל מה שאומר לך בעל-הבית עשה חוץ מצא" (פסחים פ"ו), וועגען וועלכען פערשידענע מפרשים מאטערן זיך צו ערקלערען דעם זין פון די ווערטער „חוץ מצא", בעמערקט ר' שלמה באבער, אז דא איז אריינגעפאלען א טעות-הדפוס. אין אריגינאל איז גע-שטאנען „חוץ מצד איסור", אבער דער שפעטערדיגער מדפיס האט דערפון געמאכט ראשי-תיבות — „מצ"א", און דערפון האט זיך נאכדעם גענומען דער טעות...

O

שלש סאים קמח סלת... (יח. ו.)

„כתיב קמח וכתיב סולת — מכאן שהאשה עיניה צרה באורחים" (ב"מ פז.)

פרעגט מען דערויף: ערשטענס, ווי געשיקט זיך עס צו זאגען אויף אזא צדיקת, ווי די מאמע שרה, אז „עיניה צרה באורחים"; צווייטענס, פונוואנען איז די ראיה? אדרבה, וויבאלד אברהם האט געזאגט „קמח" און שרה האט פערבעסערט און דערלאנגט „סולת", בעווייזט דאך עס פערי-

קעהרט, אַז שרה איז געווען פיעל מילדער און גאַסטפריינדליכער פאַר אַברהמ׳ן?

נאָר דער פשט איז: צוליעב דעם האָט אברהם געבעטען ביי איהר „קמח״, נישט קיין „סולת״, ווייל ער האָט מורא געהאַט צופיעל צו פערלאַנגען, וויסענדיג, אַז געוועהנליך איז — „אשה עיניה צרה באורחים״...

(יד-יוסף)

אַ צווייטער תירוץ: וויבאַלד די תורה געפינט פאַר נויטיג צו דערצעהלען, אַז שרה האָט דערלאַנגט „סולת״ אַנשטאַט „קמח״, איז דערפון משמע, אַז דאָס איז אַ רבותא, אַ חידוש, אַז שרה איז אין דער הינזיכט געווען אַן׳אויסנאַהם פון אַלע אַנדערע פרויען, מחמת געוועהנליך זענען פרויען קאַרג, געוועהנליך איז — „אשה עיניה צרה באורחים״...

(קהלת משה)

בעמערקונג פונ׳ם זאַמלער:

מערקווירדיג, ווי די אַלע מחברים האָבען פערזעהן, אַז אויפ׳ן דערמאַהנטען מאַמר אין דער גמרא זאָגט דאָרט רש״י דייטליך: „היא אָמרה קמח, והוא סולת״ — וממילא האָבען שוין די אַלע פשט׳לעך קיין אָרט נישט.

○

ויקח חמאה וחלב... ויתן לפניהם... (יח. ח.)

הגם די חז״ל זאָגען, אַז אַברהם אָבינו, אָבוואָהל ער איז דערצו נישט געווען פערפליכטעט, האָט מקיים געווען אַלע מצוות פון דער תורה; דאָך האָט ער דערלאַנגט די אורחים צום עסען „בשר וחלב״ — ווייל אַנווענדען חומרות לפנים משורת-הדין מעג זיך אַ מענש ערלויבען בלויז בנוגע צו זיך, אָבער נישט צו יענעם.

(שדה תבואות)

○

והוא עומד עליהם תחת העץ ויאכלו... (יח. ח.)

אין וועלכען אָרט דו קומסט — צו זיינע מנהגים און מאַניערען זאָלסטו זיך צופאַסען. משה איז אַרויפגעקומען אין הימעל — האָט ער זיך צוגעפאַסט צו די מלאָכים און האָט פיערציג טעג נישט געגעסען. די מלאָכים

האבען אראבגענידערט אויף דער ערד — האבען זיי זיך צוגעפאסט צו די מענשען און גלייך מיט זיי געגעסען...

(בראשית רבה)

○

ויאמרו אליו איה שרה אשתך... (יח. ט.)

„כדי לשגר לה כוס של ברכה" (ב"מ פז.)

אויפן פסוק „ויקח חמאה וחלב" פרעגען די חז"ל: „ופת היכן היה", וואו איז אהינגעקומען דאס ברויט, וואס מען האט געקנעטען? — ענטפערט דעריבער איין מאן-דאמר, אז דאס ברויט איז טמא געווארען און מען האט עס דעריבער איינגאנצען צום טיש נישט דערלאנגט.

פרעגט זיך, אלזא: אויב מען האט נישט געגעסען קיין ברויט, איז מען דאך פטור געווען פון בענשען, טא ווי קומט דא א „כוס של ברכה"?...

עס איז א בעקאנטע וועלט-קשיא, אויף וועלכער עס ווערען געגעבען פערשידענע תשובות. אייניגע ענטפערן, אז דאס איז לויט דער מיינונג פון רבן גמליאל, וועלכער האלט, אז אויך איבער די פירות פון די שבעת-המינים בענשט מען ברכת-המזון. אנדערע זאגען סתם: „אין משיבין על האגדה". אמריקאניגסטען אבער איז דער איינפאכסטער ענטפער, אז נישט דוקא דער כוס של ברכת-המזון, נאר יעדער כוס, איבער וועלכען מען מאכט א ברכה, ווערט אנגערופען „כוס של ברכה"...

○

האף אמנם אלד ואני זקנתי... (יח. יג.)

זעהר שווער איז די שטעלע אין „דעת זקנים בעלי התוספות" אויפ'ן דאזיגען פסוק. עס ווערט דארט געזאגט: „מכאן אמרו חז"ל שמותר לשנות מפני השלום וכו', ואע"ג דלפום ריהטא משמע שגם היא אמרה ואדוני זקן, דכתיב אחרי בלותי וכו'". די לעצטע ווערטער זענען לגמרי אונפערשטענדליך.

אבער, ווי עס ווייזט אויס, איז דא אריינגעפאלען א טעות-הדפוס און עס דארף זיין „שגם היא אמרה ואני זקנתי"...

○

ויקומו משם האנשים וישקיפו על פני סדום... (יח. טז.)

„כל השקיפה שבמקרא לרעה, חוץ מהשקיפה ממעון קדשך" (רש"י).

פרעגט זיך: מיר געפינען דאך פיל מאל אין תנ"ך דעם אויסדרוק „השקפה" נישט בלויז לרעה, נאר אויך לטובה, ווי: „וישקף ארונה וירא את המלך ואת עבדיו עוברים עליו" (שמואל-ב' כד. ב.), „אמת מארץ תצמח וצדק משמים נשקף" (תהלים, פה. יב.), „מי זאת הנשקפה כמו שחר, יפה כלבנה" (שיר השירים, ו. י.)?

זן די אלע תשובות, וואס ווערען אויף דערדאזיגער פראגע געגע-בען אין פערשידענע ספרים, שיינט צו זיין אמריכטיגסטען די ערקלערונג, אז מיט'ן אויסדרוק „שבמקרא" ווערט געמיינט נאר אין תורה, נישט אין נביאים וכתובים, ווי מיר געפינען אין קידושין ל': „ואמר רבא מקרא זו תורה", דערויף זאגט דארט רש"י בפירוש: „תורה ולא נביאים וכתובים".

אגב, ווערט אנגעוויזען, אז דער ר"ש אין מס' מעשר-שני (פרק ה' משנה י"ג) ברענגט א מאמר פון ירושלמי, וואו עס ווערט געזאגט: „בוא וראה כמה גדול כחה של צדקה, שכל השקפה שבתורה לרעה וזו לברכה"; אלזא דייטליך — בלויז אין תורה...

O

זעקת סדום ועמורה כי רבה... (יח. כ.)

„זעקת סדום" — אויב די סדום-לייט, וועלכע זענען דאך געוואוינט צו כל מיני עוולות און אונרעכטען, אויב זיי אליין שרייען שוין, איז א סימן — „כי רבה", אז עס מוז שוין דארט זיין זעהר ביטער, אז די גע-שעהענע עוולות שטייגען שוין איבער אלע גרעניצען...

(חמש ידות)

„זעקת סדום ועמורה כי רבה" — די שטענדיגע טענה פון אלע סדום'ישע פעלקער ביז'ן היינטיגען טאג איז „כי רבה", אז זיי מעהרען זיך, זיי זענען פרים ורבים, און דעריבער קאנען זיי נישט אריינלאזען צו זיך קיין פרעמדע, און דעריבער מוזען זיי שליסען די טויערן פאר אימי-גראנטען...

(הדרש והעיון)

דאס געמיינסטע און העסליכסטע אין דער אויפפיהרונג פון די סדום-לייט איז בעשטאנען נישט אזוי ווייט אין זייער רשעות'דיגער אויפפיהרונג זעלבסט, ווי אין דעם, וואס זיי האבען זיך נאך דערביי בעמיהט, אז דאס-

דאָזיגע רשעות זאָל גילטען אַלס צדק און יושר, זייענדיג ביי זיך פולקאָם אין אָרדנונג...

(עקדת יצחק)

○

אולי יש חמשים צדיקים בתוך העיר... (יח. כד.)

נישט קיין צדיקים ביי זיך אין שטוב, נישט קיין צדיקים אין שוהל און אין בית-מדרש, נאָר — „צדיקים בתוך העיר", אין שטאָדט, אין גאַס, צווישען מענשען, בין אָדם לחברו...

(אהבת דוד)

צווישען קוזמירער רבי'ן רבי מאָטעלע און זיין ברודער, רבי יעקב-לייבעניו, וועלכע האָבען אַ געוויסע צייט געוואוינט צוזאַמען אין איין שטאָדט, אין וולאַדאווקע, האָט געהערשט אַ שאַרפע מחלוקת, וועלכע איז צווישען די אָנהענגער פוןביידע רביים דערגאַנגען אַזש ביז מסירות... איינמאָל, און געווען איז דאָס אין פ' וירא, ווען די מחלוקת צווישען זיי האָט זיך גאָר מורא'דיג צופלאַקערט, האָט דאַן רבי יעקב-לייבעניו געזאָגט צו די חסידים זיינע:

אין פלוג איז דאָך אויף אַברהם'ן שטאַרק קשה. פאַרוואָס האָט ער עפעס געבעטען: „אולי יש חמשים צדיקים בתוך העיר"! מה-דאָך ווען עס זענען פאַרהאַן בס"ה צוויי צדיקים אין אַ שטאָדט, ברענט אין איהר אַזאַ פייער פון מחלוקת, טאָ ווי וואָלט נאָך זיין, ווען עס זאָלען זיך געפינען אין איין שטאָדט גאַנצע פופציג צדיקים?... נאָר דאָס גופא טאַקע, ווייזט אויס, האָט אַברהם גע'טענה'ט צום רבונו-של-עולם: נאָכוואָס דאַרפסטו אי-בערקעהרען סדום און צו-וואָס טויג עס דיר? אפשר זענען פאַרהאַן אין דער שטאָדט פופציג צדיקים — דאַן וועט זי דאָך דורך זיי אַליין ווערען איבערגעקעהרט...

○

ואָנכי עפר ואפר... (יח. כז.)

יעדער איד — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — דאַרף תמיד טראָגען ביי זיך צוויי קעשענעס: איין קעשענע מיט „אָנכי עפר ואפר", און אַ צווייטע — מיט „בשבילי נברא העולם"...

○

ויבואו שני המלאכים סדומה... (יט. א.)

פאַרוואָס, בשעת די מלאָכים זענען געקומען צו אַברהם'ן, האָבען זיי זיך פערשטעלט אַלס מענשען, דאַגעגען צו לוט'ן האָבען זיי זיך בעוויזען אין זייער ריכטיגער געשטאַלט?

ווייל אַברהם, אַלס גרויסער מכניס-אורח, האָט צווישען קיינעם קיין אונטערשיד נישט געמאַכט און אַפילו פשוט'ע מענשען האָט ער אויפגענומען בכבוד-גדול; לוט אָבער, ווען ער וואָלט נישט זעהן פאַר זיך קיין מלאָכים, נאָר געוועהנליכע מענשען — וואָלט ער זיי אויף דער שוועל נישט אַרויפגעלאָזען...

(ר' צבי לייב שרה'ס)

○

ולוט ישב בשער סדום... (יט. א.)

אין סלאָנימער געגענד האָט מען אַמאָל געהאַט געמורמעלט אויף אַ געוויסען רב, אַז ער פיהרט זיך נישט אויף כהוגן, אַז מיט געלד קאָן מען ביי איהם פועל'ן וואָס מען וויל און אַרויסבעקומען הכשרים אויף כל דבר אָסור... איינמאָל, בשעת עס איז אין דער אָנוועזענהייט פון סלאָנימער רב, רבי אייזשע חריף, צו-רייד געקומען וועגען דאָזיגען רב, האָט רבי אייזשע דערויף בעמערקט, אַז, אויב די שטאָדט האָט זיך דעם רב אויסגעקליבען און זי האַלט זיך מיט איהם די גאַנצע צייט, בעווייזט עס, אַז ער איז פאַר איהר זעהר צוגעפאַסט און אַז די שטאָדט איז מסתמא נישט בעסער פון איהם. און ער האָט ערקלערט:

אויפ'ן פסוק „ולוט יושב בשער סדום" מאַכט רש"י: „אותו היום מינוהו שופט עליהם". פרעגט זיך: מיט וואָס עפּעס האָט לוט זוכה געווען, אַז סדום זאָל איהם, אַ פרעמדען, אויפנעהמען אַלס שופט? נאָר דער תירוץ איז: אויפ'ן פסוק „ויהי ריב בין רועי מקנה אַברם ובין רועי מקנה לוט" זאָגט רש"י, אַז בשעת די רועי-אברם האָבען גע'מוסר'ט די רועי-לוט, הלמאַי זיי פיטערן זייערע בהמות אין פרעמדע פעלדער, וואָס דאָס איז דאָך אמת'ער גזל, — האָבען די רועי-לוט געענטפערט, אַז היות ווי די גאַנצע ערד פון לאַנד איז געוואָרען צוגעזאָגט צו אַברהם'ן און היות ווי אַברהם האָט נישט קיין קינדער, וועט דאָך לוט זיכער ווערען זיין יורש, איז עס שוין דעריבער נישט קיין גזל... און אַז די אַנשי-סדום האָבען דערהערט, ווי וואויל דערדאָזיגער רבי לוט פסק'ענט שאַלות און וואָסערע זעלטענע היתרים ער קען אַלץ אויסגעפינען פון שלחן-ערוך, האָבען זיי גלייך געכאַפּט און איהם געמאַכט פאַר אַ רב...

○

האחד בא לגור וישפוט שפוט... (יט. ט.)

רבי אברהם טורקאווער, דער דאבראמילער רב, האט אמאל בשעת א דין-תורה פוגע־בכבוד געווען דעם ראש-הקהל, וועלכער האט קיין חשק נישט געהאט אונטערצוווארפען זיך דעם ארויסגעטראגענעם פסק. דער ראש-הקהל האט מיט כעס פערלאזט די בית-דין-שטוב און ארויסגעהענדיג האט ער אויפגעשריבען אויף דער טהיר: „האחד בא לגור וישפוט שפוט"... דער ראש-הקהל האט רעכט, — רופט-זיך-אן דער רב, איבערלייענענדיג די אויפשריפט. — דידאזיגע ווערטער, ווי איהר ווייסט, האבען געזאגט די אנשי־סדום; איז דאך אין פלוג קשה: ווי קומט עס, וואס זיי, די סדום־לייט, וועלכע האבען נישט געוואוסט פון קיין משפט און יושר, זאלען פלוצים נישט קאנען פערטראגען אזא מורא'דיגע עוולה פון „האחד בא לגור וישפוט שפוט"? נאר דער תירוץ איז: דער פסק, וואס לוט האט דאסמאל ארויסגעטראגען, איז גראד געווען אנ'עהרליכער פסק, א משפט־צדק, און אט דאס האט זיי אויפגערעגט: היתכן? „וישפוט שפוט"? אין סדום זאל מען פסק'ענען אזעלכע עהרליכע משפטים? אין סדום? דאס איז דאך אונערהערט!...

○

לכה נשקה את אבינו יין ונשכבה עמו... (יט. לב.)

צוליעב דעם דערצעהלט אונז די תורה די מעשה פון לוט מיט זיינע טעכטער, כדי צו האבען א בעגריף, ווי אזוי עס האבען אויסגעזעהן די אנשי-סדום — אויב אזעלכע „איידעלע מענשען", ווי לוט מיט די טעכטער, זענען שוין געווען, מ'שטיינס-געזאגט, די צדיקים!..

(חתם סופר)

○

ויהי אחר הדברים האלה והאלקים נסה את אברהם... (כב. א.)

דער נסיון און דער זכות-העקדה ווערט דעריבער אנגערופען אויף אברהם'ס נאמען, אבוואהל דער קרבן גופא האט דאך געזאלט זיין יצחק, — ווייל פיהרען אנ'אייגענעם זוהן צו דער שחיטה איז א פיעל גרעסערער נסיון און פיין, ווי צו לאזען זיך אליין שעכטען...

(טהרת הקדש)

וואס איז די רבותא פון אַברהם׳ן, וואָס ער האָט מסכים געווען צו פיהרען זיין זוהן צו דער עקידה? יעדער איינער פשוט׳ער איד וואָלט דאָך זיכער דאָסזעלבע געטהון, ווען ער זאָל האָבען אזא בעפעהל פון השי״ת אליין!...

נאָר די זאַך איז: דער שטן האָט גע׳טענה׳ט צו אַברהם׳ן און געזאָגט צו איהם: היתכן, ווי מעגסטו טהון אזא זאַך? סך-הכל זענט איהר צוויי אידען אויף דער וועלט, דו און יצחק. דו ביזט שוין אַלט, און שרה וועט שוין מעהר קיין קינדער נישט האָבען; ישמעאל איז אַ רשע און איז מיט אידישקייט קיין שום מחותן נישט, — בלייבט, אַלזאָ, איבער איין יצחק. אויב־זשע דו וועסט איהם שעכטען, שטעהט דאָך פאָר, חלילה, אַז די וועלט זאָל בלייבען אָהן אידען?

דערויף האָט איהם אַברהם געענטפערט: נישט מיין זאַך. איך דאַרף טהון, וואָס מען הייסט מיר. מען הייסט מיר שעכטען יצחק׳ן — דאַרף איך איהם שעכטען. אַי וואָס די וועלט וועט בלייבען אָהן אידען — וואָס געהט עס מיך אָן? איך בין עפּעס מחויב צו פערזאָרגען דעם רבונו-של-עולם מיט אידען? ס׳איז דאָך זיין וועלט — זאָל ער זיך זאָרגען...

אָט דערין איז בעשטאַנען אַברהם׳ס גרויסקייט...

(רבי יצחק וואָרקער)

○

ויקרא אליו מלאך... אל תשלח ידך אל הנער... (כב. יא.)

פאַרוואָס איז דער בעפעהל פון „קח נא את בנך" געזאָגט געוואָרען פון השי״ת זעלבסט; דאַגעגען דער „אל תשלח ידך אל הנער" — דורך אַ מלאך?

ווייל אויף נישט אומצובּרענגען אַ מענשען מעג מען זיך אויף אַ מלאך אויך פערלאָזען; דאַגעגען ווען עס האַנדעלט זיך, פערקעהרט, וועגען אַבּשעכטען אַ אידען, אין אזא פאַל טאָר מען קיינעם נישט האָרכען, אפילו אַ מלאך... דאָס מוז מען הערען סיידען פון גאָט אַליין!...

(רבי יצחק דינאָוועער)

○

ויקרא מלאך ד׳ אל אברהם שנית... (כב. טו.)

צוליעב-וואָס „שנית", אַ צווייט מאָל?... ווייל ביז-איצט איז ער נישט זיכער געווען, צי ער האָט ריכטיג געהאַנדעלט. איין שטים, די ערשטע, האָט גערופען צו איהם, ער זאָל יאָ שעכטען; אַ צווייטע שטים: — נישט

שעכטען! אפשר האָט ער גאָר געדאַרפט פאָלגען די ערשטע שטים, נישט די צווייטע?... איצט אָבער, אַז געגען דעם איינעם „יאָ" האָט ער געהערט צוויי מאָל „ניין", — האָט ער שוין געקאָנט פולקאָם רוהיג זיין...

(צרור המור)

והרבה ארבה את זרעך... וכחול אשר על שפת הים...
(כב. יז.)

בעת דער שמד-מגפה אין רוסלאַנד, ווען הונדערטער אידישע יונגע־לייט פלעגען זיך שמד'ן צוליב „פראַוועס" און קאַריערעס, איז איינמאָל אַ אידישער יונגערמאַן געקומען צום בעקאַנטען לאָדזער פרעדיגער, ראַבינער ד"ר יעלסקי, זיך שואל-עצה זיין, צי ער זאָל זיך שמד'ן.

— מיר ווייסען דאָך, ה' פרעדיגער, — זאָגט דער יונגערמאַן, — אַז דאָס ביסעל וואַסער (דאָס טויף-וואַסער) איז גאָרנישט... קאָן איך דען נישט נאָכדעם בלייבען דער אייגענער איד, וואָס געוועזן?

— כ'וועל דיר זאָגען, — ענטפערט איהם דער ד"ר יעלסקי, — אויב דו האָסט אַמאָל געלערנט חומש, געדענקסט דו דאָך אודאי דעם פסוק: „וכחול אשר על שפת הים", אַז אידען זענען געגליכען צו זאַמד. פאַרוואָס עפעס צו זאַמד? — ווייל זאַמד האָט אַ טבע, אַז ווי מען זאָל עס נישט שליידערן און וואַרפען פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערן, בלייבט עס אַלץ זאַמד; גיסט מען אָבער אַרויף דערויף וואַסער — ווערט דערפון בלאָטע...

חַיֵּי שָׂרָה

ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה וכו׳... (כג. א.)

„בת כ׳ כבת ז׳ ליופי" (רש"י).

איז ערשטענס, ווי געשיקט זיך עס צו לויבען די צדיקת שרה מיט שענקייט — „שקר החן והבל היופי"!... צווייטענס, אויב שוין יאָ יופי, וואָס פאַר אַ רבותא איז עס, אַז „בת כ׳ כבת ז׳" — איז מען דען צו זיעבען יאָר שענער, ווי צו צוואַנציג?...

נאָר די כוונה איז: שרה האָט זיך ביי די צוואַנציג יאָהר פונקט אַזוי וועניג געקימערט וועגען איהר שענקייט, ווי אַ מיידעל פון זיעבען יאָהר...

(רבי ישכר גרויבאַרט)

פאַרהאַן אויפ׳ן דאָזיגען פסוק אַ מדרש-פליאָה, נעמליך: „ויהיו חיי שרה וכו׳ — אָדם הראשון בלשון האַרמי סיפר"...

וואָס איז דער זין פונ׳ם דאָזיגען מערקווירדיגען דרש און וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צום דערמאָהנטען פסוק?

נאָר די חז"ל זאָגען אין אַנ׳אָרט, אַז בשעת דער מענש שטאַרבט, קומט ער צו אָדם הראשונ׳ען מיט אַ טענה, אַז דאָס איז ער געשטאָרבען צוליעב איהם, צוליעב דעם חטא פון עץ־הדעת, און דערויף ענטפערט איהם אָדם, אַז נישט צוליעב איהם, נאָר צוליעב זיינע אייגענע זינד איז ער גע-שטאָרבען... ביי שרה שטעהט דאָך אָבער „ויהיו חיי שרה מאָה שנים ועשרים שנה וכו׳", און דערויף ווערט גע׳דרש׳ענט, אַז דעריבער שטעהט נאָך יעדער צאָהל דאָס וואָרט „שנה", אַלס בעוויז, אַז „בת ק׳ כבת כ׳ לחטא; מה בת כ׳ לא חטאָה, אַף בת ק׳ בלא חטא", — טאָ וואָס האָט אָדם-הראשון אינ׳ם דאָזיגען פאַל געהאט צו ענטפערן?... איז דער תירוץ — „אָדם הראשון בלשון האַרמי סיפר", אויף שרה׳ס פאָרוואורף האָט אָדם הראשון געענטפערט מיט׳ן לשון פון תרגום, דען אין תרגום שטעהט נישט מעהר ווי איין מאָל

„שנה", — „והוו חיי שרה מאָה ועשרין ושבע שנין", — און ממילא פאַלט שוין אַוועק דער דרש פון „בת ק' כבת כ' לחטא"...

(כתב סופר)

○

ויבא אַברהם לספוד לשרה ולבכותה... (כג. ב.)

בשעת עס איז געשטאָרבען דעם רמ"א'ס ערשטע ווייב, האָט דער רמ"א געהאַלטען אויף איהר קבר אַ זעהר ריהרענדען און שאַרפזיניגען הספד, וועלכער האָט ביים עולם שטאַרק אויסגענומען. אַלס טעמאַ פאַר זיין הספד האָט ער גענומען דעם פסוק אין מלכים-ב' קאַפּ. ט': „פקדו נא את הארורה הזאת וקברוה כי בת-מלך היא". דער זין פון די ווערטער איז, אַז די ערד, וועלכע איז פערשאָלטען געוואָרען צוליעב'ן חטא פון אָדם'ן („את הארורה הזאת"), בעקומט אַ תיקון און ווערט אויפגעריכט („פקדו" פון לשון „וד' פקד") בשעת זי איז קולט אין זיך דעם גוף פון אַ צדיק; פון אַזאַ צדיקת און „בת-מלך — האָט ער אויסגעפיהרט — ווי ר' שכנא'ס טאָכטער...

ר' שכנא, זיין שווער, האָט געהאַט נאָך אַ טאָכטער און אין אַ צייט אַרום האָט דער רמ"א געשיקט צו איהם און פאָרגעלעגט, אַז ער וואָלט וועלען אַ צווייטען מאָל זיך מיט איהם משדך זיין; אָבער ר' שכנא האָט דע-רויף נישט מסכים געווען, ערקלערענדיג, אַז עס איז אונמעגליך, אַז אַזאַ שאַרפזיניגער הספד זאָל קאָנען געבוירען ווערען אין געדאַנק בשעת אַבלות, „בשעה שמתו מוטל לפניו", און נישט אַנדערש, נאָר דער הספד איז ביי איהם געווען צוגעגרייט פון פריהער, בשעת זיין טאָכטער, דעם רמ"א'ס ווייב, האָט נאָך געלעבט, און דעריבער וויל ער איהם מעהר נישט פאַר קיין איידעם.

○

גר-ותושב אָנכי עמכם... (כג. ד.)

דעמזעלבען גורל, וואָס אונזער זיידע אַברהם, האָבען אויך מיר, דיינע אייניקלעך: מיר זענען גלייכצייטיג אי „גרים", אי „תושבים". אויף נצהמען, אויף צו געניסען פון די זכיות פונ'ם לאַנד, זענען מיר „גרים", בעקומען מיר וואָס-ווייניגער; דאַגעגען אויף צו געבען — זענען מיר גלייכבערעכ-טיגטע „תושבים", געבען דאַרפען מיר וואָס מעהר...

(הרב י. דייכעס)

○

במבחר קברינו קבור את מתך... (כג. ו.)

צו רבי משה-אידל פּאַניעוויעזשער זענען אַמאָל געקומען צוויי אידען מיט אַ דין־תּורה. די צוויי אידען האָבען זיך בעצייטענס פערזאָרגט און געקויפט פאַר זיך קברים ביים לעבען. איז ענטשטאַנען צווישען זיי אַ סכסוך: איטליכער האָט געוואָלט דעם בעסערן, דעם שענערן קבר. האָבען זיי זיך געהאַלטען אין איין אַרומקריגען — ולסוף איז ביי זיי געבליבען, מען זאָל זיך פערלאָזען אויפ׳ן רב.

האָט דער פּאַניעוויעזשער רב אויסגעהערט זייערע טענות און אַרויס־געטראָגען אַ פּסק:

— ווער עס שטאַרבט פריהער, דער בעקומט דעם בעסערען קבר.

און פון דאַמאָלס אָן האָבען זיי זיך אויפגעהערט אַרומצוקריגען...

O

בכסף מלא יתננה לי... (כג. ט.)

דער אמת׳ער צדיק מאַכט נישט קיין געברויך פון זיין צדקות און חשיבות ביי מענשען, צו ציהען דערפון פערזענליכע נוצען... ווי עס ווערט דערצעהלט אין „חובת-הלבבות״: מעשה בחסיד אחד, וועלכער איז אַריין אין אַ קראָם קויפען עפּעס אַ חפץ — און דער מוכר, קענענדיג איהם און וועלענדיג איהם אָנטהון אַ נחת-רוח, האָט ביי איהם געבעטען פאַר דער זאַך אַ זעהר ביליגען פּרייז. איז עס דעם חסיד געוואָרען אויפפּאַלענד און ער האָט זיך אָנגערופען צום מוכר: זייט וויסען, ליעבער איד, איך בין געקו־מען צו אייך קויפען פאַר געלד, נישט פאַר יראת-שמים...

(ייטיב לב)

דיען עפרון וכו׳ באָזני בני-חת... (כג. י.)

„באָזני בני-חת״ — בשעת דער עולם אַרום האָט געהערט, האָט עפרון אויסגעשריען הויך: „השדה נתתי לך והמערה אשר בו״, וועלענדיג דער־מיט אַלעמען בעווייזען זיין ברייטהאַרציגקייט; בפרט נאָך אַז „אותו היום מינוהו שופט עליהם״, טאָ זאָלען זיי זעהן, וואָס פאַר אַ פיינעם מושל זיי האָבען זיך אויסגעקליבען, וואָס פאַר אַ שונא-בצע ער איז... שפּעטער אָבער, ווען עס איז געווען „ויען אברהם את עפרון לאמר לו״, בשעת ער האָט גערעדט מיט איהם אַליין, אויג-אויף-אויג, דאַמאָלס האָט ער איהם שוין איינ־

גערוימט: „אדוני שמעני, ארץ ארבע מאות שקל כסף", עס קאסט פיער הונדערט טאלער, און דער עיקר – „ביני ובינך", ס'זאל זיין בשתיקה, קיי-נער זאל דערפון נישט וויסען...

(ילקוט אליעזר)

O

ארבע מאות שקל-כסף... (כג. טו.)

די תורה האט, קענטיג, פאראויסגעזעהן די סכסוכים, וואס אידען וועלען אמאל האבען אויסצושטעהן אין ארץ-ישראל צוליעב די הייליגע מקומות – און דעריבער איז די תורה אזוי מאריך און דערצעהלט אונז אויספיהרליך, בפרטות, ווי אזוי מען האט אבגעקויפט די מערת-המכפלה און וואס פאר א בעדייטענדע סומע מען האט דערפאר בעצאהלט: „בכסף מלא"... „ארבע מאות שקל-כסף"... „עובר לסוחר"...

(דרשות אל עמי)

„ארבע מאות שקל-כסף ביני ובינך מה היא"... בדרך-הלצה ווערט גע-טייטשט: דאס מיטעלסטע אות פון מיין נאמען און פון דיין נאמען (סיי אינ'ם ווארט „אברהם", סיי אינ'ם ווארט „עפרון" איז דאס מיטעלסטע אות א „ר") בעטרעפען צוזאמען „ארבע מאות"...

(מגד ירחים)

O

וישקל אברהם לעפרון... ארבע מאות שקל-כסף וכו'... (כג. טז.)

דעם פולען פרייז האבען מיר פאר דער מערת-המכפלה בעצאהלט און מיר האבען אויך א שטר, א דאקומענט דערויף – עס זאגט וועגען דעם עדות די אלטע אידישע תורה, – און דאך ווילען זיך אפילו די „אנהענגער פון דער ביבעל" נישט רעכענען דערמיט, ווארום בנוגע צו אידען פועל'ט נישט, נישט קיין „כסף" און נישט קיין „שטר", נאר – „חזקה"... דאס און בלויז דאס איז דער עיקר!

(קניני קדם)

אין פרעשבורג איז אמאל געשטארבען א גרויסער גביר און די יורשים האבען דורכאויס פערלאנגט, מען זאל איהם מקבר זיין נעבען בעריהמטען גאון רבי משולם איגרא. די חברה-קדישא האט זיך פאר דערדאזיגער קרקע געהייסען געבען א גרעסערע סומע געלד, אבער די יורשים האבען נישט

געוואַלט געבען אַזוי פיעל און זיי האָבען גערופען די חברה-קדישא אויף אַ דין-תורה צום חתם-סופר. דער חתם-סופר האָט אויסגעהערט די טענות און געזאָגט:

אויפ'ן פסוק „ארבע מאות שקל־כסף" זאָגען די חז"ל אין מדרש: „נבהל להון רע־עין – זה עפרון". ביי עשו'ן ווידער, אויף די ווערטער פון יעקב'ן „בקברי אשר כריתי לי", ערקלערען די חז"ל: „שהי' עשו נוטל כרי־זהב בשביל חלקו במערת המכפלה". פרעגט זיך דאָך אַ קשיא: פאַרוואָס ווערט „רע־עין" אָנגערופען בלויז עפרון, וועלכער האָט גענומען ס"ה „ארבע מאות שקל", און נישט עשו, וועלכער האָט זיך געבען בלויז פאַר איין קבר פון דער מערת־המכפלה אַ גאַנצע קופע מיט גאָלד? איז דער תירוץ: בשעת עפרון איז געגאַנגען פערקויפען די מערה, איז, אויסער אָדם וחוה, נאָך קיינער פון די גרויסע צדיקים נישט געלעגען דאָרט – איז דעריבער געווען אַ גרויסע עוולה פון זיין זייט, וואָס ער האָט זיך געהייסען געבען דערפאַר פיער הונדערט שקלים; אין דער צייט פון עשו'ן אָבער, ווען יעקב איז געגאַנגען אָבקויפען ביי איהם זיין חלק, זענען שוין דאָרט בעהאַלטען געווען אַזעלכע צדיקים, ווי אַברהם און שרה, יצחק און רבקה, און אויב מען וויל ליגען נעבען אַזעלכע גרויסע צדיקים, מעג מען זיך טאַקע הייסען גוט בעצאָהלען...

○

וד' ברך את אַברהם בכל... (כד. א.)

„רבי מאיר אומר שלא היתה לו בת, רבי יהודה אומר שהיתה לו בת"

(בבא-בתרא טז.)

אין וואָס בעשטעהט די פלוגתא צווישען זיי און פאַרוואָס געפעלט נישט רבי מאיר'ן צו זאָגען דאָסזעלבע, וואָס רבי יהודה? – ווייל אין מנחות מ"ג געפינען מיר, אַז רבי מאיר האָט מתקן געווען צו זאָגען יעדען טאָג די ברכה „שלא עשני אשה". ווי מיר זעהען, אַלזאָ, האַלט רבי מאיר די פרוי אַלס אונגעראָטען בעשעפעניש – און דעריבער, קוים דערצעהלט אונז דאָ דער פסוק, אַז „וד' ברך את אברהם בכל", אַז אַברהם איז געווען געבענשט מיט אַלעמען, איז דערפון, לויט זיין מיינונג, געדרונגען „שלא היתה לו בת", ווארום האָבען אַ טאָכטער איז נישט קיין ברכה, פערקעהרט...

(תורה תמימה)

○

זקן ביתו המושל בכל־אשר־לו... (כד. ב.)

געוועהנליך, אין עניני פרומקייט און כשרות גלויבט איין איד דעם צווייטען אויפ'ן ווארט, מעג יענער זיין א ווילד־פרעמדער. זאל אבער דער־זעלבער וועלען לייהען ביי איהם א גמילת־חסד, דאן וועט ער שוין, פער־שטעהט זיך, אזוי לייכט נישט געבען אהן א געהעריגער בעווארעניש און אהן געגוי צו וויסען פריהער, ווער און וואס יענער איז...

אנדערש אבער האט זיך אויפגעפיהרט אברהם. אין געלד־זאכען האט ער פון אליעזר'ן נישט געפאדערט קיין בעווארעניש, האבענדיג צו איהם דעם פולסטען צוטרוי — „זקן ביתו המושל בכל־אשר־לו"... קוים אבער איז געקומען צו א דבר־מצוה, צו פערהיטען יצחק'ן, ער זאל נישט נעהמען קיין ווייב פון די בנות־כנען, דא האט ער שוין נישט געוואלט גלויבען אליעזר'ן אויפ'ן בלויזען ווארט, פערלאנגענדיג פון איהם, אלס בעווארעניש, א פייערליכע שבועה: — „שים נא ידך תחת ירכי"...

(באר מים חיים)

המושל בכל־אשר־לו...

דידאזיגע ווערטער געהען ארויף אויף אברהם'ן. דאס דערצעהלט אונז די תורה אויף איהם א שבח, אז ער איז געווען א „מושל בכל אשר לו", אז ער האט געוועלטיגט איבער זיין פערמעגען, אין געגענזאץ צום רוב גבירים, וועלכע זענען נישט קיין מושלים איבער זיך, וועלכע האבען, ליי־דער, איבער זייער אייגען געלד קיין שליטה נישט...

(כלי יקר)

○

היש בית־אביך מקום לנו ללין... (כד. כג.)

דערפאר האט איהר אליעזר געשטעלט דידאזיגע פראגע, ווייל טאמער — האט ער זיך געטראכט — נעהמט זיך איהר גוטהארציגקייט דערפון, וואס זי שטאמט פון אנ'ארים הויז, און „ארימעלייט האבען גוטע הערצער"; מיט'ן מאמענט אבער ווען זי וועט אריינקומען אין אברהם'ס פאלאצען, וועט זי, ווי דער שטייגער איז פון אויפגעקומענע אביונים, מיט איינמאל פערוואנ־דעלט ווערען אין א שטאלצע, בייזע בעל־הבית'טע, וואס ווייסט מעהר פון קיין רחמנות נישט... און דעריבער האט ער געוואלט וויסען, ווי־אזוי זיי וואוינען, ווי־אזוי זייער דירה זעהט־אויס — „היש בית־אביך מקום לנו ללין"...

(הדרש והעיון)

און דאָס איז דער טייטש „פזר נתן לאביונים”: די מדה פון פזרנות, רחמנות און גוטהאַרציגקייט האָט דער אויבערשטער געגעבען נאָר צו די אביונים...

(רבי שמעלקי מניקעלשבורג)

○

עבד אַברהם אָנכי... (כד. לד.)

דען על־פּי־רוב איז אַ שדכן אַ שטיקעל ליגנער און בעל־גוזמא, וואָס בכדי צונויפצופיהרען אַ וואַנד מיט אַ וואַנד איז ביי איהם רעכט אויסצוטראַכטען נישט־געשטויגענע מעשיות... און דעריבער האָט אליעזר דער שדכן געהאַלטען קודם־כל פאַר נויטיג צו ערקלערען: זייט וויסען, „עבד אַברהם אָנכי”, און אַברהם'ס אַ מענש זאָגט נישט קיין ליגען...

(כפלים לתושיה)

○

אֻלַי לא תלך האשה... (כד. לט.)

„אֻלַי כתיב, בת היתה לו לאליעזר וכו'... (רש"י).

פון וואַנען נעהמען עס די חז"ל און וואָס האָט זיי געגעבען אַ גרונד דערצו, חושד־צו־זיין דעם טרייען אליעזר'ן אין פּערזענליכע פניות? — ווייל וועגען בעגריף פון צווייפעל און אונזיכערקייט זענען פאַרהאַן אין תנ"ך צוויי אויסדריקען: „פן” און „אולי”, פון וועלכע יעדער האָט אַ בעזונדערע בעדייטונג; „פן” ווערט בענוצט אין פאַל, ווען מען וויל נישט, אַז די זאַך, וועגען וועלכער מען צווייפעלט, זאָל זיך בעשטעטיגען, ווי למשל: „פן יפתה לבבכם”, „פן יהיה דבר עם לבבך בליעל” א. אַז. וו. הלואי, הייסט עס, זאָל נישט קומען דערצו. דאַגעגען „אולי” האָט אַ פּערקעהרטע בעדייטונג: ווען מען ווינשט זיך אין האַרצען, אַז דאָס, אין וועלכען מען צווייפעלט, זאָל זיך אַרויסווייזען פאַר אַנ'אמת, ווי „אולי אבנה ממנה”, „אולי יש חמשים צדיקים”, „אולי ישא פני”... אויב, אַלזאָ — האָבען די חז"ל מדייק געווען — אליעזר זאָל געווען ווירקליך וועלען, אַז הלואי זאָל דער ספק זיך נישט אַרויסווייזען פאַר ריכטיג, וואָלט ער דאָך געדאַרפט אין אַזאַ פאַל זיך אויסדריקען: „פן לא תלך האשה”; קוים האָט ער אָבער בענוצט דאָס וואָרט „אולי”, הייסט דאָך עס פּערקעהרט, אַז ער האָט זיך געוואונשען, עס זאָל טאַקע זיין אַזוי, און דערפון איז אַלזאָ אַ בעוויז, אַז „אֻלַי כתיב”, אַז ער האָט געהאַט דערביי אַ פּערזענליכע פניה...

(ווילנער גאון)

פרעגט מען דערויף: לויט דערדאָזיגער ערקלערונג פון ווילנער גאון, ווי אַזוי וועט מען טייטשען דעם פסוק אין תולדות (כז. יב.) — „אולי ימושני אָבי״?

דידאָזיגע פראַגע ווערט אויך געפרעגט אין ספר „הכתב והקבלה״ פון רבי יצחק-צבי מעקלענבורג, וועלכער פרובט פערענטפערן דעם פשט פון „אולי ימושני אָבי״ אויף צוויי אופנים:

ערשטענס — דאָס וואָרט „אולי״ געהט נישט אַרויף אויפ׳ן גאַנצען ווייטערן פסוק, נאָר בלויז אויפ׳ן וואָרט „ימושני״, און דער זין איז אַזוי: „אולי ימושני אָבי״, — אַז דער פאָטער זאָל אַרויפלעגען די הענד אויף איהם, דאָס האָט יעקב געוואָלט, הלואי זאָל עס טאַקע אַזוי זיין, דען דאָס איז אַ סגולה, אַז די ברכה זאָל חל זיין (ווי ביי ברכת מנשה ואפרים און ביי דער ברכה פון משה צו יהושע); מורא האָט ער געהאַט בלויז פאַר דער צווייטער זאַך — טאָמער וועט ער איהם דערביי דערקענען און „והייתי בעיניו כמתעתע״ וכו׳...

אַ צווייטער פשט: יעקב, אַלס איש-תמים און איש-האמת, איז נישט איבריג צופרידען געווען פון רבקה׳ס עצה אויסצונאַרען די ברכה בדרך-רמאות און ער האָט זיך דעריבער אויס-געדריקט: „אולי ימושני אָבי״, — הלואי זאָל טאַקע געשעהען אַזוי, אַז דער פאָטער זאָל איהם דערקענען און ער זאָל איהם פערשפּאָרען אָבצונאַרען...

הרב סאָראָטשקין פון סטאָלפּצי ברענגט אַ ראיה צום דאָזיגען צווייטען פירוש פון מדרש (ווערט געבראַכט אין „ילקוט שמעוני״), וואו עס ווערט געזאָגט: „וילך ויקח ויבא לאמו — אָנוס וכפוף ובוכה״. דערמיט ווערט אַלזאָ דייטליך אָנגעוויזען, אַז עס איז יעקב׳ן געווען דערווידער צו בעקומען די ברכות בדרך ערמה; נאָר ער האָט זיך נישט געקאָנט גע-גענשטעלען דער מוטער׳ס רצון, און אויף אַזאַ אופן איז טאַקע „אולי ימושני אָבי״ אַ וואונש: הלואי זאָל עס אַזוי געשעהען און די זאַך זאָל נישט צושטאַנדקומען.

אויך רבי צבי חיות, אין זיינע חידושים אויף סוף מכות כ״ד, טייטשט דעם דער-מאָהנטען פסוק אויפ׳ן זעלבען אופן: „דלא חפץ לשקר באמת כל-שהוא וחפץ שימישו אותו אבא״.

אויף אַן׳עהנליכען שטייגער ווערט אין נאָמען פון רבי יצחק-דוב ווירצבורגער גע-טייטשט דער פסוק (איוב א. ה.): „כי אָמר אולי חטאו בני וברכו אלקים בלבבם״ (דען לויט׳ן גאון׳ס פירוש וואָלט דאָך דאָ געדאַרפט זיין „פן חטאו בני״), אַז דער פשט איז, דאָס איוב האָט געבעטען, הלואי זאָל דער „חטאו בני״ בלויז זיין „בלבבם״, זיי זאָלען האָבען געזינדיגט בלויז אין האַרצען, נישט אין דער ווירקליכקייט.

אָבער דאָס איז אַ פירוש דחוק, און חוץ-דעם פרעגט זיך אַ פראַגע: ווי-אַזוי וועט לויט׳ן גאון׳ס פשט געטייטשט ווערען דער פסוק (בראשית יח. כח.): „אולי יחסרון חמשים הצדקים חמשה״? הלואי עס זאָלען פעהלען!?

דערזעלבער ענין ווערט אויך ברייט אַרומגעשמועסט אין „דברי שאול״ פון רבי יוסף-שאול נאַטאַנזאָהן, וועלכער שטעלט זיך אויך אויפ׳ן פסוק אין איוב „אולי חטאו בני״ און אויפ׳ן פסוק „אולי יחסרון חמשים הצדיקים חמשה״, און ער קומט דעריבער צום אויספיהר, אַז די דערמאָהנטע ערקלערונג וועגען דעם אונטערשיד צווישען „פן״ און „אולי״ איז נישט ריכטיג. און רבי יוסף-שאול פיהרט-אויס: „אבל לי נראה ההבדל שמלת אולי יאמר כשהדעת נוטה שיהי׳ כן, ומן יאמר כשאין הדעת נוטה שיהי׳ כן ודו״ק ותשכח״...

אַגב ווערט דיזעלבע ערקלערונג וועגען דעם אונטערשיד צווישען „אולי״ און „פן״ גע-בראַכט אין ספר „עין דוגל״ פון בעל „אמיקי יהודה״ נישט אין נאָמען פון ווילנער גאון, נאָר „בשם החכם המדקדק מו״ה עמנואל איש בניינטא״...

○

אולי לא תלך האשה אחרי...

„בני ברוך ואתה ארור, ואין ארור מדבק בברוך"... (רש"י)

אין פלוג, קוים איז די מניעה מצד דעם „ברוך", וועלכער וויל זיך נישט משדך זיין מיט'ן „ארור", וואלט דאך געדארפט שטעהן פערקעהרט: „ואין ברוך מדבק בארור"... נאר אזוי איז שוין דער שטייגער אין לעבען: דוקא דער גראבער יונג, דער „ארור", שטעהט גאר אין גרויסען, איהם גאר פאסט נישט דער שידוך!...

ויברכו את רבקה... (כד. ס.)

אזעלכע גבוים ושפלים! ווי גרויס זייער ליעבשאפט איז געווען צו רבקה'ן, ווי שווער עס איז זיי נעבעך אנגעקומען צו שיידען זיך מיט איהר, און דאך — נדן האבען זיי איהר געגעבען בלויז מיט'ן מויל (יוצא געווען מיט א ברכה)...

(בראשית רבה)

ותרא את יצחק ותפול מעל הגמל... (כד. סד.)

בשעת דער רבי ר' העשעל איז געווען א יונגעל פון א יאהר צעהן, האט מען איהם שוין גענומען רעדען שידוכים — און געוועהנליך האבען זיך אויף אזא כלי-נפלא געפונען א סך בעלנים. איין שידוך האט שוין גע-האלטען ביים פערענדיגט-ווערען און די מחותנים זענען געקומען איהם „פער-הערען אין לערנען".

— העשעל, — פרעגט מען איהם ביי זייער אריינקומען, — אנו, טרעף, ווער איז דער כלה'ס טאטע?

— אט דער, — ווייזט ער אן אויף איינ פון די געסט.

— פון וואנען ווייסטו?

— ווייל — ענטפערט העשעל — כ'האב איהם שוין פיינט...

— אויב איהר ווילט, — רופט-זיך-אן דערויף איינער פון די פערזאמעלטע לומדים, — איז עס טאקע מרומז אין פסוק. עס שטעהט: „ותשא רבקה את עיניה ותרא את יצחק ותפול מעל הגמל". פון וואנען האט רבקה גע-

וואוסט, אַז דאָס איז יצחק? — נאָר ס׳ווייזט אויס, אַז אויך א מאַן דער־
קענט מען תיכף ביים ערשטען אויגענבליק...

○

ומשמע ודומה ומשא... (כה. יד.)

א מענש דאַרף קענען הערען, שווייגען און איבערטראָגען...

(רבי ר׳ בונם)

תולדות

ויתרוצצו הבנים בקרבה... (כה. כב.)

„עוברת על פתחי תורה — יעקב רץ ומפרכס לצאת, עוברת על פתחי ע"ז — עשו מפרכס לצאת"... (רש"י)

פרעגט זיך: מילא, יעקב האט געוואלט און נישט געקאנט ארויס פון דער מוטערס בויך, ווייל ער איז געלעגען דער צווייטער, דער לעצטער, און עשו האט איהם פערשטעלט דעם וועג. אבער עשו, אויב ער האט ווירקליך אזוי געצאפעלט און געוואלט ארויס פון דארט, פארוואס האט ער עס נישט געטהון, ווער האט איהם דען געשטערט? — דער תירוץ איז: אהן יעקב'ן האט עשו נישט געהאט קיין חשק ארויסצוגעהן אויף דער וועלט, ווארום וואס וועט ער דארט טהון אהן איהם, אויף וועמען וועט ער הער־שען, מיט וועמען וועט ער זיך ראנגלען, וועמען וועט ער דאס לעבען פער־ביטערן?...

(רבי שלמה קלוגער)

הלמאי, פרעגט זיך, האט יעקב אזוי געצאפעלט און געוואלט ארויס פון דער מוטערס בויך, בשעת ער איז פארבייגעגאנגען די „פתחי תורה"? די חז"ל זאגען דאך, אז בשעת דאס קינד געפינט זיך במעי אמו, לערנט א מלאך מיט איהם תורה, און דארף מען דען א בעסערן מלמד, ווי דער מלאך? — דער תירוץ איז: צוזאמען מיט עשו'ן איז אפילו ביי א מלאך געפעהרליך צו לערנען...

(ר' בונם)

ותלך לדרוש את ד'... (כה. כב.)

„שיגיד לה מה תהא בסופה"... (רש"י)

רבקה האט געמיינט, אז דאס שוואנגערט זי בלויז מיט איינעם, וועל־בער אמאל דיענט ער דעם אויבערשטען, און אמאל — די עבודה־זרה; האט

זי דעריבער געוואָלט וויסען „מה תהא בסופה״, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיגען, ווי אַזוי עס וועט ענדליך אויסזעהן זיין לעצטער בעשלוס, אויף וועלכען וועג ער וועט זיך סוף-סוף דעצידירען צו געהן, דען די הויפּט-זאַך איז דער סוף. און אַזוי איז עס אויך מיט יעדען מענש: אַ גאַנצען לעבען אַמפּערט ער זיך און ראַנגעלט זיך מיט'ן יצר; אַמאָל איז ער גובר, אַמאָל — דער יצר. דער עיקר איז אָבער — ווער עס גיט דעם לעצטען פּאַטש...

(ירו״ל)

○

ויָדו אוחזת בעקב עשו... (כה. כו.)

ווי איז דאָס ליידער שטענדיג — „וידו אוחזת בעקב עשו״: כמעט אין אַלע צרות אויף אידען קומט עשו'ן צוהילף אַ פעררעטערישע אידישע האַנד, און — „יד אל באמצע״...

(רבי לייביש חריף)

—

„וידו אוחזת בעקב עשו״ — טריט-ביי-טריט שלעפּען מיר זיך נאָך, אין אונזער גלות-לעבען, נאָך עשו'ן, האַלטענדיג איהם אין איין נאָכטהון, אין איין נאָכמאַלפּעווען...

(דרשות אל עמי)

—

דאָס איינציגע שטיקעל גליק פון יעקב'ן איז, וואָס „וידו אוחזת בעקב עשו״, וואָס עשו קוקט איהם שטענדיג אין דער האַנד אריין, וואָס מען קאָן זיך ביי איהם אויסקויפען מיט געלד, מיט געבען איהם עפּעס אין דער „יד״...

(קהלת יצחק)

○

ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו... (כה. כח.)

אויף יעקב'ן — האָט זיך יצחק געטראַכט — איז קיין רבותא נישט, וואָס ער איז פרום: אַן „איש תם״, אַ „יושב אוהלים״, קומט נישט צווישען מענשען, פיהרט נישט קיין מסחרים, טאָ וואָס איז עס פאַר אַ חידוש!... אָבער עשו, אַן „איש ציד״, אַ בעשעפטיגטער מענש, אַ טרוד אין פרנסה, און דאָך איז ער אַזוי אָבגעהיט אין פרומקייט און ער קומט פרעגען דעם

טאטען שאלות: „אבא, האיך מעשרין את התבן", — אזא מענש איז דאך טאקע עפעס א זעלטענהייט... און דערפאר האט ער ביי איהם אזוי אויס־גענומען, און דעריבער האט ער איהם אזוי ליעב געהאט..

(רבי יוסף שאול נאטאנזאהן)

○

ורבקה אוהבת את יעקב... (כה. כח.)

פון דאנען — פלעגט זאגען רבי נפתלי ראפשיצער — זעהט מען, אז הגם „תמימות" איז איינע פון די שענסטע און נויטיגסטע מדות, דאך בלויז תמימות אליין טויג אויך נישט. יצחק, דער „עולה תמימה", האט זיך נישט פערשטאנען אויף קיין שווינדעל, האט ער זיך דערפאר געלאזט אבנארען פון עשו'ן, פון זיינע שמד־שטיק און פרומע שאלות: „אבא, האיך מעשרין את התבן". רבקה'ן אבער איז איהם נישט געלונגען אבצונארען; רבקה, די טאכטער פון בתואל הארמי און די שוועסטער פון לבן הארמי — זי האט זיך גלייך פערשטאנען אויף דידאזיגע זאכען...

○

מכרה כיום את בכורתך לי... (כה. לא.)

ברודער מיינער! — האט יעקב געזאגט צו עשו'ן. — צוויי וועלטען זענען פארהאן פאר אונז: עולם־הזה און עולם־הבא. אויף דער וועלט קאן מען עסען און טרינקען און פיהרען מסחרים און הייראטען און האבען קינ־דער; אויף יענער וועלט — איז דאס נישטא... אויב דו ווילסט, וועלען מיר זיך טיילען: נעהם דיר עולם־הזה, און איך — עולם־הבא... און אזוי איז געבליבען. אין א צייט ארום, בשעת יעקב איז געקומען פון לבנ'ען און עשו האט דערזעהן, אז ער האט זיהן און טעכטער, קנעכט און דיענס־טען, האט ער א פערוואונדערטער געפרעגט: ברודער יעקב! האסטו דען נישט בפירוש געזאגט, אז צו דיר געהערט עולם־הבא, און צו מיר — עולם־הזה? טא פון וואנען קומט צו דיר אזא פערמעגען? אויב דו ווילסט, לאָ־מיר מאכען שותפות: דיר א העלפט פוןביידע וועלטען, עולם־הזה און עולם־הבא, און מיר א העלפט... אבער יעקב איז אויף דעם שותפות נישט איינגעגאנגען...

(פרקי דרבי אליעזר)

○

וישב יצחק בגרר... (כו. ו.)

ער האָט זיך נישט געעפענט קיין קראָם, מען זאָל קאָנען האָבען טענות צו איהם, אז ער קאָנקורירט מיט די אָרטיגע סוחרים; ער האָט נישט געהאַלטען קיין שענק אין דאָרף, מען זאָל איהם קאָנען בעשולדיגען, אז ער פערשפּרייט שכרות צווישען די פויערן און צוליעב־דעם ווערען זיי פעראָרימט און דעמאָראַליזירט; ער האָט זיך נישט פערנומען מיט ליכווע, מיט באָרגען די פריצים געלד אויף פּראָצענט, מען זאָל קאָנען געגען איהם אויפהויבען א געוואַלד, אז ער איז אַן'עקספּלואַטאַטאָר, א בלוט-זויגער... מיט ערד-אַרבייט האָט ער זיך בעשעפטיגט, עהרליך, מיגיע-כפּו האָט ער געלעבט — „ויזרע יצחק בארץ ההיא"... און דאָך האָט עס נישט געהאָלפען, און דאָך האָט עס נישט אָבגעהאַלטען פון צו העצען געגען איהם, און דאָך האָט מען צו איהם געשריען: „לך מעמנו, כי עצמת ממנו מאד!"...

(חומר לדרוש)

וימצא בשנה ההיא מאָה שערים... (כו. יב.)

געוועהנליך וואָלט דאָך געדאַרפט זיין א שמחה ביי דער בעפעלקערונג, ווען נאָך א הונגער־יאָהר ווערט אַ טייל פון'ם ערד־באָדען פלוצים געבענשט מיט אַזאַ פּרודוקטיוויטעט, מיט אזאַ אונגעוועהנליכער שפע פון „מאָה שערים", א הונדערט־פאַכיג געוויקס, וואָס עס ווערט אין א געוויסער מאָס לינדערן דעם הונגער און יקרות אין לאַנד; און דאָך — דעראָזיגער שפע'דיגער באָדען געהערט צו א אידען, און דאָס איז גענוג, מען זאָל, פערקעהרט גאָר, ווערען אונצופרידען און פערביטערט און מען זאָל אָנהויבען צו שרייען: „לך מעמנו, כי עצמת ממנו מאד!"...

(קובץ דרושים)

אם תעשה עמנו רעה כאשר לא נגענוך... (כו. כט.)

דער לייב האָט, פרעסענדיג דאָס פלייש פון א פערצוקטער חיה, זיך גענומען שטיקען און עס איז איהם געבליבען שטעקען א ביין אין האַלז, איז ער א פער'יסורים'טער געלאָפען איבער'ן וואַלד און האָט געשריען: ווער עס וועט מיר אַרויסנעהמען דעם ביין פון האַלז, וועט דערפאַר גוט בעלוינט ווערען! האָט דאָס דערהערט א געוויסער פויגעל מיט א לאַנגען שנאָבעל, איז ער שנעל געקומען צופליהען, אַריינגעשטעקט זיין לאַנגען

שנאָבעל אינ׳ם לייב׳ס פיסק און אַרויסגעשלעפּט דעם ביין און דאַן אַוועק־געשטעלט זיך וואַרטען, דער לייב זאָל איהם בעצאָהלען די צוגעזאָגטע בע־לוינונג; אָבער דער לייב, נאָכדעם ווי ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט, האָט איהם ציניש געענטפערט: בעלוינונג? עס איז אַ גאַנץ גענוגענדע בעלוינונג פאַר דיר, וואָס דו ביזט געוועזן ביים לייב אין פיסק און ביזט אַרויס פון דאָרט בשלום!...

(מדרש רבה)

דער נמשל: אַזוי האָט אויך געענטפערט אבימלך, און דערדאָזיגער ענטפער גילט בנוגע צו אידען ביז׳ן היינטיגען טאָג... אויב אַ מלוכה פון וועלכען־עס־איז לאַנד טהוט אידען קיין שלעכטס נישט, האַלט זי דאָס אַליין שוין פאַר אַ גרויסען חסד, פאַר אַ זעלטענער גוטסקייט, מיט וועלכער זי הערט זיך נישט אויף צו ריהמען ביי יעדער געלעגענהייט. בנוגע צו אידען ווערט אָט דער בלויזער „כאשר לא נגענוך״ פעררעכענט אַלס אויסערגע־וועהנליכע פּריווילעגיע...

○

ועתה בני שמע בקולי... (כז. ח.)

אויף דעם, אויף רבקה׳ס עצה וועגען די ברכות, פלעגט זאָגען דער קאָזשעניצער מגיד: „גדזיע זשאָנאַ זשאָנדזשי, טאַם מאָנזש בלאָנדזשי״ (דאָרט, וואו די פרוי רעגירט, ווערט דער מאַן פערפיהרט). ווען נישט רבקה׳ס עצה, וואָלט עשו בעקומען די ברכות — און דאַן וואָלט נישט פער־שאַרפט געוואָרען זיין שנאה צו יעקב׳ן, און מיר וואָלטען פערשפּאָרט פון איהם ביז׳ן היינטיגען טאָג אַזוי פיעל צרות צו ליידען...

○

ותקח רבקה את־בגדי עשו... ותלבש את יעקב (כז. טו.)

זי האָט פאָראויסגעזעהן, אונזער מוטער רבקה, אַז בשעת די אידען וועלען זיין אין גלות, וואו זיי וועלען געצוואונגען זיין צו קליידען זיך אין די בגדי־עשו, וועלען זיי אָהן דער ברכת־יצחק קיין תקומה נישט האָבען...

(רבי ר׳ בונם)

— וואָס איז די מעשה, — האָט אַמאָל אַ געוויסער משכיל געפרעגט דעם בעלזער רבי׳ן, רבי שלום, — וואָס די קורץ־געקליידעטע אידען, די

„דייטשען", זענען מצליח און עס לעבט זיך זיי על־פי־רוב פיעל בעסער איידער די פרומע, חסיד׳יש־געקליידעטע אידען! עס איז א פשוט׳ע זאך, — האט איהם דערויף רבי שלום געענטפערט, — דאס נעהמט זיך דערפון, וואס בשעת יצחק האט געבענשט יעקב׳ן, איז ער דאמאלס געגאנגען גע־קליידעט, ווי א „דייטש" — אין די „בגדי־עשו"...

○

מה־זה מהרת למצא בני... ויאמר כי הקרה ד׳ אלקיך לפני... (כז. כ.)

און עשו האט געזאגט: „יקום אבי ויאכל מציד בנו".

וועה איז דעם פאטער, וועלכער דארף אויף די עלטערע יאהרען אנ־קומען צו קינדער, זיי זאלען איהם מפרנס זיין. אבער נישט אלע קינדער זענען אין דער הינזיכט גלייך. א גוטער זוהן, אז ער דארף מפרנס זיין דעם טאטען, טהוט ער עס איידעל, גוטמוטיג: זיי נישט, טאטע, — בערו־היגט ער איהם — געפאלען ביי זיך, „כי הקרה ד׳ אלקיך לפני", דו עסט נישט מיינס, חלילה, נאר גאט׳ס... דאגעגען א זוהן א גראבער יונג בע־מערקט ביי יעדער געלעגענהייט: „יקום אבי ויאכל מציד בנו", געבענדיג דעם טאטען אנצוהערעניש, אז דאס עסט ער „מציד בנו", זיינס, דעם זוהנ׳ס פראצע...

(כסף נבחר)

○

הקול קול יעקב והידים ידי עשו... (כז. כב.)

בשעת דאס קול פון יעקב איז טעטיג, זענען די ידים ידי־עשו אונ־מעכטיג געגען איהם...

צו אבנימוס הגרדי (איינער פון די גרויסע פילאזאפען ביי די אומות־העולם) האבען זיך איינמאל פערזאמעלט די פארשטעהער פון פערשידענע אומות און איהם געפרעגט: ווי מיינסטו, וועלען מיר קענען בעזיעגען די אידישע אומה? — האט ער זיי דערויף געענטפערט: געהט און מאכט א שפאציר איבער די אידישע שוהלען און בתי־מדרשים; אויב איהר וועט אין זיי הערען דעם קול־תורה פון די אידישע קינדער — וועט איהר זיי נישט קענען בייקומען; אויב אבער נישט — דאן וועט איהר זיי בייקומען...

(בראשית רבה)

על־פי־רוב, בעת עס לעבט זיך די אידען גוט אין א לאנד און זיי האבען זיך נישט צו בעקלאגען אויפ׳ן מצב־הפרנסה און זיי האבען נישט אויסצושטעהן קיין שום רדיפות, ווערט דאן, ליידער, דער „קול־יעקב״ פער־שוויגען, מען דערווייטערט זיך וואס אמאל מעהר פון אידישקייט און פון דער געמיינזאמער שייכות מיט די אידען פון אנדערע לענדער... ווען דערהערט זיך דער „הקול קול יעקב״, ווען דערוועקט זיך אמשטארקסטען אין די הערצער דאס „פינטעלע איד״! – ערשט דאן, ווען מען דערפיהלט פלוצים די „הידים ידי עשו״...

(מגד ירחים)

פארהאן אידען, וואס בנוגע צום „קול״ זענען זיי פולקאם אין ארד־נונג, זיי דאוונען און לערנען א סך און היטען־אב דעם „הקול קול יעקב״ ווי געהעריג. קומט עס אבער צו די „ידים״, צו די הענד, צו געבען צדקה, צו האנדלען באמונה, דאמאלס, ליידער, איז – „הידים ידי עשו״, זענען זיי זיך גרייט צו הרג׳ענען פאר א פחות משוה פרוטה...

(אבנער מורה)

○

וירח את ריח בגדיו... (כז. כז.)

„ריח בגדיו — ריח בוגדיו״ (דער ריח פון זיינע פערועטער)... (מדרש)

און דאס איז דער טייטש פון די ווייטערדיגע ווערטער: „ראה ריח בני כריח שדה״ – דאס אידישע קינד איז עהנליך צום פעלד, צו דער ערד. פונקט ווי בנוגע דער ערד איז אנגענומען, אז „אין אונאה לקרקעות״, אז מיט ערד בעגנארט מען זיך נישט, ווייל אויב עס איז אינ׳ם איצטיגען מא־מענט נישט ווערט דעם בעצאהלטען פרייז, וועט עס ווערט זיין אין א צייט ארום, אזוי איז אויך מיט אידישע קינדער דאסזעלבע: אויב זיי זענען אפילו אינ׳ם איצטיגען מאמענט אונטריי און פערדארבען און זיי פערשאפען אונז צער מיט זייערע מעשים, דארף מען זיך נישט מייאש זיין און האפען, אז זיי וועלען שפעטער בעסער ווערען, דען „ישראל אף־על־פי שחטא – ישראל הוא״..

(ייטיב לב)

○

ויתן־לך האלקים מטל השמים ומשמני הארץ... (כז. כח.)

און ביי עשו׳ן איז דער נוסח פערקעהרט: „משמני הארץ מושבך ומטל השמים״, פריהער „ארץ״ און נאכדעם „שמים״... אין יעדענס ברכה

האָט יצחק מקדים געווען דאָס, וואָס עס איז ביי יעדען פון זיי דער עיקר. יעקב לעבט מעהר מיט'ן הימעל, און עשו — מיט דער ערד...

(אמרי דרוש)

O

הוה גביר לאחיך... (כז. כט.)

אַ גביר זאָלסטו זיין „לאחיך", צו דיינע ברידער; פון דיין עשירות זאָלען געניסען אידען. נישט ווי עס פיהרען זיך, ליידער, געוויסע אידישע מיליאָנערן, וועלכע שפענדען די גרעסטע נדבות פאַר כל מיני נישט-אידישע צוועקען און פון זייערע אייגענע ברידער ווילען זיי נישט וויסען...

(הדרש והעיון)

O

ויחרד יצחק חרדה גדולה... (כז. לג.)

„ראה גיהנם פתוחה מתחתיו"... (רש"י)

פאַרוואָס האָט מען עפּיס דאָ פּלוצים געוויזען יצחק'ן דעם גיהנם?

דען די חז"ל זאָגען (בראשית רבה, פ' מד.), אַז אויף דעם חטא פון דער פראַגע „במה אדע" האָט השי"ת פאָרגעלעגט אַברהם'ן, ער זאָל זיך אויסקלייבען וועלכען עונש ער וויל: „במה אתה רוצה? שירדו בניך בגיהנם, או במלכיות"? דערויף האָט אַברהם זיך בעסער אויסגעקליבען דעם עונש פון „שעבוד-מלכיות"... וויבאַלד, אַלזאָ, יצחק האָט איצט געבענשט יעקב'ן מיט דער ברכה: „יעבדוך עמים וישתחוו לך לאומים", הייסט דאָך עס, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון „שעבוד-מלכיות", — איז אויב אַזוי, דאַרף ער דאָך נעהמען אויף זיך דעם צווייטען עונש, דעם עונש פון גיהנם, און דעריבער — „ראָה גיהנם פתוחה מתחתיו"...

(רבי ר' העשעל)

ואת אָחיך תעבוד... (כז. מ.)

הלואי וואָלטען אונזערע אידישע גבירים מקיים געווען אַלע אַנדערע מצוות פון דער תורה מיט אַזאַ קנאות, ווי זיי זענען מקיים דעם דער-מאָהנטען פסוק! דען נאָר דערפון, ווייזט אויס, צוליעב דעם אַנזאָג „ואת אָחיך תעבוד", נעהמט זיך עס, וואָס ס'רוב אידישע פאַבריקען זענען אָפען פאַר צעהנער טויזענדער גוי'אישע אַרבייטער און געשלאָסען פאַר אייגענע אידען...

(רבי שמואל מאָהילעווער)

———

די השגחה העליונה האָט בכיוון מסבב געווען, אַז די ברכות, וואָס יצחק האָט געבענשט יעקב'ן, זאָלען דאַרפען אויסגענאָרט ווערען בדרך־רמאות, נישט אויפ'ן גלייכען, נאָרמאַלען וועג.

דאָס איז נויטיג געווען דערפאַר, כדי די ברכות זאָלען חל זיין אויף אידען אויך דאַן, ווען זיי וועלען זיין זינדיג און נישט געהן בדרך־הישר. וואָרום יצחק האָט דאָך אין זינען געהאַט בשעת־מעשה, אַז דאָס בענשט ער עשו'ן, און דעריבער, ווי זינדיג מיר אידען זאָלען נישט זיין, זענען מיר דאָך אָבער על־כל־פנים נישט זינדיגער און נישט ערגער פון עשו הרשע...

(רבי משה־לייב סאַסעווער)

וישטום עשו את יעקב... (כז. מא.)

מען האָט אַמאָל געפרעגט דעם רבי'ן רבי יונתן אייבעשיץ: פאַרוואָס, בשעת עס מאַכט זיך ביי אַ פרומען איד אַ שאלה וועגען כשרות, אָדער וועגען חמץ־בפסח, וואַרט ער נישט, עס זאָל איהם ווער אויספאָדערן, נאָר ער אַליין לויפט אַוועק צום רב, און אויב דער רב פסק'ענט: טריפה, אָדער: חמץ, רעדט ער קיין וואָרט נישט, פרובט זיך נישט געגענשטעלען, נאָר ער איז הכנעה'דיג מקיים דעם פסק, מעג עס זיין פערבונדען מיט אַ בעדייטענדען געלד־היזק. דאַגעגען אין מסחר, ביי דיני־ממונות, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען גזילה פון פרעמד געלד, איז נישט־נאָר וואָס מען לויפט נישט צום רב אַליין פרעגען אַ שאלה אויפ'ן גזל, נאָר על־פי־רוב מוז מען אָנווענדען פערשידענע מיטלען און נאָכלויפען דעם בעל־דבר וואָכען און אַמאָל חדשים־לאַנג, ביז יענער איז מרוצה צו געהן צו אַ דין־תורה; און אַפילו שוין נאָך דער דין־תורה קומט עס אָן אין מעהרסטע פאַלען נישט אַזוי לייכט, ביז יענער איז ענדליך מקיים־פסק, מעג זיך עס אַפילו האַנדלען אין אַ גאַנץ קליינער סומע... מיט וואָס ערקלערט זיך עס? איז דען דער לאַו פון „לא תגזול" און „לא תעשוק את רעך" נישט אַזוי האַרב, ווי דער „ובשר בשדה טרפה לא תאכלו" און „כל מחמצת לא תאכלו"?...

דאָס איז דערפאַר, — האָט רבי יונתן דערויף געענטפערט, — ווייל ביי אַ שאלה פון כשרות און חמץ, איז כאָטש ער אַליין ליידט טאַקע אַ גרויסען היזק, אָבער קיין פרעמדער, קיין צווייטער האָט דערפון נישט קיין שום נוצען; דאַגעגען ביי אַ דין־תורה וועגען דיני־ממונות, בשעת ער פערשפיעלט, געווינט דאָך דערביי דער צווייטער בעל־דין, — און דער צער, הלמאַי יענער זאָל האָבען ריווח, מעג ער זיין ווי קליין, איז ביי אַ מענשען פיעל גרעסער, ווי דער אייגענער היזק, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין...

און דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט עשו׳ן. „וישטום עשו את יעקב״— די שנאה, וואָס האָט געברענט אין עשו׳ן, איז געווען נישט אַזוי צוליעב זיין אייגענעם היזק, הלמאַי ער האָט בעקומען אַ צו־קלייגע ברכה, נאָר — „על הברכה אשר ברכו אָביו״, אויף יעקב׳ס ריווח, הלמאַי מען האָט אויך יעקב׳ן געבענשט...

(כפלים לתושיה)

O

יקרבו ימי אבל אָבי ואהרגה את יעקב... (כז. מא.)

אין בריסקער בית־המדרש איז אַמאָל אויסגעבראָכען אַ מחלוקת צווי־שען צוויי אָבלים. צוליעב׳ן קדיש־זאָגען, צוליעב׳ן דאַווענען פאַר׳ן עמוד, ווי דער שטייגער איז... עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די אָבלים האָבען זיך געכאַפּט שלאָגען און איינער האָט דעם צווייטען צובלוטיגט. בינתים איז אָנגעקומען רבי יאָשע־בער — און דערזעהענדיג דידאָזיגע העסליכע סצענע און הערענדיג צוליעב וואָס דאָס איז אַרויסגעקומען, האָט ער די צוויי בעלי־דברים שאַרף אויסגעזידעלט.

— אָט איצט — מאַכט דאַן רבי יאָשע־בער צום עולם — איז מיר פערשטענדליך דער פשט פון פסוק „יקרבו ימי אבל אָבי ואהרגה את יעקב״. אין פּלוג איז דאָך קשה: צוליעב וואָס האָט ער עס גדאַרפט אָבלעגען אויף אַזוי לאַנג? האָט דען אַזאַ פּאַרשוין, ווי עשו, נישט געקאָנט זיך אָב־רעכענען מיט יעקב׳ן באַלד אויפ׳ן אָרט? נאָר עשו מיט זיינע שאלות, „אַבא האיך מעשרין את התבן״, האָט, ווי איהר ווייסט, געשפּיעלט די גאַנצע צייט די ראָליע פון אַ מכלומרשטען פרומאַק און דעריבער האָט ער בכיוון אויס־געקליבען די צייט פון „יקרבו ימי אבל אָבי״, דען דאַמאָלס, אין דער צייט פון אָבלות, איז דער בעסטער זמן צו פערפיהרען אַ מחלוקת, אָט צוליעב אַ ,קדיש״, צוליעב׳ן „עמוד״, די בעסטע געלעגענהייט אויף אָבצורעכענען זיך און אָנצופאַלען אויף אַנ׳אייגענעם ברודער...

O

וילך עשו... ויקח את מחלת בת־ישמעאל... (כח. ט.)

אַ מערקווירדיגען מאמר געפינען מיר אויף דעמדאָזיגען פסוק אין ירושלמי (בכורים פ״ג, ה״ג): „וכי מחלת שמה — והלא בשמת שמה? אלא מלמד שנמחלו לו כל עונותיו, מכאן לחתן שמוחלין לו עונותיו״...

וַיֵּצֵא

ויצא יעקב מבאר שבע... (כח. י.)

ביי איינעם טרעפט, אז דער זיווג קומט צו איהם (יצחק), און ביי א צווייטען — אז ער מוז געהן אויפזוכען זיין זיווג (יעקב)...

(בראשית רבה)

דער גרויסער אידישער פילאָזאָף, משה מענדעלסאָן, איז, ווי בעוואוסט, געוועזן א בעל־מום, א הויקער; א פרוי דאַגעגען האָט ער געהאַט א זעל־טענע יפת־תואר זעהר דערצו און רייך פון־דער־היים.

וועגען דעם, ווי אזוי מענדעלסאָן איז געקומען צו אזא שידוך, ווערט דערצעהלט פאָלגענדעס:

מענדעלסאָן איז אין דער יוגענד געוועזן א לעהרער ביים בערלינער גביר גוגענהיים. גוגענהיים׳ס שענע טאָכטער איז איהם זעהר געפעלען גע־ווען; ער אָבער, פערשטעהט זיך, האָט אין תחילת ביי איהר, צוליעב זיין העסליכקייט, נישט אזוי שטאַרק אויסגענומען.

איינמאָל, בשעת זיי זענען ביידע גראָד געזעסען אליין און געשמו־עסט, מאַכט צו איהר מענדעלסאָן:

— גלויבט איהר, פריילין, אין זיווג מן השמים, אז א מענשענס זיווג איז בעשערט פון הימעל?

— יאָ, — ענטפערט זי, — כ׳גלויב.

— וועל איך אייך — זאָגט מענדעלסאָן — דערצעהלען א מעשה:

פיערציג טעג איידער ס׳קינד ווערט געבוירען — זאָגען אונזערע חכמים — רופט מען אויס אין הימעל: „בת פלוני לפלוני", יענעמס און יענעמס טאָכטער איז יענעמס בעשערט. בשעת איך האָב אלזא דערהערט, ווי דער מלאך האָט אויסגערופען: „בת גוגענהיים למשה מענ־דעלסאָן", בין איך געוועזן טשעקאווע און האָב א פרעג געטהון דעם מלאך: „ווי וועט מיין בעשערטע אויסזעהן? וועט זי זיין א יפת־תואר?

— ניין, — ענטפערט מיר דער מלאך, — אַ פערזעהעניש וועט זי זיין, אַ בעל־מום, אַ הויקער...

ווי איך האָב דאָס דערהערט, האָט מיך אַ שטאַרקער צער ארומגענומען און איך האָב מיך אָנגערופען צום מלאך: געה צום בעשעפער און זאָג איהם, אַז איך וועל ליעבער נעהמען דעם הויקער אויף מיינע פּלייצעס און זאָל מיין בעשערטע זיין שען, אָהן אַ מום...

דערדאָזיגער קלוגער ענטפער האָט ביי גוגענהיים'ס טאָכטער שטאַרק אויסגענומען און זי האָט מסכים געווען צו ווערען זיין פרוי.

○

ויפגע במקום וילן שם... (כח. יא.)

„למדנו שתקן תפלת ערבית" (רש"י).

מען האָט איינמאָל רבי יאָשע־בער'ן דערצעהלט וועגען אייניגע געוויסע בריסקער בעלי־בתים, אַז זיי קומען נישט אַ גאַנץ יאָהר דאַוונען, אחוץ ווען זיי האָבען יאָהרצייט; האָט רבי יאָשע־בער דערויף געענטפערט בדרך־הלצה, אַז דאָס איז דער פּשט פון מאַמר חז"ל „תפלות אָבות תקנו": די תפלות אין שוהל האַלטען זיך צוליעב די טאַטעס; אַ מערכה, וואָס דער טאַטע, אָדער די מאַמע איז געשטאָרבען, מוז מען קומען דאַוונען, קדיש זאָגען. ווען נישט דאָס, וואָלטען אַ סך אידען אויף זייער גאַנצען לעבען קיין שוהל נישט אָנגעקוקט...

○

והנה סלם מוצב ארצה... (כח. יב.)

„סולם" איז בגמטריא „ממון", געלד... געלד דערהויבט דעם מענש און דערנידריגט איהם: אָהן געלד איז דער מענש אַ „מוצב אָרצה", מיט געלד איז — „וראשו מגיע השמימה"...

(בעל הטורים)

○

והיה זרעך כעפר הארץ... (כח. יד.)

דאָס אידישע פאָלק איז בעגליכען צו ערד: פון דער ערד האָט מען אַממעהרסטען נוצען, און דאָך — טרעט מען אויף איהר...

(רבי צבי־הירש קאַלישער)

———

בשעת רבי משה מאָנטעפיאָרע איז געווען אין ווילנאָ, האָט צווישען די דעלעגאַציעס, וועלכע זענען איהם געקומען בעגריסען, זיך אויך געפו־ אַ געוויסער משומד, וועלכען מאָנטעפיאָרע האָט זיך ענטזאַגט אויפצונעהמען. צווישען די דעלעגאַציעס זענען אויך געווען אייניגע אָנגעזעהענע קריסטען, וועלכע האָבען זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס אַזאַ קולטורעלער מענש, ווי מאָנטעפיאָרע, זאָל זיך אַרויסווייזען אַזוי אונטאָלעראַנט צוליעב אמונה־זאַכען.

— מיינע הערען! — האָט זיי דערויף מאָנטעפיאָרע ערקלערט. — דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט אונזער זיידען אַברהם: „והי׳ זרעך כעפר הארץ", אַז זיינע קינדער וועלען זיין געגליכען צו ערד. ערד אַליין איז אַ גאַנץ גוטע זאַך, וואַסער אַליין איז אויך גאַנץ גוט; אָבער ווען מען נעהמט ערד און מען גיסט אַרויף דערויף וואַסער, ווערט דערפון בלאָטע, און בלאָטע האָב איך פיינט...

○

אָכן יש ד׳ במקום הזה ואָנכי לא ידעתי... (כח. טז.)

נאָר דאַמאָלס קאָן זיך דער מענש פיהלען נאָהענט צו גאָט, אויב ס׳איז „ואָנכי" לא ידעתי, אויב ער מאַכט נישט קיין ווענען פון זיין אייגענעם „איך"...

(פנים יפות)

○

מה־נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית־אלקים...

(כח. יז.)

אויפ׳ן פסוק „ויקח מאבני המקום" זאָגען די חז"ל, אַז די שטיינער האָבען זיך גענומען אַרומקריגען, און דאָס האָט יעקב׳ן געבערענגט אויפ׳ן געדאַנק, אַז „אין זה כי אם בית אלקים"; וואָרום אויב די מחלוקת אויפ׳ן דאָזיגען אָרט דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז די שטיינער אַפילו קריגען זיך, איז נישט אַנדערש, נאָר דאָ מוז זיין אַ שוהל, אָדער אַ בית־המדרש...

(רבי אייזשעו סלאָנימער)

דער בעוואוסטער גאון, דער בעל „הפרדס", איז אַמאָל געקומען אין אַ גרויסער שטאָדט און איז אַוועק דאַווענען אין שטאָדטישען בית־המדרש. אריינקומענדיג אַהין, איז ער איבערראַשט געוואָרען, זעהענדיג, אין וואָס פאַר אַ מורא׳דיגען צושטאַנד דאָס בית־המדרש געפינט זיך: די ווענד איינ־

געבויגען פון אַלטקייט, דער סופיט דורכגעלעכערט, עס רעגענט אַריין פון אַלע זייטען, ממש אַ חורבה... מן־הסתם — האָט ער געטראַכט מיט וועהטאָג — זענען די בעלי־בתים נעבעך גרויסע אָרימעלייט און זיי זענען נישט ביכולת קיין רעמאָנט צו מאַכען... שפּעטער אָבער, ווען ער האָט זיך דורכשפּאַצירט אין שטאָדט, האָט ער צו זיין פערוואונדערונג דערזעהן, ווי פיעל בעלי־בתים וואוינען אין פּרעכטיג שענע הייזער, אמת׳ע פּאַלאַצען... פּאַרנאַכט, בין מנחה למעריב, האָט ער אין בית־המדרש געהאַלטען אַ דרשה און אויסגעשריען:

— מה־נורא המקום הזה!... בשעת מען קומט אין אַ שטאָדט אַריין און מען זעהט אין דער אידישער גאַס אַ בנין אין אַ חורבה׳דיגען מצב און מען וואונדערט זיך, ווי קומט עס, וואָס זיינע אייגענטימער זאָלען דעמדאָזיגען בנין אַזוי פערנאַכלעסיגען — קאָן מען דאַן מיט זיכערקייט ענטפערן פאַראויס: „אין זה, כי אם בית אלקים!״ — נישט אַנדערש, נאָר דאָס איז אודאי אַ מקום־קדוש, אַ שוהל, אַ בית־המדרש... וואָרום ווען עס וואָלט געווען אַ פּריוואַט־הויז און וואָלט געהערט צו איינעם פון די היגע בעלי־בתים, וואָלט עס זיכער אַנדערש געווען אויסגעזעהן!...

O

וזה שער השמים... (כח. יז.)

יעדער איד, וואָס וואוינט אין ארץ־ישראל, איז אַ צדיק, וואָרום ווען ער וואָלט נישט געווען קיין צדיק, וואָלט דאָס לאַנד איהם נישט געקאָנט פערטראָגען; און אויב זי פערטראָגט איהם, איז ער געוויס אַ צדיק, כאָטש ער איז ביי מענשען בחזקת־רשע... דען ארץ־ישראל ווערט אָנגערופען „שער השמים״, און דאָס איז דער סוד פון פסוק: „זה השער לד׳, צדיקים יבואו בו״; די ראשי־תיבות פון די לעצטע ווערטער איז „צ ב י״, אַ רמז, אַז ווער עס בעזעצט זיך אין ארץ־ישראל, וואָס ווערט אָנגערופען „ארץ צבי״, הייסט ער אַ צדיק...

(טוב הארץ)

O

וידר יעקב נדר לאמר אם יהי׳ אלקים עמדי וכו׳... (כח. כ.)

אויפ׳ן דאָזיגען פסוק געפינען מיר אין „דעת זקנים בעלי התוספות״ פאָלגענדע שטעלע:

„שאל מין אחד את ריב"ל, היכן מצינו שעישר יעקב בניו; א"ל, עישר את לוי שהקדישו לשמים; א"ל, ומה ראה להקדיש לוי והוא לא הי' עשירי? א"ל, שעשה יעקב מכל בניו כטלאים הנכנסין לדיר להתעשר והכניס דרך תולדותם דברניות הן".

וואָס איז דער פשט פון די לעצטע ווערטער — „דברניות הן"?...

פון אַלע פשטים און ערקלערונגען, וואָס ווערען געזאָגט דערויף, זעהט-אויס צו זיין אַמריקטיגסטען די ערקלערונג, וואָס ווערט געגעבען אין ספר „הנותן בים דרך", נעמליך:

מיט די ווערטער „והכניס דרך תולדותם" איז דער מאמר געענדיגט, און די ווערטער „דברניות הן" בעציהען זיך אויפ'ן וויטערען פסוק: „ויאמר להם הידעתם את לבן בן־נחור — ויאמרו שלום והנה רחל בתו באָה עם הצאן". אָט דערויף בעמערקט דער „דעת זקנים": „דברניות הן"; די ווייבער — האָבען די פאַסטוכער געזאָגט צו יעקב'ן — האָבען ליעב אַ סך צו רעדען — און רחל, אַלזאָ, וועט אייך שוין אַלץ ערקלערען גענוי און אויס-פיהרליך... און אַזוי געפינען מיר טאַקע אין מדרש-רבה: „ויאמרו שלום, ואין פוטטין את בעי (און אויב דו ווילסט אַביסעל מעהר רעדען), והנה רחל באָה אם הצאן, הדה אמרה שהדבור מצוי בנשים"..

O

ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש... והי' ד' לי לאלקים.

(כח. כ.)

בשעת אַ איד האָט דאָס נויטיגסטע, וואָס ער דאַרף, „לחם לאכול ובגד ללבוש", איז „והי' ד' לי לאלקים", איז ער דאַן צוגעבונדען צו גאָט און פיהרט זיך אידיש; קוים אָבער ווערט ער געבענשט מיט עשירות און ער הויבט-אָן פיהרען אַ לעבען פון מותרות און לוקסוס — דאַמאָלס דאַרף ער האָבען נסים, אַז דאָס ביסעל אידישקייט זאָל זיך ביי איהם לאַנג האַלטען...

(לויט'ן כלי-יקר)

O

הן עוד היום גדול, לא עת האָסף המקנה... (כט. ז.)

די אותיות „הן" זענען אָבגעריסען פון אַלעמען און לאָזען זיך נישט מיט קיינעם פעראייניגען; א' מיט ט' איז צעהן, ב' מיט ח' איז צעהן, ג' מיט ז' איז צעהן, ד' מיט ו' איז צעהן, דאַגעגען די ה' שטעהט בעזונדער און האָט צו זיך נישט קיין פאָרל. דאָסזעלבע איז מיט דער נ': י' מיט צ'

איז הונדערט, כ׳ מיט פ׳ איז הונדערט א. א. וו. בלויז די נ׳ חבר׳ט זיך נישט מיט קיינעם... און אַט, כל־זמן מיר וועלן זיין בבחינת „הן״, כל־זמן עס וועט צווישען אונז קיין אַחדות נישט הערשען, איז — „עוד היום גדול, לא עת האָסף המקנה״, וועט זיך פערציהען אונזער ביטערער גלות...

(רבי נפתלי ראָפשיצער)

רבי מאיר׳ל פרימישליאַנער, צוקומענדיג איינמאָל צום דאָזיגען פסוק, האָט ער אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און געזאָגט:

רבונו של עולם! „לא עת האָסף המקנה״ — אויב עס איז נאָך בעוונותינו הרבים נישט געקומען די צייט צונויפצוזאַמלען די שאָף, די נדחי ישרא׳ — „השקו הצאן ולכו רעו״ — טאָ פערזאָרג זיי כאָטש מיט פרנסה לפי־שעה, כדי זיי זאָלען האָבען כח אויסצוהאַלטען און צו וואַרטען אויף דער גאולה שלימה!...

(עשר עטרות)

○

הכי אָחי אַתה ועבדתני חנם... (כט. טו.)

אַזוי איז עס מיט יעדען גאַסט: „בתחלה נעשה אורח ואחר־כך טורח וכו׳״. אין ערשטען מאָמענט האָט זיך לבן מיט יעקב׳ן אַרומגעכאַפּט און אויסגעשריען: „אך עצמי ובשרי אַתה!״... שפּעטער, אין אַ חודש אַרום, איז ער געוואָרען אַביסעל קעלטער און איהם שוין אָנגערופען בלויז: „הכי אָחי אַתה״... און נאָך שפּעטער — „ויעבד יעקב ברחל שבע שנים״, האָט ער שוין געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַ געוועהנליכען עבד...

(מלאכת מחשבת)

○

טוב תתי אותה לך מתתי אותה לאיש אחר... (כט. יט.)

אַ צדיקת, אַז זי האָט חתונה מיט אַ רשע, איז זי בכח איהם אויס־צובעסערן און איהם מחזיר־למוטב צו זיין. פערקעהרט ווידער, ווען דער מאַן איז אַ צדיק און זי איז שלעכט, איז ער אימשטאַנד צו מאַכען זי פאַר גוט און פרום. ווען לבן האָט, אַלזאָ, געזעהן, אַז יעקב איז אַ צדיק און רחל אַ צדיקת, האָט ער דעריבער געז׳טענה׳ט: „טוב תתי אותה לך״, שוין גלייכער, זיי זאָלען איינער מיט׳ן צווייטען חתונה האָבען, „מתתי אותה לאיש אחר״, איידער זיי זאָלען זיך פונאַנדערטיילען, זי זאָל חתונה האָבען

מיט אַ רשע, און ער — מיט אַ מרשעת, דען דאַמאָלס וועט דאָך חלילה אַרויסקומען פון זיי אַ וועלט מיט צדיקים...

(רבי ר׳ בונם)

ויהיו בעיניו כימים אחדים באהבתו אותה... (כט. כ.)

איז פלוג אין דאָך פערקעהרט: בשעת אַ מענש וואַרט עפּעס אָב מיט אומגעדולד, איז דאָך ביי איהם אַ טאָג אַ יאָהר? נאָר דער פשט איז: פון גרויס אַהבה צו רחל׳ן האָט ביי יעקב׳ן אויסגעזעהן דער תנאי, וואָס לבן האָט איהם געשטעלט צו דינען איהם זיעבען יאָהר, אַלס אַזאַ ביליגער פּרייז, גלייך ווי ער וואָלט פערלאַנגט פון איהם בלויז עטליכע טעג, וואָרום אין זיינע אויגען איז זי אַ סך מעהר ווערט געווען...

(רבי שלמה קלוגער)

אויף אַנ׳אַנדער אופן:

געוועהנליך איז דער שטייגער, אַז וואָס לענגער פערליעבטע זענען צוזאַמען אין איין הויז, אַלץ שוואַכער און אָבגעקיהלטער ווערט מיט דער צייט די אַהבה צווישען זיי; די אַהבה אָבער פון יעקב׳ן צו רחל׳ען איז געווען אַזוי גרויס, אַז כאָטש ער איז געווען מיט איהר זיעבען יאָהר צוזאַמען, דאָך איז עס געווען אין זיינע אויגען „כימים אחדים״, ווי ער וואָלט פערבראַכט מיט איהר ערשט עטליכע טעג...

(„יד־יוסף)

○

ותקרא שמה דינה... (ל. כא.)

נאָך יעדען קינד־האָבען האָט לאה געדאַנקט דעם אויבערשטען, בלויז אַ שטעהט סתם: „ותקרא שמה דינה״, אָהן שום דאַנק, אָהן שום אויסדרוק פון צופרידענהייט; ווייל — אַז עס ווערט געבוירען אַ טאָכטער, איז נישט אַזאַ שמחה...

(רשב״ם)

○

ויזכר אלקים את רחל... ויפתח את רחמה. (ל. כב.)

אַ חסיד האָט אַמאָל מיט גרויס תמימות דערצעהלט דעם קאָזשעניצער מגיד, רבי ישראל, אַז ער ווייסט וועגען אַנ׳אַלט פּ פּאָלק, וואָס איז נפקד געוואָרען, געהאַט אַ בן־זכר, נישט פאָהרענדיג גאָר לגמרי צו קיין צדיק...

— טאקע? — שמייכעלט דער קאזשעניצער. — גאנץ גלייך... דער רבונו־של־עולם האט זעהר גוט געטהון: אזוי פאהרט מען דאך אדער צום „חוזה" (דעם לובלינער), אדער צו מיר; נו, האט השם־יתברך בעוויזען, אז ע ר קאן אויך העלפען מיט א בן־זכר...

○

ותר׳ העטופים ללבן והקשורים ליעקב. (ל. מב.)

די „עטופים" — פלעגט זאגען רבי משה קאברינער — די פערוויקעלטע, די צבועים, שטאמען פון לבן דעם רמאי; „והקשורים", די, וואס זענען באמת אויפריכטיג צוגעבונדען צו השי״ת, געהערען צו יעקב׳ן...

○

לקח יעקב את כל אשר לאבינו... (לא. א.)

„את כל" — אלץ, דעם גאנצען פרעסטיזש און גלאנץ האט ער פון איהם צוגענומען, ווארום ביז־איצט האט נאכנישט פאסירט, אז א מענש זאל קענען אבנארען אונזער טאטען, דעם רמאי...

([illegible]ין כלי־יקר)

○

ויקם יעקב וישא את בניו ואת נשיו... (לא. יז.)

דערויף זאגט רש״י: „הקדים זכרים לנקבות, ועשו הקדים נקבות לזכרים, שנאמר „ויקח עשו את נשיו ואת בניו וגו׳"".

פרעגט זיך: אויך ביי יעקב׳ן געפינען מיר דאך, אז ער האט מקדים געווען די נשים און זאגאר די שפחות פאר די זכרים? עס שטעהט דאך בפירוש (וישלח, ל״ב, כ״ג): „ויקח את שתי נשיו ואת שתי שפחותיו ואת אחד־עשר ילדיו"...

(תורה תמימה)

○

למה נחבאת לברוח... ולא הגדת לי, ואשלחך בשמחה. (לא. כז.)

ווען דו וואלסט נישט געווען די גאנצע צייט אזא בעהאלטענער און איך זאל געווען וויסען פריהער, אז דו ביזט באמת גאר א צדיק, וואלט איך דיך שוין לאנג געהאט משלח געווען — דען אזעלכע לייט זענען נישט פאר מיר...

(רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער)

○

וישב לבן למקומו — ויעקב הלך לדרכו... (לב. א.)

כל־זמן יעקב איז געווען ביי לבנ׳ען, איז ער געווען געצוואונגען צו האנדלען מיט איהם אויף זיין שטייגער און צו בענוצען זיך מיט רמאות; מיט׳ן מאמענט אבער, ווי נאר „וישב לבן למקומו", ווי נאר ער איז פון איהם פטור געווארען, — „ויעקב הלך לדרכו", האט זיך יעקב תיכף אומגע־קעהרט צו זיין אלטען דרך פון עהרליכקייט און תמימות, צום דרך פון „יעקב איש תם יושב אוהלים"...

(רבי משה־לייב סאסעווער)

וישלח

עם לבן גרתי... (לב. ה.)

„לא נעשיתי שר וחשוב... שברכני „הוה גביר לאחיך", שהרי לא נתקיימה בי"...
(רש"י)

דער „בי" פונ'ם ווארט „גביר" איז נישט מקוים געווארן, און עס איז געבליבען דערפון - „גר"...

(פה קדוש)

(אין ספר „מיני תרגימא" ווערט עס געבראכט אין נאמען פון רבי ישעי' פיק'ס שוועסטער).

O

ויהי לי שור וחמור... ואשלחה להגיד לאדני למצא חן בעיניך. (לב. ו.)

אפילו ביי אנ'אייגענעם ברודער איז מען נושא־חן נאר דאן, ווען עס איז „ויהי לי שור וחמור", ווען מען איז רייך; ווארום מיט אנ'ארימען ברודער שעמט מען זיך, אנ'ארימען ברודער האט מען נישט גערן – „כל אחי רש שנאהו" (משלי יט. ז.).

(אשכול ענבים)

אין גאנץ ספר איוב, וואו עס ווערט געשילדערט איוב'ס טראגישע לאגע, זיין ארימקייט און זיינע מורא'דיגע יסורים, זעהען מיר בלויז דריי גוטע פריינד, וועלכע זענען איהם געקומען טרייסטען אין זיין אומגליק. צי האט איוב אויך געהאט ברידער, קרובים, און צי איז ווער פון זיי דאן געקומען צו איהם? — דאס ווערט לגמרי נישט דערמאהנט. ערשט אין סאמע לעצטען קאפיטעל, וואו עס ווערט דערצעהלט, אז „וד' שב את שבות איוב" און „ויוסף ד' את כל אשר לאיוב למשנה", אז איוב איז צוריק אויפגעריכט און צוריק רייך געווארען, ערשט דאן דערהערען מיר מיטאמאל,

אז „ויבאו אליו כל אחיו וכל אחיותיו וכל יודעיו לפנים ויאכלו עמו לחם״, אז ער האָט געהאַט אַ סך ברידער און אַ סך שוועסטער און אַ סך גוטע פריינד און אַז אַלע, אַלע זענען זיי געקומען — צום עסען...

(רבי משה חפץ)

„עם לבן גרתי — ותרי״ג מצוות שמרתי״... (רש״י)

זאָל עס דיר, הייסט עס, קיין חידוש נישט זיין, וואָס אַבזייענדיג צוואַנציג יאָהר ביי לבנ׳ען, בין איך אַלץ געבליבען אַ גר, דען — „ותרי״ג מצוות שמרתי״, כ׳בין אַ איד; און אַ איד, מעג ער אַבוואוינען אין אַ לאַנד צעהנדליגער יאָהרען, איז ער אַלץ אַ גר, אַ פרעמדער...

(רבי אָשר רימענאָווער)

O

ויירא יעקב מאד ויצר לו... (לב. ח.)

„ויצר״ — ער האָט צער געהאַט צוליעב׳ן „ויירא״; הלמאַי ער, יעקב, זאָל דאַרפען מורא האָבען פאַר עשו׳ן...

(מלבי״ם)

O

„ויירא יעקב מאד ויצר לו״... דאָס איז געזאָגט געוואָרען אויפ׳ן לעצטען גלות, ווענען וועלכען יעקב אָבינו האָט געזעהן ברוח-הקודש, אַז די אידען וועלען דאַן לעבען אין גרויס דחקות... און אויף יענער צייט האָט ער עס מתפלל געווען: „ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש״...

(זוהר)

— אין פלוג — פלעגט זאָגען רבי בונם מפשיסכע — זעהט דאָך עס אויס צו זיין אַ גאַנץ קליינע בקשה: אַ ברויט און אַ קלייד, מאַי כולי האַי? אָבער בעקבא דמשיחא וועט עס זיין פון די גרויסע זאַכען, פון די גאָר גרויסע בקשות...

O

הצילני נא מיד אחי מיד עשו... (לב. יב.)

ער האָט מורא געהאַט פאַרביידע זאַכען: נישט בלויז פאַר׳ן „יד עשו״, נאָר אויך פאַר׳ן „יד אָחי״, פאַר דער פעברידערונג, פאַר אַ צו-נאָ-הענטער התקרבות. אינ׳ם ערשטען פאַל איז זיין גוף איינגעשטעלט; אין צווייטען פאַל — זיין נשמה...

(רבי יאָשע-בער בריסקער)

O

כי ירא אנכי אותו פן יבוא והכני אם על בנים... (לב. יב.)

פאַר זיך אַליין האָב איך קיין מורא נישט, מיך דעט דאָס התקרבות מיט עשו'ן נישט קאַליע מאַכען; שרעקען שרעק איך זיך פאַר די „אם על בנים", פאַר די פרויען און פאַר די קינדער, פאַר דער יוגענד. זיי, ליידער, קאָן די בעריהרונג מיט עשו'ן שאָדען ברענגען. זיי, ליידער, לאָזען זיך פון איהם זעהר לייכט בעאיינפלוסען...

(הרב יצחק ניסענבוים)

וישאלך לאמר למי אתה ואנה תלך... (לב. יח.)

דער חדושי־הרי"ם פלעגט זאָגען: דער יצר־טוב מיט'ן יצר־הרע בע־נוצען זיך אָפט מיט דיזעלבע ווערטער. וויל אַ מענש טהון אַן עבירה, בע־מיהט זיך דער יצר־טוב איהם אָבצוהאַלטען און ווענדעט זיך צו איהם: „מאַין באת ולאָן אתה הולך", וואָס געהסטו טהון? בעדעכען דיין ווערט, מ'שטיינסגעזאָגט, און וואָס דיך ערוואַרט... וויל ער אָבער געהן טהון אַ מצוה, דאַן פערשטעלט איהם דער יצר־הרע דעם וועג, און אויך מיט די־זעלבע ווערטער: „למי אתה ואָנה תלך", ווער ביזטו דען, מ'שטיינסגעזאָגט, און וואָס לוינט עס דיר צו פערנעהמען זיך מיט מצוות? נישט כדאי די גאַנצע אַרבייט...

ואמרת... מנחה היא שלוחה לאדוני... (לב. יט.)

אויף אַלע געשטעלטע שאַלות זאָלט איהר געבען בלויז איין ענטפער: „מנחה שלוחה לאדוני", און דאָס איז גענוג... דערמיט ווערען שויך אַלע קשיות פערענטפערט...

(ז"ל תבואות)

„מנחה—לעשו"... רבי יאָשע־בער בריסקער איז אַמאָל געפאָהרען אויף דער באָהן צוזאַמען מיט נאָך עטליכע אידען. אז עס איז געקומען זמן־מנחה, האָט מען אָנגעהויבען קלויבען אַ מנין, צו דאַוונען בצבור. אין וואַ־גאָן זענען געזעסען צוויי יונגעלייט פון די „היינטיגע". מיט זיי איז גראָד געווען אַ מנין. די יונגעלייט האָבען אָבער קיין חשק נישט געהאַט צו אַזעלכע זאַכען. זיי האָבען זיך גיך אַרויסגערוקט פון וואַגאָן, און דער מנין איז בטל געוואָרען... שפעטער, נאָכ'ן דאַוונען, זענען די יונגעלייט צוריק אַריין אין וואַגאָן און האָבען זיך געזעצט אויף זייערע ערטער.

— איהר ווייסט, רבותי, — רופט זיך אָן רבי יאָשע-בער צום עולם, די יונגעלייט זאָלען הערען, — עס איז מיר איצט פארענטפערט געוואָרען אַ קשיא, וואָס איז מיר תמיד געווען הארב. בעת יעקב אָבינו האָט געשיקט עשו'ן די מנחה, האָט ער איהם געשיקט: רינדער, שאָף, ציגען — גאַנצע סטאַדעס. האָט מיך תמיד געאַרט: פאַרוואָס האָט ער נישט מצרף געווען צו דער מנחה אויך עטליכע כלבים פאַר די סטאַדעס? נאָר איצט איז מיר שוין ריכטיג: כלבים, זעהט-אויס, האָבען אַ טבע, אַז ווי זיי דערשמעקען אַ „מנחה" צולויפען זיי זיך...

O

ואת אַחד עשר ילדיו... (לב. כג.)

„ודינה היכן היתה? — נתנה בתיבה... שלא יתן בה עשו עיניו" (ב"ר).

פון וואַנען דרינגען עס די חז"ל, אַז געפעהלט האָט גראָד די טאָכטער, דינה, און נישט איינער פון די זיהן?

דען אין מדרש-רבה ווערט געזאָגט, אַז דעריבער איז דאָס בית־המקדש געבויט געוואָרען „בחלקו של בנימין", ווייל בנימין האָט זיך נישט געבוקט צו עשו'ן (דען בנימין איז נאָך דאַמאָלס נישט געהאַט געבוירען געוואָרען)... און אָט דערפון איז אַלזאָ געדרונגען, אַז פון די צוועלף קינדער האָט בלויז געפעהלט דינה; וואָרום ווען עס זאָל האָבען געפעהלט און זיך נישט געבוקט צו עשו'ן איינער פון די זיהן, טאָ פאַרוואָס האָט דוקא בנימין, און נישט יענער, זוכה געווען, אַז דאָס בית-המקדש זאָל געבויט ווערען בחלקו?...

(רבי חיים וואָלאָזשינער אין נאָמען פון ווילנער גאון)

אין אַ צווייטען מדרש (ספרי, ברכה) ווערט געזאָגט, אַז דעריבער איז דאָס בית־המקדש געבויט געוואָרען בחלקו של בנימין, ווייל פון יעקב'ס אַלע קינדער איז ער איינער געבוירען געוואָרען אין ארץ־ישראל, ווערענד אַלע איבריגע שטאַמען פון חוץ־לאָרץ.

ביידע מדרשים זענען צווישען זיך אייניג און ביידע זאָגען ריכטיג. עס איז הא בהא תליא. נאָר אַן'ארץ־ישראל-קינד פערמאָגט אין זיך דעם געהעריגען אידישען שטאָלץ, נישט צו בויגען און נישט צו בוקען זיך פאַר עשו'ן...

(קניני קדם)

O

ויאָבק איש עמו... (לב. כה.)

„רבי שמואל בר נחמני אָמר: כגוי נדמה לו; רב שמואל בר אחא אָמר: כתלמיד־חכם נדמה לו"... (חולין צא.)

וואָס איז דער זין פון דערדאָזיגער, אין פלוג אונפערשטענדליכער, מחלוקת?

די כונה דערפון איז פאָלגענדע: אין מדרש ווערט געזאָגט, אַז יעקב האָט געהאַט אויף זיך צוויי חטאים. ערשטענס, וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט צוויי שוועסטער, האַלטענדיג, אַז אין חוץ־לאָרץ האָט ער דעם דין פון אַ גוי, אַ בן־נח, אויף וועלכען עס איז לויט דער תורה נישט חל דער איסור פון „שתי אחיות"; צווייטענס, וואָס ער האָט צוויי און צוואַנציג יאָהר— די צייט וואָס ער האָט פערבראַכט ביי לבנ'ען — נישט מקיים געווען די מצוה פון כיבוד אָב ואם, ווייל אַ תלמיד־חכם, בשעת ער איז עוסק בתורה, איז ער דאַן פטור פון כיבוד, דען „גדול תלמוד תורה יותר מכיבוד אָב ואם" (מגילה ט"ז). די פלוגתא בעשטעהט, אַלזאָ, אין דעם, פאַר וועלכען חטא איז ער נענש געוואָרען. איינער זאָגט, אַז דער עונש פון „ויאָבק איש עמו" איז איהם געקומען צוליעב'ן חטא פון „כגוי נדמה לו", און דער צווייטער זאָגט — צוליעב'ן חטא פון „כתלמיד־חכם נדמה לו", ווייל ער האָט זיך גע־האַלטען פאַר אַ תלמיד־חכם...

(חתם־סופר)

„חד אומר כתלמיד־חכם נדמה לו וכו'"... נישט שטענדיג בעווייזט זיך דער יצר־הרע אין זיין אמת'ן פרצוף, גאַנץ אָפט קומט ער צום מענשען איינגעהילט אין אַ חלוקא דרבנן...

(הנ"ל)

דעמדאָזיגען מאַמר קאָן מען אויך ערקלערען אויף אַ גאַנץ איינפאַ־כען אופן

פאַרהאַן מאָמענטען, ווען דער „שר של עשו", בשעת ער רודפ'ט און ראַנגעלט זיך מיט יעקב'ן, טהוט ער זיינע מעשים אָהן אַ דעק־מאַנטעל, אָהן תירוצים און אויסריידען, אָהן דער נויטיגקייט צו בערעכטיגען זיינע אַנפאַלען... פשוט — „כגוי נדמה לו"... איך האָב דיך פיינט אָהן אַ פאַר־וואָס; איך האָב דיך פיינט, ווייל איך בין שטאַרק און דו ביזט שוואַך, ווייל איך בין עשו און דו ביזט יעקב, און — „בידוע שעשו שונא ליעקב"...

פארהאן אָבער מאָמענטען, ווען „כתלמיד־חכם נדמה לו", ווען עשו וויל דערביי דוקא שפּיעלען די ראָליע פון „תלמיד־חכם" און קולטור-מענש, איינוויקלענדיג די טומאה אין דער יראה, בעמיהענדיג זיך צו בערעכטיגען זיינע מעשים־רעים געגען יעקב'ן אין נאָמען פון הויכע פּרינציפּען און שענע אידעאַלען, אין נאָמען פון מענשליכקייט און געטליכקייט...

דער חתם-סופר, וועלכער האָט, כּידוע, אין זיין צייט שטאַרק געקעמפט געגען דער דאָמאָלסדיגער רעפאָרם-בעוועגונג ביי אידען, פלעגט זאָגען אויפ'ן דאָזיגען מאמר בדרך־הלצה, אַז ביידע מאַן־דאָמר'ס זאָגען ריכטיג: דער שר של עשו האָט זיך בעוויזען צו יעקב'ן סיי „כגוי", סיי „כתלמיד־חכם"; ער האָט זיך, נעמליך, בעוויזען צו איהם אין געשטאַלט פון אַ — רעפאָרם-ראַבינער, וועלכער פיהרען פיהרט ער זיך ווי אַ גוי און שפּיעלט שפּיעלט ער די ראָליע פון אַ „רב", אַ תלמיד-חכם...

O

ותקע כף-ירך יעקב בהאָבקו עמו... (לב. כו.)

די גאַנצע צייט, כל־זמן עס וועט דויערן דער „בהאָבקו עמו", דאָס ראַנגלעניש פון עשו'ן מיט יעקב'ן, אַזוי לאַנג וועט זיין „ותקע כף־ירך יעקב", אַזוי לאַנג וועלען מיר זיין נע-ונד פון אָרט צו אָרט, ביז עס וועט קומען די גאולה במהרה בימינו...

(אברבנאל)

O

וירא כי לא יכול לו ויגע בכף־ירכו... (לב. כו)

בשעת עשו זעהט, אַז ער קאָן יעקב'ן נישט בייקומען, איז „ויגע בכף־ירכו", נעהמט ער זיך צו די קינדער זיינע...

(הנ"ל)

O

ויזרח לו השמש... והוא צולע על ירכו. (לב. לב.)

אַזוי איז שוין על-פּי־רוב, ליידער, דער שטייגער ביי אידען: קוים שיינט-אויף איינעם די זון פון הצלחה, אַזוי הויבט ער אָן אונטערהינקען אין אידישקייט...

(ספר הדרוש)

O

וישקהו ויבכו... (לג. ד.)

בדרך-הלצה:

בשלמא יעקב, אַז ער האָט געוויינט, איז פערשטענדליך; עס האָט איהם וועה געטהון, וואָס ער דאַרף עשו׳ן אָוועקגעבען אַזאַ גרויסע מנחה. אָבער עשו — וואָס האָט ער געהאַט צו וויינען?... איז דער תירוץ: ער האָט געוויינט, וואָס די מנחה איז געשיקט געוואָרען דורך שליחים, „דע-לעגאַטען"; דען אַ חוקה האָבען מיר, אַז קוים ווערט אַ מנחה געפיהרט דורך פרעמדע הענד, איז ביז עס קומט-אָן אויפ׳ן אָרט, בלייבט דערפון קיין העלפט נישט...

○

מי לך כל המחנה הזה... ויאמר למצא-חן בעיני אדוני. (לג. ח.)

וי די חז"ל זאָגען, האָבען זיך יעקב און עשו איינגעטיילט מיט ביידע וועלטען: עשו האָט גענומען עולם-הזה, און יעקב — עולם-הבא. בשעת עשו האָט אַלזאָ דערזעהן יעקב׳ס רייכטום, די גרויסע מחנה רינדער מיט שאָף, האָט ער איהם אַ פרעג געטהון: הא? „מי לך כל המחנה הזה", ווי קומט דאָס אַלץ צו דיר, ביי דיר איז דאָך דער עיקר יענע וועלט, עולם-הבא?... דערויף האָט איהם יעקב געענטפערט: „למצא-חן בעיני אדוני", דאָס עשירות מוז איך האָבען פאַר דיינעטוועגען, כדי ביי דיר נושא-חן צו זיין; מיר מוזען זיך בעצייטענס פערזאָרגען מיט׳ן געהעריגען „מנחה-לעשו", מיט׳ן אָפטען „לא-יחרץ-געלד" פאַר דיר און פאַר אַלע דיינע איבריגע גרויסע און קליינע עשו׳לעך, דען אָהן דעם וועט פאַר אונז אונמעגליך זיין איבערצו-טראָגען ביי דיר דעם ביטערן גלות...

(רבי יצחק-יעקב ריינעס)

אַ צווייטער נוסח. יעקב זאָל איהם האָבען דערויף געענטפערט: „למצא-חן בעיני אדני" — דאָס עשירות איז מיר נויטיג, כדי צו קאָנען נושא-חן זיין ביים אויבערשטען, וואָרום אָהן עולם-הזה איז שווער צוצוקו-מען צו עולם-הבא, דען „אם אין קמח אין תורה", און „טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף" — דעם „תורת פיך" קאָן מען נאָר דאַמאָלס מקיים זיין, ווען מען האָט דערצו „אלפי זהב וכסף"...

(דעת זקנים)

○

אדוני ידע כי הילדים רכים... (לג. יג.)

פאַר מיר האָב איך קיין מורא נישט, אָבער די קינדער... די קינדער, אַז זיי וועלן געהן צוזאַמען, בחברותא מיט עשו'ן, קאָנען זיי חלילה זעהר לייכט קאַליע ווערן...

(רבי יהושע רוקח מבעלז)

○

ויאמר עשו אציגה־נא עמך מן העם אשר אתי... (לג. טו.)

בשעת עס האָט אויפגעלויכטען אין דער וועלט דאָס ליכט פון בעש"ט הקדוש, איז דער שטן ימ"ש שטאַרק מבולבל געוואָרען און ער האָט זיך געפרעגט: אָנה אני בא? וואָס וועל איך איצט טהון?... און דאַן איז ער געפאַלען אויף אַ המצאָה און ער איז אַוועק צו די צדיקים פון דור און האָט געזאָגט צו זיי: „אַציגה־נא עמך מן העם אַשר אתי", — אַזוי ווי איהר האָט ווייניג חסידים, וועל איך אייך פון מיין זייט צושטעלען חסידים, גאָר אַ סך חסידים... די דאַמאָלסדיגע צדיקים האָבען דידאָזיגע עצה־טובה פון שטן נישט אָנגענומען; אַנדערש אָבער איז, ליידער, מיט די היינטיגע צדיקים, וועלכע עפענען זייערע טהירען פאַר אַלע מיני חסידים, אַפילו פאַר אַזעלכע, וועלכע שטאַמען פון שטנ'ס לייט...

(אור המאיר)

○

ויקן את חלקת השדה... לג. יט.)

דער פסוק דערצעהלט עס אונז צוליעב דעם, כדי מודיע צו זיין, אַז עס איז אַ גרויסע מעלה צו קויפען אַ חלק פעלד אין ארץ־ישראל, דען אַ חלק אין ארץ־ישראל איז אַזוי חשוב, ווי אַ חלק עולם־הבא...

(אבן־עזרא)

○

כי נבלה עשה בישראל... וכן לא יעשה. (לד. ז.)

„וכן לא יעשה" — עס איז אַזאַ נבלה, וואָס מען קאָן עס נישט נאָכ־טהון, מען קאָן זיך נישט נוקם זיין מיט דעמזעלבען...

(כפלים לתושיה)

○

אם תהיו כמונו להמול לכם כל־זכר. (לד. טו.)

צו־וואָס האָבען די בני־יעקב געדאַרפט נקמה נעהמען אין די אַנשי־שכם דורך אַנ'ערמה, ראַטענדיג זיי, זיי זאָלען זיך מל זיין? האָבען דען

יעקב׳ס קינדער, די גבורים, זיך נישט געקאָנט מיט זיי קיין עצה געבען, אפילו ווען זיי וואָלטען זיך נישט מל געווען?

דער תירוץ איז: ווען זיי וואָלטען אויסגע׳הרג׳עט די אנשי־שכם נישט גע׳מל׳טערהייד, וואָלט זיך דאָן אויף דער גאַנצער וועלט אויפגעהויבען געשריי אויף זיי, אַז זיי זענען רוצחים, אַ שטורם און אַ פּראָטעסט; אַנדערש איז אָבער, ווען די אנשי־שכם האָבען זיך מל געווען און אַזוי־אַרום בעקומען איבעראַל אַ שם אַלס אידען, דאַמאָלס זענען שוין די בני־יעקב זיכער געווען, אַז עס וועט זיי גאָרנישט געשעהען: פאַר אויסגעקוילעטע אידען וועט זיך די וועלט נישט אָננעהמען...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

○

ויאמרו הכזונה יעשה את אחותנו — ויאמר אלקים אל יעקב קום עלה בית־אל... (לה. א.)

ביידע זענען גערעכט. יעקב איז גערעכט מיט זיין טענה: „ואני מתי מספר ונאספו עלי והכוני", אָבער אויך שמעון און לוי זענען גערעכט מיט זייער געשריי: „הכזונה יעשה את אחותנו!" — און אין דערדאָזיגער שווערער סיטואַציע, ווען פון איין זייט קאָן מען בשום־אופן נישט מסכים זיין צו לאָזען זיך אַזוי טרעטען מיט די פיס, און פון דער צווייטער זייט פיהלט מען זיך אָבער אויך נישט גענוג שטאַרק, כדי צו קאָנען זיך בעגעגענען — שטעלען, איז פאַרהאַן בלויז איין אויסוועג: „קום עלה בית־אל!"...

(דרשות אל עמי)

אין מדרש רבה, אין אָנהויב פון דערדאָזיגער סדרה, ווערט געזאָגט: „ר׳ פנחס אָמר חמשה פעמים דוד מקים להקב״ה בספר תהלים — „קומה ד׳ והושיעני", „קומה ד׳ באפך" וכו׳

פרעגט מען: מיר געפינען דאָך אין תהלים (קל״ב) נאָך אַ זעקסטען פסוק — „קומה ד׳ למנוחתך"?

אַלס ענטפער אויף דערדאָזיגער פראַגע, וועלכע ווערט בעריהרט פון פערשידענע מפרשים, ווערט אָנגעוויזען אין חדושי־רב״ל, אַז דערזעלבער מאַמר ווערט אויך געבראַכט אין מדרש שוח״ט, אין ילקוט, אין פסיקתא ותאמר ציון, ווי אויך אין מדרש־תהלים (הוצאת שלמה באָבער) — און אין די אַלע ערטער איז דער נוסח „ה׳ פעמים מקים דוד להקב״ה בספר ראשון של תהלים".

וַיֵּשֶׁב

וישב יעקב בארץ מגורי אָביו... (לז. א.)

אין „תולדות“ און אין „וישלח“ ווערט גערעדט וועגן דער שנאה, וואָס יעקב האָט געהאַט אויסצושטעהן פון פרעמדע, פון עשו און לבן. דאָ, אין דערדאָזיגער סדרה, רעדט זיך וועגן דער שנאה צווישען די בני־יעקב גופא; פון איין איד, וואָס פערקויפט דעם צווייטען...

און ביז׳ן היינטיגען טאָג ציהט זיך אָהן אויפהער דידאָזיגע טרויערי־גע געשיכטע פון „מכירת־יוסף“, וועלכע האַלט זיך אין איין איבער׳חזר׳ן אין אַלע דורות און צייטען, יעדעס מאָל לויט אַנ׳אַנדער נוסח. נישט נאָר די „עשרה הרוגי מלכות“ האָבען, לויט׳ן מדרש, אַ שייכות צו „מכירת־יוסף“, נאָר זי איז דער דירעקטער און אונדירעקטער גורם פון טויזענדער, טוי־זענדער „הרוגי־מלכות“, פון אָהן אַ שיעור קרבנות און חורבנות אין אידי־שען לעבען... ביז׳ן היינטיגען טאָג ציהט זיך דידאָזיגע גענענזייטיגע אידי־שע שנאָה פון די אָהן אַ שיעור גרופען און ריכטונגען. און דאָס טרויע־ריגסטע דערביי איז, וואָס אָט די פערביסענע שנאה שטיצט זיך על־פי־רוב אויף חלוקי־דעות וועגען אַבסטראַקטע ענינים, נעכטיגע טעג, חלומות: „ויוסיפו עוֹד שנוֹא אותו על חלומותיו ועל דבריו!...“ מען קריגט זיך צוליעב דברים־בטלים, צוליעב קליינליכקייטען, צוליעב זאַכען, וועלכע האָבען קיין ממשות נישט אין רעאַלען לעבען, צוליעב פרינציפען און אידעען, וועלכע געהערען צו דער „צוקונפטס־מוזיק“, וועלכע זענען אַ „הלכתא למשיחא“... פריהער ווערט געבוירען די שנאה, און ערשט נאָכדעם זוכט מען די סיבה און דעם אויסרייד, וואָס זאָל די שנאה בערעכטיגען און פערענטפערן. פריהער איז: „וישנאו אותו ולא יכלו דברו לשלום“, און ערשט נאָכדעם — „ויקנאו בו אחיו“... מען האָט זיך פיינט, נישט וועלענדיג געבען זיך די מ״ה אויסצוהערען און צו פערשטעהן איינער דעם צווייטען — „ויראו אותו מרחוק, ובטרם יקרב אליהם ויתנכלו אותו להמיתו!“... מען מיידט־אויס יעדע

דערנעהנטערונג, ווי מורא האָבענדיג, אַז די דערנעהנטערונג זאָל נישט אַמאָל העלפען אויפצודעקען חלילה דעם סוד, אַז די גאַנצע שנאה איז נישט מעהר, ווי אַ שנאת-חנם, וואָס האָט קיין זין און קיין יסוד נישט און ברענגט בלויז שאָדען און חורבן פאַר אַלע צדדים אָהן אויסנאַהם...

(דרשות אל עמי)

„בקש יעקב לישב בשלוה וכו', אומר הקב"ה לא דיין לצדיקים מה שמתוקן להם לעוה"ב וכו'..." (רש"י)

אין מדרש רבה, פון וואַנען דערדאָזיגער דרש איז גענומען, שטעהט נישט „אמר הקב"ה", נאָר — „השטן". צי זאָל דאָ זיין אַ טעות-הדפוס? און וועלכער נוסח איז אייגענטליך דער ריכטיגער?

רבי הערש-לייב (דער „נציב") און רבי יאָשע-בער בריסקער זענען אַ געוויסע צייט געווען גלייכצייטיג ראשי-ישיבה אין וואָלאָזשין. כידוע, האָבען דידאָזיגע צוויי גדולים נישט געלעבט צווישען זיך בשלום. עס זע-נען גאַנץ אָפט ענטשטאַנען צווישען זיי פערשידענע סכסוכים, נישט קאָנענ-דיג זיך איינטיילען מיט דער הנהגה. חוץ לזה זענען זיי געווען ווייט צווי-שען זיך אין דרך-הלמוד. רבי הערש-לייב איז געווען דער תמים און פשטן, וועלכער האָט געהאַלטען מעהר פון בקיאות, פון „פשט אויפ'ן אָרט"; דאַ-געגען רבי יאָשע-בער איז געווען דער פקח און חריף, וועלכער האָט מעהר אַכט געלעגט אויף חריפות און שאַרפע סברות. געוועהנליך האָבען זיך אויך די ישיבה-לייט צוטיילט אין צוויי לאַגערן: טייל האָבען זיך גרופירט אַרום ר' יאָשע-בער'ן; טייל — אַרום רבי הערש-לייב'ן, און די מחלוקת האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער צופלאַקערט.

האָט מען אַראָפּגעבראַכט עטליכע גדולי-הדור, זיי זאָלען שלום-מאַכען צווישען די צוויי ראשי-ישיבה, פערטיילען צווישען זיי די הנהגה און מאַ-כען אַ סדר אין דער ישיבה. די מפשרים זענען געווען: רבי טעבעלע מינסקער, רבי יאָסעלע סלוצקער, רבי וועלוועלע דער ווילנער שטאָדט-מגיד און רבי יצחק-אלחנן.

זיצען די רבנים און זענען זיך מיישב, ווי אַזוי מען מאַכט דאָ אַ פשרה צווישען אַזעלכע צוויי גדולי-ישראל... רופט-זיך-אָן רבי וועלוועלע:

— איהר ווייסט, רבותי, ביי מיר געהט איצט די סדרה „וישב".

קוקען זיי איהם אָן. געווען איז עס נאָך סוכות, חשון-צייט. צו „וישב" זענען נאָך שענע עטליכע וואָכען.

— כ׳וועל אייך זאָגען — מאַכט רבי וועלוועלע — וואָס איך מיין. איך בין שטאָדט-מגיד אין ווילנאָ און אַלע שבת מוז איך זאָגען אַ דרשה אין דער סדרה. מיין דרך אין דרוש איז תמיד אַנטקעגענצושטעלען דעם צדיק געגען רשע, דעם גוטען — געגען שלעכטען, אויפווייזען די צדקות, די גוטע און שענע מדות פון דעם און די רשעות, די מדות־מגונות פון יענעם. איז אין אַלע סדרות ביז היינט האָב איך די צוויי הפכים: אין „בראשית״ — אָדם מיט׳ן נחש, קין מיט הבל׳ן; אין „נח״ — נח מיט׳ן דור־המבול, שם מיט חם׳ן; אין „לך״ — אַברהם מיט פרעה׳ן; אין „וירא״ — אַברהם מיט סדום. בקיצור — אין אַלע סדרות האָב איך פאַר מיר אַ צדיק מיט אַ רשע, שטעל איך מיך אַוועק אויף איין צד, בעשיין און בעקרוין דעם צדיק און שיט שוועבעל און פעך אויפ׳ן רשע. אַז כ׳קום אָבער צו דער סדרה „וישב״, צו יוסף׳ן מיט זיינע ברידער — דאָ בלייב איך שטעהן אין פערלעגענהייט: מיט וועלכען צד זאָל איך האַלטען, וויבאַלד ביידע צדדים זענען צדיקים, קדושים וטהורים!

— אין דערזעלבער פערלעגענהייט — מאַכט רבי וועלוועלע — געפין איך זיך אויך איצטער. ווען כ׳וואָלט געדאַרפט מפשר זיין צווישען רבי הערש-לייב׳ן, אָדער צווישען רבי יאָשע-בער׳ן און פלוני ופלוני, וואָלט איך געוואוסט, ווער ס׳איז גערעכט און ווער אומגערעכט. געה אָבער זיי מפשר צווישען רבי הערש-לייב׳ן מיט רבי יאָשע-בער׳ן, אַז זיי זענען ביידע גאונים, ביידע צדיקים...

○

והנה תסבינה אלמותיכם ותשתחוין לאלמתי... (לז. ז.)

אינ׳ם ערשטען חלום איז — „ותשתחוין לאלמתי״; אינ׳ם צווייטען חלום — „משתחוים לי״... דען צוויי מאָל זענען זיי, די ברידער, געקומען קיין מצרים. ביים ערשטען מאָל, ווען זיי האָבען איהם נאָכנישט געקענט ווער ער איז, בעטראַכטענדיג איהם בלויז אַלס „משביר״, אַלס תבואה-פערוואַלטער, איז געווען „ותשתחוין לאלמתי״, האָבען זיי, ווי יעדער נצרך, וועלכער דאַרף אָנקומען צום גביר, זיך געבוקט נישט צו איהם, נאָר צו זיין עשירות, צו זיינע שפייז-סקלאַדעס... דאַגעגען דאָס צווייטע מאָל, ווען זיי האָבען זיך שוין געהאַט מיט איהם נעהנטער בעקענט און געזעהן זיין גרויסקייט און חשיבות, איז שוין געווען — „משתחוים לי״...

(כנף רננים)

○

המלוך תמלך עלינו אם-משול תמשל בנו... (לז. ה.)

„מלך" בעדייט — ווען מען הערשט מיט דער הסכמה און רצון פון פאלק; דאגעגען „מושל" איז — ווען מען פערכאפט די מאכט מיט תקיפות, כאטש דאס פאלק וויל נישט. און דאס האבען די ברידער גע'טענה'ט צו איהם: „המלוך תמלך עלינו", קאן דען געמאלט זיין, דו זאלסט ווערען ביי אונז א מלך? „אם-משול — תמשל בנו": ווערען א „מושל" בגוואלד, ביד חזקה — דאס איז מעגליך, אין אזעלכע פאלען, אויב מען פיהלט זיך גענוג תקיף, פרעגט מען נישט און מען רעכענט זיך נישט מיט קיינעם; אבער א „מלך"? ווי אזוי קאנסטו איבער אונז ווערען מלך, אויב מיר ווילען נישט ווילען?...

(ווילנער גאון)

○

וילכו אחיו לרעות את צאן אביהם... (לז. יב.)

„נקוד על את, שלא הלכו אלא לרעות את-עצמן"... (רש"י)

דערדאזיגער דרש איז נישט לגנאי. עס ווערט געמיינט דערמיט, אז די שנאת-אחים און דאס שפעטערדיגע פערקויפען יוסף'ן קיין מצרים, וואו ער איז געווארען דער „משביר לכל עם הארץ", דאס אלץ איז געוועזען לטובה — „לרעות את עצמן", כדי יעקב מיט זיינע קינדער זאלען שפעטער קיין הונגער נישט ליידען...

(חתם-סופר)

○

לך-נא ראה את שלום אחיך... (לז. יד.)

זוכען זאלסטו ביי דיינע ברידער דאס שלימות, די גוטע זייטען, די מעלות — נישט די חסרונות...

(רבי ר' בונם)

עהנליך ווערט אויך געטייטשט די משנה: „מעולם לא ראתה חמה פגימתה של לבנה" — דער אמת-גרויסער מענש, דער מאור הגדול, זוכט קיינמאל נישט קיין חסרונות און קיין פגם אויף דעם, וועלכער איז קלענער פון איהם...

את שלום אַחיך ואת שלום הצאן...

ווען ס'איז „שלום אחיך", ווען ס'איז דאָ שלום-בית, דאַן איז „שלום הצאן", איז מען אויך מצליח אין פרנסה...

(שיר מעון)

○

ויאמר האיש נסעו מזה... (לז. יז.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש: „נסעו ממדותיו של מקום".

די כונה איז: אויפ'ן פסוק „ויתנכלו אותו להמיתו" דרש'ענען די חז"ל, אַז די ברידער האָבען געוואָלט אומברענגען יוסף'ן דערפאַר, ווייל זיי האָבען געזעהן ברוח-נבואה, אַז עס וועט אַרויסקומען פון איהם ירבעם, וועלכער וועט זיין אַ חוטא ומחטיא את הרבים. הייסט דאָך עס, אַז זיי האָבען איהם געוואָלט דן זיין „על שם סופו". און דאָס איז דאָך כנגד דער מדה פון הקב"ה, וועלכער איז דן דעם מענשען לויט זיינע אייגענע, איצטיגע מעשים — „באשר הוא שם"... און אַט דאָס ווערט געמיינט: „נסעו ממדותיו של מקום" — אין דערדאָזיגער האַנדלונג זייערער זענען זיי אַוועק פונ'ם אויבערשטענס מדות...

(רבי ר' הערשעל)

○

כי שמעתי אומרים נלכה דותינה... (לז. יז.)

„לבקש לך נכלי דתות שימיתוך"... (רש"י)

זיי ווילען בערעכטיגען זייער טהאָט מיט „נכלי דתות", שטיצענדיג זיך מכלומר'שט אויפ'ן דת, אויף דער תורה, פון וועלכער מען קאָן אַלץ אויסדריגען און מטהר זיין אַפילו אַ שרץ בק"ן טעמים... און דאָס איז אויך דער פשט: „לא חרבה ירושלים אלא על שהעמידו דבריהם על דין תורה", געפינענדיג אויף די אונווירדיגסטע מעשים אַ ראיה פון דער תורה...

(הדרש והעיון)

○

ויתנכלו אתו להמיתו... (לז. יח.)

„אותו כמו אתו, עמו, כלומר אליו"... (רש"י)

דידאָזיגע האַרבע רש"י, וועלכע די מפרשים מאַטערן זיך צו ערקלערען אויף פערשידענע אופנים, ווערט דורכ'ן ווילנער גאון געטייטשט אַזוי:

דער „אותו" פון דאָזיגען פסוק האָט דיזעלבע בעדייטונג, ווי דער „אתו" אין פסוק „והשיב את הגזלה... או את הפקדון אשר הפקד אתו", און ווי דער „עמו" אין פסוק „לא נעשה עמו דבר". אין אָט די אַלע דריי ערטער האָט עס די בעדייטונג פון „א ל י ו"...

O

ויקומו כל־בניו וכל־בנותיו לנחמו וימאן להתנחם...

(לז. לה.)

„לפי שאין מקבלין תנחומין על החי"... (מס' סופרים פ' כ"א)

פרעגט מען דערויף: אויב ס'איז אַ כלל, אַז „אין מקבלין תנחומין על החי", האָט דאָך מסתמא אויך יעקב געוואוסט פון דעם כלל; און אויב אזוי, האָט דאָך דאָס גופא, וואָס ער האָט זיך נישט געקאָנט צולאָזען קיין טרייסט, געדאַרפט דיענען פאַר איהם אַלס בעווייז, אַז דער זוהן לעבט?...

O

כי ארד אל בני אָבל שאולה... (לז. לה.)

ומדרשו — גיהנם". (רש"י)

„שלוחי־מצוה אינן ניזוקין" — און אויך יוסף איז דאָך געווען אַ שליח־מצוה, ער איז דאָך געגאַנגען אין שליחות פון פאָטער, מקיים זייענדיג די מצוה פון כיבוד־אָב, טאָ פאַרוואָס איז ער ניזוק געוואָרען? — אָט דאָס טאַקע האָט יעקב'ן געאַרט און דערפאַר האָט ער געזאָגט: „כי ארד אל בני אָבל שאולה — לגיהנם"; ווייבאַלד, הייסט עס, יוסף איז ניזוק געוואָרען, בעווייזט דאָס, אַז איך בין אַ רשע, אַ „יורד גיהנום", דען דער דין איז, אַז אויב דער פאָטער איז אַ רשע, איז דער זוהן נישט חייב בכיבוד, וממילא איז ער נישט קיין שליח־מצוה...

(חסדי יונתן)

פון וואַנען נעהמט זיך עס, וואָס דעם שטילען, פרומען יעקב'ן שטעהט שטענדיג דאָס גיהנם פאַר די אויגען; דאַגעגען דער רשע, עשו, איז תמיד זיכער ביי זיך, אַז פאַר איהם איז צוגעגרייט דאָס גן־עדן? — ווייל, כידוע, האָט יצחק איינגעטיילט צווישען זיינע צוויי זיהן ביידע וועלטען: עשו'ן האָט ער געגעבען עולם־הזה, און יעקב'ן עולם־הבא. ווען מען וואָלט, אַלזאָ, עשו'ן אַריינגעגעבען דעם געדאַנק צו טראַכטען, אַז עס וואַרט אויף איהם

שפעטער דאָס גיהנם, וואָלטען דידאָזיגע מחשבות גופא איהם פעראומערט דאָס לעבען און ער וואָלט אויך פון עולם־הזה נישט געגאָסען, ער וואָלט דאַן ביידע וועלטען נישט געהאַט... פערקעהרט ווידער, ווען יעקב זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט דער זיכערקייט וועגען שפעטערדיגען גן־עדן, וואָלט ער דאָך פון גרויס שמחה געהאַט ביידע וועלטען...

(רבי ר׳ העשעל)

○

ותקרא את שמו אונן. (לח. ד.)

אין יורה־דעה, הלכות אבלות, סי׳ שע״א, שרייבט דער רמ״א: „יש אומרים שאין מתאבלין על הבן הבכור שמת ומנהג טעות הוא״... ווייזען ווייזט אָבער אויס, אַז דערדאָזיגער מנהג האָט יאָ אַ געוויסען יסוד, דען אויפ׳ן פסוק „ותקרא את שמו אונן״ זאָגט דער תרגום־יונתן: „ארום ברם עלוי עתיד אבוי לאתאבלא״ — אויף איהם, הייסט עס, אויף אונן, דעם צווייטען זוהן, וועט שוין דער פאָטער דאַרפען טרויערן. און דערפון איז אַלזאָ משמע, אַז אויפ׳ן ערשטען זוהן, אויף ער, דעם בכור, האָט מען נישט געטרויערט...

(רבי זלמן ווילנער)

○

ויאמר הבה נא... (לח. טז.)

דריי מאָל געפינען מיר דאָ כסדר, פסוק נאָך פסוק, די ווערטער „ויאמר״, „ותאמר״. אין ערשטען פסוק איז אויפ׳ן „ויאמר״ אַ „פשטא״ — אויפ׳ן „ותאמר״ אויך אַ „פשטא״; אויפ׳ן צווייטען „ויאמר״ איז אַ „זקף גדול״ — אויפ׳ן „ותאמר״ אויך אַ „זקף גדול״; אויפ׳ן דריטען „ויאמר״ איז אַ „רביעי״ — אויפ׳ן „ותאמר״ אויך אַ „רביעי״...

דערפון — פלעגט רבי יצחק־אלחנן פון קאָוונא זאָגען בדרך־הלצה — נעהמט זיך אַ פנים דאָס פאָלקס־ווערטעל, אַז „אַזוי ווי מען גריסט, אַזוי ענטפערט מען״...

○

זנתה תמר כלתך וגם הנה הרה... (לח. כד.)

אַנטקעגען וואָס האָבען זיי געדאַרפט צוגעבען די ווערטער „וגם הנה הרה״, — צום עצם פערברעך איז דאָך דאָס קיין שום נפקא־מינה נישט צו וויסען?

דידאָזיגע לעצטע ווערטער זענען נויטיג געווען צוליעב דעם, ווייל גע'משפט האָט מען דאָך תמר'ן נישט אַלס אשת־איש (זי איז דאָך דאַן גע־ווען אַנ'אַלמנה), נאָר אַלס „שומרת־יבם"; און אויב אַזוי, האָט זיך דאָך גע־שטעלט אַ פראַגע: תמר האָט דאָך שוין געהאַט פריהער צוויי מענער, ער און אונן, מיט וועלכע זי האָט קיין קינדער נישט געבוירען, און אין אַזאַ פאַל איז דאָך אַלזאָ פאַרהאַן אַ חשש, טאָמער איז זי אַנ'אילונית, און אויב אַנ'אילונית, איז זי דאָך פטור פון יבום, דען דער דין איז דאָך „וכלן שנמצאו אילונית לא חולצות ולא מתיבמות", וממילא איז זי דאָך שוין ווידער קיין שום חטא נישט בעגאַנגען? — דעריבער קומט די בעמערקונג: „וגם הנה הרה", וואָס עס בעווייזט, אַז זי איז נישט קיין אילונית, און דעריבער דאַרף מען זי דן זיין, ווי אַ „שומרת יבם"...

(רבי ר' העשעל)

○

ויאמר יהודה הוציאוה ותשרף. (לח. כד.)

דער בעל־הטורים ברענגט דאָ די מיינונג פון רבינו יהודה החסיד, אַז „ותשרף" מיינט מען נישט, אַז ער האָט זי דן געווען לשריפה ממש, „אלא שישרפו רושם בין פניה לסימן שהיא זונה"...

אַז מען האָט ווירקליך אַמאָל אַנגעווענדעט אַזאַ שטראָף בנוגע צו זונות, בעווייזט דער פסוק אין יחזקאל (כג. כה.), אין דער ווענדונג צו אָהליבה, די אשה מנאפת: „ונתתי קנאתי בך ועשו אותך בחמה, אפך ואָזניך יסירו" — און דערויף בעמערקט דאָרט דער רד"ק: „וזה המשפט יעשו לאשה מזנה תחת בעלה". אויך אין שו"ת הרא"ש (כלל י"ח, סי' י"ג) ווערט גע־זאָגט, אַז „עוד היום נהוג באיזו מדינות, שכל זונה המפקרת עצמה לזנות שורפים בחותם של ברזל על מצחה".

וואָס עס האָט געצוואונגען רבי יהודה החסיד בכלל צו טייטשען, אַז „ותשרף" מיינט מען נישט שריפה ממש, — לאָזט זיך אפשר ערקלערען דער־מיט, ווייל דריי מאָל געפינט מען אין דער תורה ביי דער עבירה פון זנות דעם עונש פון שריפה: דאָ, דאַן אין פרשת עריות (אין קדושים) און ביי בת־כהן (אין פרשת אמור); אָבער וועהרענד אין פרשת קדושים ווערט אויסדריקליך געזאָגט: „באש ישרפו אותו ואתהן", און דאָסזעלבע אויך ביי בת־כהן אין פרשת־אמור — „באש תשרף", ווערט דאָ לגמרי נישט דער־מאָהנט דאָס וואָרט „אש", נאָר סתם — „ותשרף", און דערפון, מעגליך, קומט רבי יהודה החסיד צו דער מיינונג, אַז דאָ ווערט נישט געמיינט קיין שריפה אין בוכשטעבליכען זין...

(תורה תמימה)

עמערקונג פון זאמלער:

דידאזיגע מיינונג פון רבי יהודה החסיד ווערט אויך געברענגט אין ספר „פענח־רזא״ (פירושים על התורה מלוקט מבעלי התוספות), וואס זיין מחבר איז איינער פון די גדולי הראשונים, רבי יצחק ב״ר יהודה הלוי, און ער בעמערקט דארט דערויף: „וחלילה שמפי קדוש יצאו דברים אלה!״...

○

ויהי ד׳ את יוסף ויהי איש מצליח... (לט. ב.)

ער איז געווען א מחותן מיטן רבונו־של־עולם אפילו דאמאלס, ווען ס׳איז איהם געגאנגען גוט, ווען ער איז געווען א „איש מצליח״...

(רבי ר׳ בונם)

○

ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת וחטאתי לאלקים. (לט. ט.)

„בני נח נצטוו על העריות״... (רש״י)

אויב פוטיפר׳ס ווייב איז דאך געווען פון די בני־נח און אויך אויף איהר איז חל געווען דער חטא, האט ער דאך, אויב אזוי, געדארפט זאגען „וחטאנו״? נאר — ער האט זיך גישט געוואלט מיט איהר מתיחד זיין אפילו אין רעדען, אפילו בלויז „בדבור״...

(הנ״ל)

○

ויבא הביתה לעשות מלאכתו... (לט. יא.)

„שנראית לו דמות דיוקנו של אביו״... (רש״י)

דער טאטע יעקב האט זיך געהאלטען אינ׳ם אלטען, פארצייטישען אידישען שטייגער; יוסף אבער האט געוואלט איינפיהרען א נייעם דרך: ער האט געוואלט ווייזען, אז מען קאן זיין מאדערן, א „מסלסל בשערו ומתקן בבגדיו״, און דאך זיין א ירא־שמים... איצט, ווען ס׳איז איהם אונטערגעקומען דערדאזיגער שווערער נסיון — „נראית לו דמות דיוקנו של אביו״, האט ער איינגעזעהן, אז ריכטיגער אין דעם פאטערס דרך...

(רבי מאיר׳ל פרימישליאנער)

○

אין שר בית-הסוהר רואה את-כל-מאומה בידו באשר ד׳ אתו... (לט. כג.)

יוסף איז געווען אזוי נסתר אין זיינע מעשים און אין זיין צדקות, אז דער „שר בית־הסוהר״ האט נישט געזעהן ביי איהם קיין שום זאך „באשר ד׳ אתו״ — צוליב וועלכען ער זאל זיך האבען פערדיענט, אז השי״ת זאל זיין מיט איהם...

רבי משה-לייב סאסעווער

מקץ

ויהי מקץ שנתים ימים... (מא. א.)

„ויהי מקץ שנתים ימים" — בשעת דער מענש קומט אויף דער עלטער, צום סוף פון זיינע יאָהרען און טעג — „ופרעה" — דאַן ענטפלעקט זיך פאַר איהם (פון לשון „כי פרעה אהרן") און ער דערזעהט — „חולם" — אַז דאָס גאַנצע לעבען איז נישט געווען מעהר, ווי אַ חלום, אַ קורצער חלום — „והנה עומד על שפת היאור" — אַז ער שטעהט נאָך דעם אַלעם ערשט ביים סאַמע ברעג, ער האָט גאָרנישט אויסגעטהון און גאָרנישט דערגרייכט...

(רבי משה־מיכל מביאַלע)

אויף אַן־אַנדער אופן פלעגט זאָגען רבי דוד'ל טאַלנער:

„ויהי מקץ" — וואָס וועט זיין דער סוף? — „שנתים ימים" — מען פער־שלאָפט די יאָהרען — „ופרעה חולם" — און מען לאָזט זיך פערנאַרען פונ'ם יצר'ס חלומות, פאַנטאַזיעס און איינגערעדטע שטותים...

○

והנה שבע פרות אחרות... לא ראיתי כהנה... (מא. יט.)

„אין מראין לו לאדם אלא מהרהורי לבו", דער מענש חלומ'ט ביי־נאַכט דאָס, וואָס ער זעהט און טראַכט ביי־טאָג; און — „לא ראיתי כהנה", אַזעלכע משונה'דיגע זאַכען האָב איך גאָר קיינמאָל אין געדאַנק נישט גע־זעהן...

(רבי איצעל וואָלאָזשינער)

○

אחרי הודיע אלקים אותך את־כל־זאת אין נבון וחכם כמוך. (מא. לט.)

אַ שענער בעל־הבית, וועלכער האָט געהאַט אין שטאָדט די שענסטע

קראַם מיט אַ ריזיגען לאַגער סחורה, איז אַמאָל געקומען צולויפען מיט אַ געוואַלד צו די ראשי־הקהל, הלמאַי מען האָט איהם געשטעלט אַ צו־גרויסען עטאַט. אמת טאַקע — האָט ער גע׳טענה׳ט — כ׳האָב אַ גרויסע קראַם מיט אַ סך סחורה, אָבער די סחורה איז נישט מיין, עס איז אַלץ געבאָרגט, גענומען אויף קרעדיט! דערויף האָבען איהם די ראשי־הקהל געענטפערט: חיבאלד מען גיט דיר אַזאַ גרויסען קרעדיט, איז דערפון אַליין אַ ראיה, אַז דו ביסט אַ איד אַ נגיד; אַן אָרימאַן באָרגט מען נישט אַזוי פיעל... יוסף, איידער ער האָט פרעה׳ן אַזוי קלוג פותר געווען די חלומות, האָט ער פריער מקדים געווען און ערקלערט מיט עניוות: „בלעדי״ — די חכמה איז נישט מיין — „אלקים יענה את שלום פרעה״ — דאָס אַלץ איז דעם אויבערשטענס... דערויף האָט איהם פרעה נאָכדעם געענטפערט: „אחרי הודיע אלקים אותך את־כל־זאת״ — אויב דו האָסט ביים אויבערשטען אַזאַ גרויסען קרעדיט, איז דערפון גופא אַ בעוויז, אַז „אין נבון וחכם כמוך״; נאראָנים גיט מען נישט קיין חכמה אויף קאָמיסיאָן...

(דובנער מגיד)

○

ויוסף הוא השליט... הוא המשביר... (מב. ו.)

יוסף האָט זיך נישט געפיהרט, ווי די געוויסע מנהיגים, וועלכע, בעקומענדיג אַ שטיקעל התמנות, זעצען זיי זיך אַליין אַוועק אויבען־אָן מיט פארלעגטע הענד און רינגלען זיך אַרום מיט אָהן אַ שיעור משמשים און משרתים; נאָר — „הוא השליט״ און „הוא המשביר״...

(רבי משה־לייב סאַסעווער)

○

כלנו בני איש־אחד נחנו... (מב. יא.)

דאָס וואָרט „נחנו״ געפינט זיך דריי מאָל אין תנ״ך: „כלנו בני איש־אחד נחנו״, „נחנו פשענו ומרינו״, „נחנו נעבור חלוצים״. דאָס איז אַ רמז, אַז אויב „כלנו בני איש־אחד נחנו״, אויב אידען לעבען צווישען זיך אין אַחדות, דאַן איז כאָטש „נחנו פשענו ומרינו״, ווען אפילו זיי זאָלען זיין זינדיג און נישט־פרום, דאָך „נחנו נעבור חלוצים״, — זענען זיי פערזיכערט, אַז זיי וועלען גובר זיין זייערע שונאים און צוריקקעהרען אין זייער לאַנד...

(חן טוב)

○

והורידו לאיש מנחה... (מג. יא.)

ווען יוסף האָט אַראָבגענידערט קיין מצרים, האָט יעקב געזעהן מיט זיין חכמה און ער האָט מרמז געווען זיינע קינדער, זיי זאָלען מיט זיך מיטפיהרען אַ מנחה, וועלכע וועט אויף זיי מגין זיין אין גלות: „ואל שדי יתן לכם רחמים"... דאַגעגען ביים סוף פון גלות־אדום וועט מקוים ווערען: „והביאו את כל אחיכם מכל הגוים מנחה לד'"...

(מדרש הנעלם)

בשעת דער „רב", רבי שניאור־זלמן מלאַדי, איז געזעסען אין תפיסה צוליעב „מלשינות", פלעגט איהם זיינער אַ פריינד, אַ געוועסער גביר, בעזאָרגען יעדען טאָג דורך אַ שליח מיט כשר עסען. איינמאָל, בשעת דער שליח האָט איהם געבראַכט עסען און צוריקגענומען די ליידיגע כלים, האָט מען אין איינער פון די כלים געפונען נאָכדעם אַ קורץ בריוועלע, בלויז מיט פאָלגענדע ווערטער:

„אומרים צדקתך צדק ב„מנחה"...

אַ געוויסער גראַף פון מאַנהיים האָט אַמאָל געפרעגט ר' יצחק בריל'ן:

— כ'האָב געהערט זאָגען, אַז די אידען בעמיהען זיך זעהר אָפט, בשעת זיי האָבען אויף זיך אַ משפט, איבערצוקויפען זייערע שופטים מיט פערשידענע מתנות, מיט שוחד. איז עס אמת?

— יאָ, — איז בריל מודה, — ס'איז אמת, אידען טהוען עס...

— וואָס הייסט? — חידוש'ט זיך דער גראַף. — אונטערקויפען אַ שופט, ער זאָל פאַלש משפט'ן? און איהר זענט נאָך גאָר מסכים דערויף?

— נישט אויף פאַלש משפט'ן, — ענטפערט איהם בריל, — נאָר פערקעהרט... אָט וועל איך עס אייך ערקלערען: בשעת אַ איד מיט אַ גוי קומען זיך לאָדען פאַר אַ גוי'אישען שופט, איז דער שופט בטבע נוטה צום גוי, פאַרט זיינער אַ ברודער, פון איין אמונה און נאַציע. קאָן ער שוין נישט זעהן קיין זכות פאַרן איד, אַפילו ווען דער איד איז גערעכט... ווען אָבער דער שופט בעקומט פונ'ם איד אַ „מנחה", ווירקט די „מנחה" בלויז אויף אַזוי פיעל, אַז דער איד זאָל ביי איהם געשטעלט ווערען אויף איין מדרגה מיט'ן גוי, אין ערשט דאַמאָלס, נאָכ'ן דאָזיגען „גלייכגעוויכט", קאָן דער שופט משפט'ן אמת...

○

ותרב משאת בנימין... (מג. לד.)

צוליעב קנאָה האָבען די ברידער פיינט-בעקומען יוסף׳ן און איהם קיין מצרים פערקויפט, צוליעב קנאָה איבער׳ן „כתונת־פסים״ און איבער דער ליעבע, וואָס דער פאָטער האָט צו איהם אַרויסגעוויזען מעהר, ווי צו די איבעריגע קינדער. און דעריבער, בשעת יוסף האָט זיך מיט זיי בעגעגענט, „ותרב משאת בנימין ממשאות כולם״, האָט ער בכיוון געגעבען בנימינ׳ען אַ פינף-פאַכיגע פּאָרציע, וועלענדיג דערמיט אויספּרובען די ברידער, צי האָבען זיי נאָך אין זיך די מדה פון קנאָה...

(מפרשים)

ותרב משאת בנימין... וישתו וישכרו עמו.

בשעת דער רבי פון גער און דער ר׳בי פון אַלעקסאַנדער זענען זיך צונויפגעקומען אויף אַ רבי׳שער אַסיפה, וואו זיי האָבען געשלאָסען צווישען זיך שלום, האָט דער רבי פון אַלעקסאַנדער, אין זיין שמועס מיט׳ן גערער, נאָכגעזאָגט אַ תורה פון זיין פעטער, דער בעל „ישמח ישראל״; אַ תורה, וואָס האָט גראָד געהאַט אַ שייכות צום ענין, וועגען וועלכען מען איז זיך צונויפגעקומען...

עס שטעהט: „וישתו וישכרו עמו״ — איז מילא, אויף יוסף׳ן איז קיין קשיא נישט, וואָס ער האָט געטרונקען, עס איז איהם געווען גוט אויפ׳ן האַרצען, זעהענדיג, אַז זיינע חלומות זענען ב״ה מקוים געוואָרען; אָבער וואָס איז מיט די ברידער אַזוי גרויס געווען די שמחה, וואָס זיי האָבען אַזש געטרונקען ביז שכרות? — נאָר דאָס איז דאָך ידוע, אַז דער „ותרב משאת בנימין״ איז געווען צוליב דער מעשה מיטן „כתונת-פסים״, וועלענדיג זיי דערמיט אויספּרובען, צי איז נאָך פאַרהאַן ביי זיי די מדה פון קנאָה; און אַט דערפאַר טאַקע, ווען זיי האָבען ביי זיך דערשפּירט, אַז זיי האָבען שוין לגמרי אויסגעראָטען פון זיך דידאָזיגע מדה-מגונה און זיי פיהלען שוין מעהר נישט קיין שום שמץ פון קנאָה, האָט דאָס גופא ביי זיי אַרויסגערופען אַ גרויסע שמחה, און דעריבער — „וישתו וישכרו עמו״...

O

צום סוף פון פ׳ מקץ איז אָנגעצייכענט: „והתיבות אלפים כ״ה״.

פאַרוואָס ווערט בלויז אין דערדאָזיגער סדרה, און נישט אין קיין שום אַנדער סדרה, אָנגעוויזען די צאָהל ווערטער?

עס ווערען דערויף געגעבען פערשידענע תירוצים. על־פי־רוב ווערט געענטפערט, אז די ווערטער „והתיבות אלפים כ״ה״ זענען מרמז אויף חנוכה: אכט מאל „נר״ בעטרעפט „אלפים״, און די „כ״ה״ איז — כ״ה כסליו.

מאנכע פערזיכערן אפילו, אז דידאזיגע ערקלערונג זאל שטאמען פון ווילנער גאון.

עס ווערט אויך געגעבען אנ׳אנדער ענטפער, וועלכער זעהט-אויס צו זיין פיעל ריכטיגער, נעמליך: וועגען ווארט „אברך״ אין פ׳ מקץ איז פאר־האן אין די חז״ל א פלוגתא צווישען צוויי תנאים, צי „אברך״ איז איין ווארט, אדער צוויי ווערטער: „אב–רך״... און ווי עס איז צו זעהן, איז דער בעל־המסורה מסכים מיט דער מיינונג, אז דאס איז איין ווארט — און דעריבער האט ער געהאלטען פאר נויטיג אנצוווייזען, וויפיעל ווערטער עס געפינען זיך אין דערדאזיגער סדרה, וועלענדיג דערמיט פעסטשטעלען, אז „אברך״ ווערט נישט געטיילט אויף צוויי ווערטער...

ויגש

אם לא ירד אחיכם הקטן אתכם... (מד. כג.)

די תורה מיינט דערמיט יענעם סארט אידען, וואס סיי אין חומריות, סיי אין רוחניות זארגען זיי נאר פאר זיך: אבי ב"ה איך האב צו עסען און צו טרינקען, אבי איך האב א גאנץ מלבוש און א ווארים געלעגער... און דאסזעלבע אויך אין רוחניות: אבי ב"ה איך בין א פרומער איד, א איד א למדן, אבי פאר מיר וועלען אי"ה לאחר מאה ועשרים שנה גע-עפענט ווערען די טויערן פון גן-עדן... אי יענער? — וואס געהט ער מיך אן? פאר מיינעטוועגען זאל יענער געהן אין גיהנום אריין!... זאגט אונז דערויף די תורה, אז זי קאן אזעלכע אידען נישט אנקוקען: „אם לא ירד אחיכם הקטן אתכם — לא תוסיפון לראות פני!"...

(רבי לוי-יצחק בערדיטשעווער)

○

כי לא נוכל לראות פני האיש... (מד. כו.)

ביים בעריהמטען גאון, דעם מחבר פון „מחצית השקל" — ווי ער אליין דערצעהלט וועגען דעם אין זיין הקדמה צו יורה-דעה — האט פאסירט א מעשה-נורא. מען האט הינטער דער שטאדט געפינען א הרוג, נע-בען וועלכען עס איז געלעגען א פערבלוטיגט מעסער — און דאס מעסער, האט מען דערקענט, שטאמט פון רב'ס הויז. א פחד איז אנגעפאלען אויף דער שטאדט. עס איז פאר יעדען, נאטירליך, קלאר געווען, אז דאס האט דער רוצח בכונה געקוילעט דעם קרבן מיט א מעסער, וואס ער האט פרי-הער ארויסגע'גנב'עט פון רב'ס הויז, בכדי דאדורך צו פערוויקלען דעם רב אין א מארד-בלבול, — און אלע האבען דעריבער געראטען דעם רב, אז בעת'ן משפט אין געריכט זאל ער לייקענען, אז דאס מעסער איז נישט זיינס. אבער דער רב, דער בעל „מחצית השקל", האט די עצה נישט גע-

האָרכט און אויף דער פראַגע פון ריכטער האָט ער תּיכּף מודה געווען, אַז אמת, דאָס מעסער איז טאַקע זיינס, אָבער נישט ער האָט ערמאָרדעט, ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגען, — און דער רב איז בעפרייט געוואָרען... אויף דער פראַגע פון די מקורבים, פאַרוואָס ער האָט זיך נישט געהאַלטען אין זייער עצה, האָט ער געענטפערט, אַז אַזוי געפינען מיר אויך אין דער תּורה, ביי יהודה׳ן, וועלכער האָט פערלאַנגט פון פאָטער, ער זאָל איהם מיטגעבען בנימין׳ען, טענ׳ענדיג: „כּי לא נוכל לראות פּני האיש ואחינו הקטן איננו אתּנו“, הגם ער האָט דאָך אַ ברירה געהאַט צו נעהמען אַ פרעמד יונגעל און איהם פאָרשטעלען פאַר יוסף׳ן אַלס זיין ברודער; ער האָט אָבער נישט געקאָנט פועל׳ן ביי זיך און דאָס האַרץ האָט איהם נישט געלאָזט צו זאָגען אַ ליגען...

O

והנער יעל עם אחיו. (מד. לג.)

„בנימוסין שלנו כּתוב ואם אין לו ונמכּר בגנבתו, וזה יש לו“ (מדרש).

וואָס איז עס פאַר אַנ׳ארגומענט: „בנימוסין שלנו כּתוב“? יוסף (ווע־מען יהודה האָט געהאַלטען פאַר אַ מצרי) האָט דאָך אַ ברירה געהאַט דע־רויף צו ענטפערן: אין אייערע „נימוסין“ שטעהט אַזוי, און לויט אונזערע „נימוסין“ איז אַנדערש...

דער תּירוץ איז: יהודה האָט איהם געוואָלט געבען צו פערשטעהן על־פּי־שכל, אַז בנימין טויג נישט פאַר קיין עבד, דען „בנימוסין שלנו כּתוב ואם אין לו ונמכּר בגנבתו“, — אַז נאָר דאַמאָלס קאָן מען געפינען אַ בעלן, וועלכער זאָל מסכּים זיין אַריינצונעהמען צו זיך אַ גנב אין שטוב און איהם קויפען פאַר אַנ׳עבד, ווען ס׳איז „אין לו“, ווען דער גנב איז אַנ׳אָרימער, אַ מחוסר־לחם, קאָן מען דאַן רעכענען, אַז קיים וועט ער האָ־בען ביים בעל־הבית עסען צו דער זעט און אַלע נויטיגע הצטרכות׳ן, וועט ער שוין מעהר נישט גנב׳ענען... אָבער „וזה — יש לו“! דאָ, אין דעם פאַל מיט בנימין׳ען, אויב ער האָט ווירקליך גע׳גנב׳עט, האָבען מיר צו טהון מיט אַ טאַטענס אַ קינד, מיט אַ רייכען גנב, וואָס גנב׳עט נישט צוליעב נויט, טאָ ווער וועט אַזעלכען וועלען אַריינגעהמען צו זיך אין הויז און איהם קויפען פאַר אַנ׳עבד?...

(פנינים יקרים)

O

ויקרא הוציאו כל איש מעלי... (מה. א.)

„לא הי׳ יכול לסבול שיהי׳ מצרים נצבים עליו ושומעין״... (רש״י)

אונזערע אינערליכע רייבונגען דאַרפען נישט אַרויסגעטראָגען ווערען פאַר דער אויסערליכער וועלט; די גוים דאַרפען נישט וויסען, וואָס עס קומט-פאָר צווישען יוסף׳ן מיט זיינע ברידער.

דאָס האָט מען שוין דאַמאָלס פערשטאַנען.

היינט, ליידער, פערשטעהען מיר דאָס נישט...

(עיני קדם)

○

וישבת בארץ-גושן... (מה. י.)

דער דין איז, און אַזוי ווערט גע׳פסק׳ענט אין שלחן־ערוך, אַז אויב דער זוהן איז גרעסער און פערנעהמט אין דער געזעלשאַפט אַ בכבוד׳ערן און חשוב׳ערן אָרט פאַר׳ן פאָטער, דאַרף דער זוהן, אויב ער וויל נישט מזלזל זיין די מצוה פון כבוד־אָב, זיך בעמיהען נישט צו וואוינען מיט׳ן פאָטער אין איין שטאָדט... אַזוי דערצעהלט מען, למשל, אויפן מהר״ם מרוי-טענבערג, אַז זינט ער איז נתמנה געוואָרען אַלס רב, האָט ער אויסגעמיטען צו בעגעגענען זיך מיט זיין פאָטער, וועלכער איז אַן׳איינפאַכער מענש געוועזען, כדי דער פאָטער זאָל נישט האָבען חלילה קיין חולשת־הלב, זעהענ-דיג, ווי מען איז דעם זוהן מעהר מכבד פון איהם...

און דאָס איז אויך דער טעם, פאַרוואָס יוסף, אַלס שני־למלך, וועל-כען אַלע האָבען אַזוי פיעל כבוד אָבגעגעבען, האָט אָבגעקליבען אַ וואוינונג פאַר יעקב׳ן נישט צוזאַמען מיט איהם אויף איין אָרט, נאָר אין אַ צווייטער שטאָדט — „וישבת בארץ־גושן״...

(עקידת דבר)

וישבת בארץ-גושן והיית קרוב אלי...

אויב מען וויל לעבען מיט קרובים בשלום, איז אַמבעסטען צו וואוי-נען פון זיי וואָס-ווייטער... אויב „וישבת בארץ־גושן״, דאַן — „והיית קרוב אלי״, וועלען מיר דאַן קאָנען זיין צווישען זיך די אמת׳ע גוטע פריינד...

(רבי מאיר׳ל פרימישליאַנער)

○

והגדתם לאבי את־כל־כבודי במצרים... (מה. יג.)

דער איצטיגער גאנצער כבוד מיינער געהערט „לאבי", דען ווען איך וואלט איהם דאמאלס נישט געווען געפאלגט און נישט געגאנגען צו אייך קיין דותן, וואלט איך דאך איצט צו דעם אלעם נישט געקומען...

(ראשי בשמים)

○

ויפול על צוארי בנימין אחיו ויבך... (מה. יד.)

„על שני מקדשות שעתידין להיות בחלקו של בנימין וסופן ליחרב"... (רש"י)

ער האט געוויינט, פאראויסזעהענדיג, אז די שנאת־חנם, וואס האט גורם געווען, אז די ברידער זאלען איהם, יוסף'ן, פערקויפען קיין מצרים, דיזעלבע שנאת־חנם וועט אויך ברענגען צום חורבן־בית־המקדש...

(רבי ישעיה'לע פראגער)

○

ולבנימין נתן שלש מאות כסף... (מה. כב.)

פארוואס האט ער בלויז בנימינ'ען געגעבען „שלש מאות כסף" און נישט די איבריגע ברידער?

דען „המוכר עבדו לגוי — זאגען די חז"ל — קונסין אותו עד מאה בדמים", קנס'ענט מען איהם אויף הונדערט מאל אזוי פיעל, וויפיעל דער מקח איז. און ווידער ווערט געזאגט, אז דער געוועהנליכער פרייז פון אן־עבד איז שלשים כסף, דרייסיג גילדען; פאר'ן פערברעך פון מכירת־יוסף האבען די ברידער, אלזא, געדארפט צאהלען קנס (לויט'ן נארמאלען מקח, הגם זיי האבען פאקטיש בלויז גענומען פאר איהם „עשרים כסף") דריי טויזענד גילדען, — און היות ווי אין דער „מכירה" האבען זיך בעטייליגט צעהן ברידער (בנימין האט דערין קיין אנטייל נישט גענומען), קומט־אויס אויף יעדען דריי הונדערט גילדען... און דאס טאקע איז געווען דער קנס: „ולבנימין נתן שלש מאות כסף" — און זיי נישט...

(חתם־סופר)

○

לכלם נתן לאיש חלפות שמלות ולבנימין נתן... וחמש חלפת שמלת. (מה. כב.)

פארוואס שטעהט פריהער „חלפות" מיט א ו', און שפעטער — „חלפת" אהן א ו'? ווארום אויפ'ן פסוק „שני לחת העדות" דרש'ענען די חז"ל: „לחת

כתיב חסר, מלמד שהיו שניהם שוים". אַלזאָ, אויב אַ וואָרט, וואָס ענטהאַלט אַ מעהר-צאָהל, איז געשריבען חסר, אָהן אַ ו׳ — בעדייט עס אויף אַזעלכע געגענשטאַנדען, וועלכע זענען צווישען זיך פולקאָם גלייך; פערקעהרט ווידער, אויב עס איז געשריבען מלא, מיט אַ ו׳ — הייסט עס, אַז זיי זענען נישט גלייך צווישען זיך. דאָס ערשטע וואָרט „חלפות" רעדט זיך וועגען די קליידער, וואָס יוסף האָט פונאַנדערגעטיילט צווישען אַלע איבריגע ברידער, יעדען פון זיי צו איין פּאָר, און דידאָזיגע קליידער זענען דאָך זיכער נישט געוועזען אַלע גלייך, נאָר צוגעפּאַסט לויט יעדענס מאָס און וואוקס, און דעריבער איז עס געשריבען מלא, מיט אַ ו׳; דאַגעגען דאָס צווייטע וואָרט „חלפת" בעציהט זיך אויף די פינף פּאָר קליידער, וואָס זענען געגעבען געוואָרען בנימינ׳ען — און זייענדיג בעשטימט פאַר איין פּערזאָן, זענען זיי דאָך זיכער געוועזען אַלע גלייך, לויט איין מאָס, וממילא קומט שוין דאָ צו שרייבען חסר, אָהן אַ ו׳...

(רבי חיים בערלין)

○

נושאים מטוב מצרים... (מה. כג.)

„יין ישן שדעת זקנים נוחה הימנו"... (רש"י)

געוועהנליך איז אַן׳אַלטער מאַן ביי זך שטארק געפּאַלען, פיהלענדיג, אַז מענשען קוקען שוין אויף איהם, ווי אויף אַ שברי־כלי, אַ לא־יוצלח, וואָס טויג שוין צו גאָרנישט; בעת מען דערלאַנגט איהם אָבער אַלטען וויין, וואָס בעווייזט דעם היפוך, אַז וואָס עלטער ער ווערט, אַלץ קרעפטיגער און געשמאַקער ווערט ער, — דאַן ווערט דער זקן ביי זיך מונטערער און געהויבענער, און דערפאַר איז „דעת זקנים נוחה הימנו"...

(רבי זלמן מרגליות)

○

אל תרגזו בדרך. (מה. כד.)

„אַל תתעסקו בדבר הלכה"... (רש"י)

אַהינוועג, קיין מצרים, האָט יעקב פערשפּאָרט דאָס אַנצוואָגען זיי, ווייל — „אם אין קמח אין תורה"...

(ספר החיים)

אויפ׳ן פסוק „כי שמעתי אומרים נלכה דתינה" זאָגען די חז"ל: „נלכה אחר דת של תורה", אַז די ברידער האָבען אין זייער משפט איבער יוסף׳ן

זיך געשטיצט אויף דער תורה... יוסף האָט זיי דעריבער איצט אָנגעזאָגט: איהר זאָלט זיך נישט קריגען אויפ'ן וועג און „אל תתעסקו בדבר-הלכה", איהר זאָלט אייערע קריגערייען נישט פערוואַנדלען אין אַ דבר-הלכה, אין אַ דין מן התורה, ווי איהר האָט עס געמאַכט דאַמאָלס, בנוגע צו מיר...

(רבי מרדכי עליאשבערג)

„בדרך", אין וועג, אין גלות, זענען מיר עוסק נאָר „בדבר-הלכה", האָבען אַלע אונזערע קעמפערייען און קריגערייען בלויז אַ טעאָרעטישען כאַ-ראַקטער, מען רייסט-זיך-אַרום איבער אַ „ביצה שלא נולדה", איבער זאַכען, וועלכע האָבען קיין שום פּראַקטישען ווערט נישט... ווי דערלעבט מען שוין די צייט, ווען אַלס זעלבסטשטענדיג פאָלק אין אייגענעם לאַנד זאָלען מיר שוין ווירקליך האָבען איבער וואָס צו קריגען זיך!

(דרשות אל עמי)

„דבר אחר, אל תפסיעו פסיעה גסה"... (רש"י)

איר זאָלט נישט זיין לייכטזיניג אין אייערע האַנדלונגען, איהר זאָלט נישט אָננעהמען, ווי דאַמאָלס ביי מכירת-יוסף, קיין איילינע בעשלוסען...

(הדרש והעיון)

און אַזוי טייטשט אויך דער דובנער מגיד דעם מאמר „פסיעה גסה נוטלת אחד מת"ק ממאור-עיניו של אדם" (שבת קי"ג): זאַכען, וואָס ווערען אָבגעטהון איילענדיג, אָהן געהעריגען ישוב-הדעת, פערטונקלען דאָס ליכט פון מענשענס אויג און מאַכען איהם קורצזיכטיג אין זייז האַנדלונג, אין זיין אָבשאַצונג און אין זיין אורטייל...

O

וידברו אליו את כל-דברי יוסף... (מה. כז.)

„סימן מסר להם וכו' בפ' עגלה ערופה" (רש"י)

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָ דער ענין פון עגלה ערופה? — דאָס האָט יוסף זיך דערמיט מתנצל געווען און פערענטפערט, פאַרוואָס ער פאָהרט נישט צום פאָטער און פערלאַנגט, אַז דער פאָטער זאָל קומען צו איהם, דען אַזוי געפינען מיר אויך ביי עגלה ערופה: „ר' אליעזר אומר אם נמצא הראש במקום אחר וגופו במקום אחר, מוליכין הראש אצל הגוף" (סנהדרין פרק ט'), — כאָטש דער קאָפּ איז דאָך דער וויכטיגסטער און חשוב-

סטער טייל פון קערפער, דאך פיהרט מען נישט דעם גוף צום ראש, נאר דעם ראש צום גוף...

(ספר הדרוש)

○

רב עוד־יוסף בני חי... (מה. כח.)

די קינדער האבען גענומען שילדערן פאר יעקב'ן דאס גרויסקייט פון יוסף'ן, „וכי הוא מושל בכל ארץ מצרים", האט זיי יעקב איבערגעשלאגען די רייד און אויסגערופען: „רב!" גענוג! די אלע זאכען זענען שוין פאר מיר איבריג צו הערען; פאר מיר איז פולקאם גענוג די איינע בשורה, אז „עוד יוסף בני חי"...

(רשב"ם)

○

אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך... (מו. ד.)

השם יתברך האט פערבונדען זיין גורל מיט'ן גורל פון ישראל: בשעת דער עליה פון ישראל ווערט אויך כביכול נתעלה; דאגעגען בשעת דער ירידה פון ישראל איז, חלילה, פערקעהרט...

(מדרש רבה)

ביים געהן אין גלות אריין וועט זיין פריהער „אנכי ארד"; דאגעגען ביים ארויסגעהן פון דארט וועט פריהער זיין „אעלך", און נאכדעם — „גם עלה"... א הבטחה, אז די אידען וועלען אין גלות קיין איין מינוט נישט זיין אהן דער שכינה...

(כלי יקר)

○

ובני דן חושים. (מו. כג.)

„בתורתו של רבי מאיר מצאו כתוב ובן דן חושים" (בראשית רבה)

ווייל אויף איינעם איז דאך נישט שייך צו זאגען „ובני" פרעגט זיך: פארוואס האט רבי מאיר נישט געמאכט דעמזועלבען תיקון און זיך נישט אבגעשטעלט אויף אנ'עהנליכען פסוק אין פ' פינחס — „ובני פלוא אליאב", און אין דברי הימים (פ. ח.) — „ובני איתן עזריה"?...

(מקור ברוך)

מאנכע פרובען ענטפערן, אז דאס איז איינפאך דערפאר, ווייל דער נאמען „חושים" (מיט „ים" צום סוף) קלינגט ווי א לשון־רבים, און צוליעב

דעם ווארט „ובני" קאן מען אלזא א טעות האבען און מיינען, אז דא רעדט זיך וועגען עטליכע קינדער, וועלכע זאלען האבען געטראגען דעמ־זעלבען נאמען; דאגעגען אין די אנדערע דערמאהנטע פסוקים קאן מען דעמדאזיגען טעות נישט האבען — און דעריבער איז אין זיי נישט נויטיג געווען קיין תיקון...

○

ויבך על צואריו עוד. (מו. כט.)

„אמרו רבותינו שהי' קורא את שמע"... (רש"י)

צי האט שוין יעקב נישט געהאט קיין אנדער צייט צו לייענען קריאת-שמע, נאר פונקט אין דערדאזיגער מינוט?

נאר דער פשט איז: נישט זעהענדיג יוסף'ן אזוי פיעל יאהרען און הערענדיג, אז ער איז עולה־לגדולה געווארען אלס משנה־למלך, „הי' קורא את שמע", זענען געווען זיינע ערשטע ווערטער, וואס ער האט אויסגערופען ביי דער בעגעגעניש: „שמע ישראל!" — צי ביזטו פערבליבען א איד? צי שעמסטו זיך נישט מיט דיין אידישקייט?...

(שלמי יוסף)

○

אמותה הפעם... (מו. ל.)

בשעת א פאטער דארף אנקומען אויף דער עלטער צו א קינד, ער זאל איהם אויסהאלטען, פיהלט ער דערביי טעם־מיתה...

(של"ה)

אויפ'ן פסוק „מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו" פרעגט די גמרא: „מזמור לדוד? — קינה לדוד מיבעי ליה"!?

ענטפערט מען דערויף:

בשעת מען 'נטלויפט פון א קינד, איז טאקע „מזמור לדוד", ווארום פיעל ערגער איז, ווען מען דארף נישט אנטלויפען, נאר פערקעהרט — אני-קומען צו א קינד...

(געהערט)

○

ויבא יוסף את הכסף ביתה פרעה. (מז. יד.)

נאכ'ן אראפברענגען דעם פאטער און די ברידער קיין מצרים, האט יוסף נישט געוואלט מעהר פערוואלטען מיט די מלוכה-געלדער און ער האט

זיי אָוועקגעטראָגען צו פרעה'ן, כדי מען זאָל איהם נישט חושד זיין, אז פון דידאָזיגע געלדער האלט ער אויס די אַלע קרובים און פאַמיליע-לייט, דעם גאַנצן עולם פון „שבעים נפש"...

(דברי חכמים)

○

ואת-העם העביר אותו לערים... (מז. כא.)

דער טעם, פאַרוואָס יוסף האָט דורכגעפיהרט אַן'איבערגרופּירונג פון דער מצרי'שער בעפעלקערונג, איבערפיהרענדיג זיי פון זייערע שטענדיגע וואוין-ערטער אין אַנדערע מקומות, איז, כדי זיי זאָלען אויך זעלבסט דער-פיהלען דעם טעם פון גרים, פון נע-ונד זיין, — אפשר וועט דאָס ווירקען זיי זאָלען נישט שטאָלצירען איבער די פרעמדע, איינגעוואַנדערטע בני ישראל און זיי נישט מצער זיין...

(כלי יקר, עהנליכעס אין תרגום-ירושלמי)

ויחי

ויחי יעקב בארץ מצרים... (מז. כח.)

„למה פרשה זו סתומה ?... שבקש לגלות את הקץ לבניו ונסתם ממנו" (רש"י)

דערפאַר איז געציוען „ונסתם ממנו", ווייל פאַראויסזעהענדיג די צרות, וואָס אידען וועלען דאַרפען איבער־טראָגען ערב דעם קץ, בעקבתא דמשיחא, איז ער אַריינגעפאַלען אין עצבות, און — „אין השכינה שורה מתוך עצבות"...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

○

ועשית עמדי חסד ואמת... (מז. כט.)

דערויף זאָגט רש"י: „שאינו מצפה לתשלום גמול". דער פשט דערפון איז נישט. ווי מען איז געוועהנליך געוואוינט צו טייטשען, אַז דער חסד, וואָס מען טהוט מיט אַ מת, ווערט נישט צוריקגעצאָהלט. די חז"ל זאָגען דאָך בפירוש (נדרים פ"ג): „ודיספוד — יספדון ליה; דיבכון — יבכון ליה"! נאָר דער טייטש איז: „שאינו מצפה לתשלום גמול", עס איז אַזאַ חסד און אַזאַ „טובה", וועלכע קיינער וואַרט נישט אָב...

(ברם הצבי)

○

וישתחו ישראל על ראש המטה. (מז. לא.)

„שהשכינה למעלה ממראשותיו של חולה"... (רש"י)

וואָרום וועלכער חולה איז עס נישט מהרהר בתשובה? ווייזט מיר דעם כופר, וועלכער זאָל שטאַרבען — אַלס כופר...

(רבי נחמן בראַצלאַווער)

דער קעלמער מגיד איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָדט. האָט מען איהם דערצעהלט, אַז דער אידישער שפּיטאָל האַלט זיך ביי פערמאַכען, מחמת די גבירים ווילען קיין געלד נישט געבען.

בין מנחה למעריב, ווען די גאַנצע שטאָט איז זיך צונויפגעקומען אין שוהל אריין צו דער דרשה פון בעריהמטען מגיד, שטעלט זיך אוועק דער קעלמער אויפן בעלעמער און ווענדעט זיך צום עולם:

— רבותי, — מאַכט ער, — כ'וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה. ווי איהר ווייסט, ליבע אידען, איז ביי אַ חולה רוהט די שכינה צוקאָפּענס. ויהי היום, האָט זיך די שכינה אַמאָל געקלאָגט פאַר'ן רבונו-של-עולם און געזאָגט: רבונו-של-עולם, האר פון אַלע וועלטען! דו שיקסט מיך תמיד אין די אָרימע אידישע הייזער. כ'קום צוגעהן צום חולה, זעה איך, ער ליעגט אין אַ שטיבעל ד' על ד', אויף אַ צובראָכען בעטעל, אָהן אַ קישען צוקאָפּענס, די קינדער וואַלגערן-זיך-אַרום נאַקעטע, באָרוועסע, אָהן השגחה, אויסגעהונגערטע נאָך אַ שטיקעל ברויט. דער חולה אַליין ליעגט אין יסורים, אַ פערשמאַכטער, אַ פערטריקענטער, נישטאָ מיט וואָס איהם מחיה צו זיין, נישטאָ מיט וואָס צו רופען אַ דאָקטאָר, צו קויפען רפואות! כ'קאָן עס נישט אריבערטראָגען, כ'קאָן דעם צער נישט צוזעהן... פרעג איך דיך: פאַרוואָס, רבונו של עולם, שיקסטו מיך נישט אין די רייכע הייזער, וואו מענשען וואוינען אין גרויסע, שענע צימערן, לעבען אין רחבות און האָבען פון כל-טוב?

זאָגט דער רבונו-של-עולם צו דער שכינה: האָסט רעכט, כ'וועל דיין רצון ממלא זיין.

האָבען די גבירים, לא-עלינו, אָנגעהויבען צו קרענקען. וואו אַ רייך הויז — דאָרט אַ חולה ר"ל, און די שכינה האָט שוין נישט געהאַט אויף וואָס זיך צו בעקלאָגען; זי האָט גערוהט אין גרויסע, שענע צימערן, צוקאָפּענס פון זייבערנע, ווייכע בעטען און האָט מעהר דעם צער פון דלות נישט געזעהן.

אַז די גבירים, רבותי, האָבען געזעהן, אַז ס'איז שלעכט, אַז זיי האַלטען אין איין קרענקען, האָבען זיי זיך מיישב געווען און געמאַכט אַ שפּיטאָל פאַר אָרימעלייט: זאָל אַן אָרימאַן, אַז ער ווערט, חלילה, קראַנק, האָבען דעם קאָפּ וואו אַוועקצולעגען, זאָל ער ליעגען אין אַ ריין, לופטיג חדר, אין אַ ווייך, ציכטיג בעט, זאָל ער קריגען אַ דאָקטאָר מיט רפואות, זאָל ער האָבען וואָס אין מויל צו נעהמען און זאָל די שכינה קאָנען רוהען נעבען איהם.

— אָבער היינט, רבותי, — שרייט-אויס דער קעלמער, — אַז איהר, גבירים, ווילט מעהר קיין געלד נישט געבען פאַר'ן אידישען שפּיטאָל און

ער וועט זיך חלילה מוזען צומאַכען, וועט די שכינה ווייטער מוזען קומען צו אייך — צו אייך אין די רייכע הייזער!...

O

ויאמר ליוסף הנה אָביך חולה... (מח. א.)

דערויף זאָגען די חז"ל (בבא-מציעא פ"ז): „עד יעקב לא הוה חולשא" (ביז יעקב'ן האָט נישט עקזיסטירט קיין שלאַפקייט)... פון וואַנען דרינגען זיי דאָס? — ווייל אומעטום, וואו עס שטעהט אין תנ"ך דאָס וואָרט „הנה", בעדייט עס אויף אַ נייער זאַך, וואָס איז נאָך ביז־דאַן נישט געווען.

(יפה לקץ)

אַן ענהליכע ערקלערונג אויפ'ן וואָרט „והנה" געפינען מיר אין רשב"ם פ' וישב און אין בעל-הטורים פ' תזריע.

„ויאמר ליוסף — אחד מן המגידים" (רש"י)

קיין סלאָנים איז אַמאָל געקומען אַ מגיד, אויף וועלכען מ'האָט אין דער סביבה שטאַרק געמורמעלט, אַז ער איז נישט תוכו כברו — און דער רב, רבי אייזשע חריף, האָט איהם דעריבער נישט געוואָלט געבען קיין ערלויבניש צו זאָגען אַ דרשה אין שוהל. האָבען זיך עטליכע בעלי־בתים גענומען פאַר איהם משתדל זיין: ס'טייטש, רבי, וואָס האָט איהר צו איהם? ער איז דאָך אַ מגיד; און וויבאַלד אַ מגיד, איז ער דאָך זיכער אַ ירא־שמים!... ס'איז גאָר קיין בעוויז נישט, — האָט זיי דערויף רבי אייזשע געענטפערט. — אויפ'ן פסוק „ויאמר ליוסף הנה אָביך חולה" זאָגט רש"י: „אחד מן המגידים"; פרעגט זיך: ווי קומען דאַמאָלס אין מצרים אידישע מגידים? (אַז דאָס זאָל האָבען געווען אפרים בן יוסף — דאָס איז בלויז די מיינונג פון איין מאַן־דאָמר) — איז דערפון אַלזאָ געדרונגען, אַז עס קאָן אויך זיין אַ מגיד אַ גוי, אַ פושע־ישראל...

O

וישלח ישראל את ימינו וישת על ראש אפרים והוא הצעיר... (מח. יד.)

„והוא הצעיר" — ווייל ער איז דער יונגסטער און דעריבער נויטיגט ער זיך אין דער רעכטער, אין דער שטאַרקערער האַנד: דער יוגענד דאַרף מען שענקען וואָס־מעהר אויפמערקזאַמקייט, וואָס־מעהר השגחה, וואָס־מעהר חיזוק...

(תחית ישראל)

O

האלקים הרועה אותי מעודי... (מח. טו.)

„קשים מזונותיו של אדם יותר מן הגאולה, דאילו בגאולה כתיב המלאך הגואל אותי, ואילו במזונות כתיב האלקים הרועה אותי"... (פסחים קי"ח)

דעם ענין פון „גאולה", אַלס אַ העכערע, גייסטיגע זאַך, קאָן אויך דער מלאך, וועלכער בעשטעהט פון רוחניות, תופס זיין, און דאָסדאָזיגע שליחות קאָן אויך דורך איהם אויסגעפיהרט ווערען; דאַגעגען מזונות, פרנסה — אַזא גשמיות קאָן דער מלאך נישט תופס זיין, און דאָס מוז דעריבער געטהון ווערען דורכ'ן רבונו־של־עולם כביכול זעלבסט...

(תורה תמימה)

O

וידגו לרוב בקרב הארץ. (מח. טז.)

פיש האָבען אין זיך די מעלה, וואָס זיי זענען פרים ורבים, וואָס קיין עין־הרע א"ז אין זיי נישט שולט; זיי האָבען אָבער דעם חסרון, וואָס „כל הגדול מחברו בולע את חברו". די ברכה איז, אַלזאָ, געווען: „וידגו לרוב", אַז זיי זאָלען עהנליך זיין צו די פיש בלויז מיט דער איינער זאַך, „לרוב", מיט דער מעלה פון פרים ורבים, אָבער נישט מיט דער צווייטער זאַך — מיט „כל הגדול מחברו" וכו'...

(פורת יוסף)

די עקזיסטענץ פון אידען איז חוץ לדרך־הטבע, פונקט אַזוי ווי עס איז חוץ לדרך־הטבע און נישט־נאַטירליך, אַז אַ פיש זאָל קאָנען לעבען אויף דער יבשה, „בקרב הארץ"...

(חתם־סופר)

בימי ניקאָלאַי דעם צווייטען האָט דער צורר־היהודים מיניסטער פלעווע צונויפגערופען איינמאָל קיין פעטערבורג אַנ'אסיפת־הרבנים, כדי אַרומצוּרעדען מיט זיי דעם אידישען מצב אין רוסלאַנד. די ראשי־המדברים מצד די רבנים זענען געווען: רבי יצחק־אלחנן, רבי חיים בריסקער און רבי אלי'־חיים פון לאָדז. פלעווע, דער צורר, האָט, ווי דער שטייגער איז, מלמד חוב געווען אויף אידען, ערקלערענדיג, אַז אידען פערמאָגען אין זיך כל מיני מדות־רעות, זענען נידעריגער, ווי די אומות־העולם, וכדומה.

— אָט זעהט, — מאַכט ער אין זיין שמועס מיט די רבנים, — פאַראַן אין רוסלאַנד פערשיעדענע פעלקער: רוסען, פאָליאַקען, לעטען, אידען. ביי קיין אומה ולשון וועט איהר נישט זעהן, אַז איינער זאָל ביים צווייטען

אַרויסרייסען דעם ביסען פון מויל; שניידער, שוסטער, קרעמער לעבען בשלום איינע מיט די אַנדערע און אַלע האָבען פּרנסה. דאַגעגען ביי אידען וואָלט איינער דעם אַנדערן וועלען אין אַ לעפעל וואַסער דערטרינקען. מאַכט זיך אַ איד אַ בעקערי — איז באַלד אַנטקעגען איהם דאָ אַ צווייטע; עפענט אַ איד אַ געוועלב — איז באַלד אין דער אייגענער גאַס דאָ אַ צעהנדליג געוועלבער און אַלע רייסען־זיך־אַרום פאַר אַ גראָשען פּערדיענסט. אַ מאָדנע רשעות׳דיג פאָלק די אידען!...

— כ׳וועל דיר זאָגען, אַדוני מיניסטעו, — רופט זיך אָפּ דערויף רבי אלי׳־חיים, — די טבע פון בעלי־חיים איז, אַז קיין בעל־חי עסט נישט זיין מין: אַ לייב פערצוקט נישט קיין לייב, אַ וואָלף פרעסט נישט קיין וואָלף. בלויז איין מין בעל־חי איז פאַרהאַן, וואָס שלינגט איינער דעם צווייטען — פיש... פאַרוואָס? ווייל אַלע בעלי־חיים האָבען פאַר זיך אָפען די וועלט, קאָנען זיי אומעטום קריגען זייער חיונה. פיש דאַגעגען זענען איינגעשפאַרט אין וואַסער; אַרויס אויף דער יבשה טאָרען זיי נישט, ס׳שמעקט מיט טויט, שלינגען זיי דעריבער פון הונגער איינע די אַנדערע.

דאָסזעלבע — פיהרט־אויס ר׳ אלי׳־חיים — איז מיט אידען: פאַר גוים איז אָפען גאַנץ רוסלאַנד, פון קאַווקאַז ביז סיביר, געפינען זיי אומעטום זייער פּרנסה; אידען אָבער האָט די מלוכה איינגעשפאַרט אין אַ תחום, אַ „טשערטאַ״, חוץ־לתחום טאָרען זיי נישט וואוינען, נישט האַנדלען, — טאָ וואָס זאָלען זיי נעבעך טהון? — שלינגען זיי איינע די אַנדערע...

○

ואני נתתי לך שכם אחד על אחיך... (מח. כב.)

לויט איין פשט מיינט מען איינפאַך: די שטאָדט שכם; לויט אַ צווייטען פשט ווערט געמיינט דערמיט — די בכורה. ביידע פשטים זענען ריכטיג. דען דער דין איז, אַז „אין אדם מקנה דבר שלא בא לעולם״; סיידען, ווען גלייכצייטיג דערמיט איז ער יענעם מקנה נאָך אַ צווייטע זאַך, אַ „דבר שבא לעולם״. וועלענדיג, אַלזאָ, אַוועקגעבען יוסף׳ן די בכורה, וועלכע האָט נאָך דאַמאָלס לויט׳ן דין, פאַר מתן־תורה, נישט עקזיסטירט, האָט איהם יעקב אין איין וועג אַוועקגעשענקט אויך די שטאָדט שכם, — און שכם די שטאָדט איז דאָך שוין געווען אַ „דבר שבא לעולם״...

(פנים יפות)

די מפרשים פרעגען:
פאַרוואָס איז שכם שפּעטער, לויט'ן געבאָט פון דער תורה, אַריבער־געגאַנגען צו די לויים, אַלס איינע פון די ערי-מקלט, וועהרענד יעקב'ס אויסדריקליכער פערלאַנג איז דאָך געווען, אַז דידאָזיגע שטאָדט זאָל גע־הערען צו יוסף'ן?..

○

כי באפם הרגו איש... (מט. ו.)

„באַפּם" מיט דער נאָז, מיט אַ בלויזען דרעה פון דער נאָז (בעת מען פרעגט ביי עמיצען אַן'אויסקונפט אויף איינעם וועגען קרעדיט, אָדער עהנליכע זאַכען) קאָן מען אַמאָל אַוועק'הרג'ענען אַ מענשען...

(אַ פאָלקס-ווערטעל).

○

ארור אפם כי עז... אחלקם ביעקב ואפיצם בישראל. (מט. ז.)

„אין לך עניים וסופרים ומלמדי תינוקות אלא משמעון... ושבטו של לוי עשאו מחזר על הגרנות לתרומות ולמעשרות" (רש"י)

און אַזוי-אַרום וועלען זיי ביידע אָבגעוואָוינט ווערען פון כעס: שבט לוי וועט זיין אַ „מחזר על הגרנות", אַ „נצרך לבריות", — און דער, וואָס דאַרף אָנקומען צו יענעם, מוז זיין אַ סבלן; די בני־שמעון ווידער וועלען ווערען מלמדים, און — „אין הקפדן מלמד"...

(י' חמדה)

○

יהודה אתה יודוך אחיך... (מט. ח.)

אין דער ברכה פון יהודה געפינען זיך אַלע אותיות פון דער תורה, גאַנץ א"ב, חוץ דעם אות „ז"ן", אַלס רמז, אַז דער נצחון פון מלכות־ישראל, וועלכע וועט שטאַמען פון שבט־יהודה, וועט באַחרית־הימים נישט קומען מיט דער הילף פון דער שווערד און כלי־ז"ן — „לא בחיל ולא בכח"...

(רבינו בחיי)

○

לא יסור שבט מיהודה... עד כי־יבא שילה... (מט. י.)

עס וועט נישט אָפּגעטהון ווערען די רוט פון אידען, ביז משיח וועט קומען; כּסדר וועלען מיר פיהלען אויף זיך די שמיץ, שטענדיג וועט מען אונז שמייסען, כּדי מיר זאָלען אויף אַ טאָג נישט פערגעסען, וואו מיר זע־נען אין דער וועלט, אויף אַ טאָג נישט מסיח־דעת זיין, אַז מיר זענען נישט ביי זיך אין דער היים...

(רבי יצחק־יעקב ריינעס)

„עד כּי יבא שילה", — ביז עס וועט קומען אַחיה השלוני, וועלכער האָט מודיע געוועזן ירבעם'ען די טרויעריגע בשורה, אַז דאָס מלכות־יהודה וועט פון־דאַן־אָן געשפּאָלטען ווערען אויף צוויי מלוכות...

(חתם־סופר)

אָס, וואָס דער פּסוק רופט־אָן משיח'ן מיט'ן נאָמען „שילה", איז אַן־אָנדייטונג, אַז דער אידישער משיח וועט געבוירען ווערען פון אַ „שִׁלְיָת־אשה", ווי יעדער געוועהנליכער בשר־ודם... וד"ל.

(הנ"ל)

אַ געוויסער כּומר האָט אַמאָל געהאַט אַ ויכוח מיט רבי מענדעלי רי־מאַנאָווער און ער האָט איהם געפרעגט: עס שטעהט אין אייער תּורה „לא יסור שבט מיהודה ומחוקק מבין רגליו עד כּי יבא שילה", ס'הייסט, אַז אייער הערשאַפט וועט נישט אָפּגעטהון ווערען די גאַנצע צייט, אַזש ביז אייער משיח וועט קומען, — וואו־זשע איז דידאָזיגע הבטחה? וואו זענען אייערע מושלים און מחוקקים?

דאָס וואָרט „עד" — האָט איהם דערויף רבי מענדעלי געענטפערט — האָט אין תּנ"ך צוויי טייטשען: „עד" איז טייטש ביז און „עד" איז טייטש אייביג, ווי „בטחו בד' עדי עד". דער פּשט פון דאָזיגען פּסוק איז, אַלזאָ, אַזוי: „לא יסור שבט מיהודה ומחוקק מבין רגליו עד" — די ממשלה פון יהודה וועט נישט אָפּגעטהון ווערען אויף שטענדיג, אויף אייביג, נאָר בלויז אויף אַ געוויסער צייט; וואָרום „כּי־יבא שילה", בשעת משיח וועט קומען, וועט זיך דאַן צוריק אומקעהרען די ממשלה צו אידען און „ולו יקהת עמים"...

O

זבולון לחוף ימים ישכן... (מט. יג.)

כאָטש יששכר איז עלטער געווען פון זבולון און כאָטש יששכר האָט עוסק געווען אין תורה, און זבולון — אין משא־ומתן, ווערט דאָך זבולון פריהער דערמאָהנט אין די ברכות, סיי אין די ברכות פון יעקב׳ן און סיי אין די ברכות פון משה׳ן: דען דער, וואָס אונטערשטיצט און שפייזט מיט זיין ברויט דעם בן־תורה, שטעהט העכער, ווי דער בן־תורה זעלבסט, און ער איז זוכה צוביידע וועלטען...

(זוהר)

O

וירא מנוחה כי טוב... ויט שכמו לסבול... (מט. טו.)

אויב מען וויל האָבען מנוחה און לעבען רוהיג — דאַרף מען סבלנות׳דיג אַראָבבויגען די פּלייצע און פון אַ סך עוולות אַוועקקוקען און אַ סך זאַכען פערשווייגען...

(רבי בונם מפשיסכע)

אנדערש, אויף אַ פערקעהרטען אופן, טייטשט דעמדאָזיגען פסוק רבי אייזשע סלאָנימער:

„ויט שכמו לסבול" — קוים הויבסטו־אָן ווערען לגבי וועמען נאָכגיע־ביג, קוים ווייזטו אַרויס סימנים פון שוואַכקייט און הכנעה, דאַן „ויהי למס עובד", אַזוי נעמט יענער גלייך רייטען אויף דיר...

O

דן ידין עמו... לישועתך קויתי ד׳. (מט. טז.)

יעדער דַיָן און מנהיג, וואָס פערנעהמט זיך מיט קהל׳שע זאַכען, נויטיגט זיך אין געטליכער הילף. אינ׳ם „לישועתך קויתי", ווייל על־פי־רוב זענען זיי אַרומגערינגעלט מיט אַ סך שונאים...

(לויט׳ן כלי־יקר)

O

מאָשר שמנה לחמו והוא יתן מעדני־מלך. (מט. כ.)

דאָס איז די העכסטע מדה פון צדקה און נדיבות. „מאשר שמנה לחמו", אַליין איז ער אַ מסתפק־במועט, אַליין בעגנוגענט ער זיך מיט ברויט; אָבער פאַר יענעמס וועגען איז — „והוא יתן מעדני־מלך"...

(אַלשיך)

פאַרהאַן אין תנ״ך דריי פסוקים צו זיבעטן ווערטי״, אין וועלכע דאָס מיטעלסטע וואָרט איז „והוא״: „מאָשר שמנה לחמו והוא יתן מעדני־מלך״; „נדיב נדיבות יעץ והוא על נדיבות יקום״; „אלקים הבין דרכה והוא ידע את מקומה״... דאָס איז אַנטקעגען די דריי מדרגות פון צדקה: ערשטענס, ער זאָל אליין געבען — „והוא יתן מעדני־מלך״; צווייטענס, ער זאָל ווירקען, אַז אויך אַנדערע זאָלען געבען — „ונדיב נדיבות יעץ״; דריטענס, עס זאָל זיין אַ מתן־בסתר — „אלקים הבין דרכה״...

(הנ״ל)

○

קברו אותי אל אבותי אל המערה וכו׳... (מט. כט.)

יעקב אָבינו האָט ווי פאָראויסגעזעהן, אַז די מערת־המכפלה וועט אַמאָל זיין אַ געגענשטאַנד פאַר אונאויפהערליכע סכסוכים און קריגערייען מצד די נישט־אידישע שכנים אין ארץ־ישראל, און ער האָט דעריבער געפונען פאַר נויטיג צו געבען אַ גאַנצע רייה גענויע אָנווייזונגען, וועלכע זאָלען בעשטעטיגען די פולקאָמע, אַבסאָלוטע אידישע רעכט אויף דערדאָזיגער מערה — און נעמליך: „קברו אותי אל אַבותי אל המערה״... אָבער נישט אין איינער פון די פיעל אַנדערע מערות, וועלכע געפינען זיך אויף יענעם פלאַץ, נאָר — „אשר בשדה עפרון החתי״... היות אָבער, ווי עס זענען שוין פאָריבער זיבעצעהן יאָהר זינט יעקב האָט מיט זיין הויזגעזינד פערלאָזט ארץ־ישראל, און עס קאָן דאָך מעגליך זיין, אַז במשך פון דער צייט האָט ווער פון עפרונ׳ס יורשים זיך דאָרט בעזעצט און ער וועט טענה׳ן, אַז דאָס איז זיין אייגענטום, וואָס איז צו איהם אַריבער בירושה, זאָלט איהר דעריבער ווייזען אַ שטר־מכירה — „אשר קנה אַברהם את השדה״... און וועלען די דאָרטיגע איינוואוינער אפשר טענה׳ן, אַז דאָס איז געקויפט געוואָרען פון איינעם, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין רעכט אויף דער מכירה, זאָלט איהר זיי ערקלערען, אַז דאָס איז געקויפט געוואָרען — „מאת עפרון החתי״, וועלכער איז געוועזען דער נשיא פונ׳ם לאַנד... און וועלען זיי אפשר פרובען זאָגען, אַז דער פלאַץ איז פערקויפט געוואָרען אויף צו בעאַרבייטען איהם, אָבער נישט אויף קיין בית־הקברות, זאָלט איהר זיי ווייזען, אַז ס׳איז דייטליך איינגעשריבען — „לאַחוזת קבר״... און וועלען זיי טענה׳ן אַז די קניה איז אונגילטיג, ווייל די מערה איז די גאַנצע צייט נישט בענוצט געוואָרען דורך איהרע נייע בעלי־בתים און ס׳איז דעריבער אַ קנית אָהן חזקה, זאָלט איהר זיי דערויף אָנווייזען, אַז — „שמה קברו את אברהם ואת שרה אשתו״... און וועלען די בני־ישמעאל קומען מיט אַ טענה, אַז אויב אַזוי, זענען די דאָך גלייכבערעכטיגטע יורשים, זאָלט איהר זיי ער־

קלערען, אַז — „שמה קברו את יצחק ואת רבקה אשתו", וואָס עס בעווייזט, אַז די בני־ישמעאל האָבען אָבגעטרעטען זייער זכות צו די בני־יצחק... און וועלען אפשר די בני־עשו קומען מיט דערזועלבער ירושה־טענה, דען אויך זיי זענען דאָך פון די בני־יצחק, זאָלט איהר זיי אָנווייזען, אַז — „ושמה קברתי את לאה", אַז דער זכות, אַלזאָ, אויף דער מערה איז מיט'ן הסכם פון די בני־עשו איבערגעגאַנגען צו מיר... און וועלען די דאָרטיגע איינוואוינער נאָך אַלץ זיך פרובען געגענשטעלען און טענה'ן, אַז עפרון, דער נשיא און תקיף, האָט פערקויפט דעם פלאַץ מיט דער מערה אָהן דער הסכמה און ווילען פון דער בעפעלקערונג, זאָלט איהר זיי אָנווייזען, אַז — „מקנה השדה והמערה אשר בו מאת בני־חת", אַז די קניה איז דורכגעפיהרט געוואָרען במעמד כולם און אַלע זענען דערמיט איינשטימיג געווען

(מפרשים)

O

אָנכי אכלכל אתכם... וינחם אותם וידבר על־לבם. (נ. כא.)

„אָנכי אַכלכל אתכם" אַליין איז ווייניג; צוזאַמען דערמיט דאַרף אויך זיין „וינחם אותם וידבר על־לבם", דאַרף מען דעם נצרך אויך זאָגען אַ פּאָר וואַרימע ווערטער און איהם אַיינרעדען און טרייסטען, דען „המצפה לשלחן אחרים — עולם חשך בעדו"...

(בינה לעתים)

O

וימת יוסף בן מאָה ועשר שנים... (נ. כו.)

אין פרקי דר' אליעזר ווערט געזאָגט: „על ששמע עשר פעמים עבדך אָבי ושתק ולא מיחה נתקצרו עשר משנות חייו".

פרעגט מען: מיר געפינען דאָך אין פסוק נישט מעהר ווי פינף מאָל „עבדך אָבי"?

ערקלערט דערויף רבי וואָלף סטריקאָווער, אַז די קשיא איז גאָר קיין קשיא נישט, וואָרום די תורה זאָגט דאָך בפירוש: „כי המליץ בינותם", אַז יוסף האָט גערעדט מיט די ברידער דורך אַ מליץ; קומט דאָך אויס, אַז נאָך יעדען מאָל, וואָס די ברידער האָבען געזאָגט „עבדך אָבי", האָט עס דער מליץ נאָכאַמאָל איבערגעזע'חזר'ט פאַר יוסף'ן — וממילא האָט ער דאָך דעמ־דאָזיגען אויסדרוק געהערט גאַנצע צעהן מאָל...

ספר שמות

שְׁמוֹת

ואלה שמות בני ישראל... (א. א.)

אַלס ראובן ושמעון זענען זיי געקומען קיין מצרים און אַלס ראובן ושמעון זענען זיי אַרויס פון דאָרט: ראובן האָט נישט איבערגעמאכט זיין נאָמען אויף לוליאַני; יהודה — אויף רופא, און בנימין — אויף אַלכסנדרי.

(ויקרא רבה)

אין זכות פון פיער זאַכען זענען די אידען אויסגעלייזט געוואָרען פון מצרים: ווייל זיי האָבען נישט געענדערט זייערע נעמען, ווייל זיי האָבען נישט געענדערט זייער שפּראַך, ווייל זיי האָבען געפיהרט אַ ריין פאַמיליען-לעבען און ווייל עס זענען נישט געווען צווישען זיי קיין מוסרים...

(ילקוט שמעוני)

פאַראַן אידען, וועלכע שעמען זיך צו רופען מיט זייערע אידישע נעמען ביים לעבען; דיזאָזיגע נעמען בעהאַלטען זיי אויף שפּעטער, נאָכ'ן טויט, פאַר דער אויפשריפט אויף דער מצבה און אויף הזכרת-נשמות... און דאָס איז דער טייטש: „קראו בשמותם עלי אדמות" (תהלים מ"ט) — ערשט „עלי אדמות", נאָכ'ן טויט, לאָזען זיי זיך רופען מיט זייערע ריכטיגע אידישע נעמען...

(לוח ארז)

O

ותמלא הארץ אותם. (א. ז.)

אומעטום — אידען; וואו די מצריים זענען געקומען, האָבען זיי גע-טראָפען אידען: „בתי טיאַטראות וקרקסאות נתמלאו מהם", אַלע מצרי'שע טעאַטערן און צירקען זענען געווען איבערפולט מיט אידען... און דערפאַר איז אַזוי גרויס געווען דער כעס אויף זיי.

(תנחומא)

O

ויקם מלך-חדש... (א. ח.)

אויף דריי חדשים האָט מען פּרעה׳ן געהאַט אראָבגעזעצט פון טראָהן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט מסכים זיין צו די פּלענער פון די מצריים. שוטים! — האָט ער געזאָגט צו זיי. — מיר לעבען דאָך פון די אידען; ווען נישט יוסף, וואָלטען מיר דאָך געווען פון הונגער אומגעקומען!...

(שמו רבה)

○

רב ועצום ממנו. (א. ט.)

עס איז די טענה, וואָס מיר הערען ביז היינטיגען טאָג: „ממנו" — „פון אונז... פון אונז זענען די אידען רייך געוואָרען, פון אונזער האַב-און-גוטס, פון אונזער אַרבייט"...

(רבי אַביש פראַנקפורטער)

○

הבה נתחכמה לו פן ירבה... (א. י.)

נעהמען סתם און אויסראָטען און מאָרדען אַן׳אונשולדיגע אומה, וואָס די מצריים זעלבסט האָבען איינגעלאַדען צו זיך אין לאַנד, וואָלט אַרויסגערופען אַ צו-גרויסען רעש אין דער וועלט; און דעריבער — „הבה נתחכמה", מען קאָן דאָסזעלבע דערגרייכען דורך אַ קליגערן וועג, מיט דער הילף פון אונגעוועהנליך גרויסען מס, וואָס דאָס איז דאָך אַ גאַנץ כשר׳ע און לעגאַלע זאַך...

([illegible]"ו)

—

הבה נתחכמה לו פן ירבה...

לאָמיר זוכען אַנ׳עצה צום „לו", צו דער אידישער אחדות, „פּן ירבה", אפשר וועט מען געפינען אַ מיטעל, זיי זאָלען זיך צושפּאַלטען און מעהרען אויף פערשידענע גרופּען; און די עצה איז געווען — „וישימו עליו שרי מסים"; שטייערן, פּאַדאַטקעס... עס איז דאָס בעסטע מיטעל צו קנאה-שנאה, מחלוקת און מסירות... די „שרי-מסים" ווערען פערוואָרפען מיט טענות און מיט אָנקלאַגען: הלמאי זאָל ער צאָהלען מעהר שטייערן, און יענער ווייניגער? יענער איז רייכער פאַר איהם, יענער האָט דאָס יאָהר אַ גרעסערן אומזאַץ געמאַכט, יענער קאָן מעהר צאַהלען...

([illegible])

○

ויעלה מן הארץ. (א. י.)

בשעת ישראל געפינט זיך אין דער נידעריגסטער ירידה — קומט דאן די עליה...

(שמות רבה)

○

וישימו עליו שרי מסים... (א. יא.)

יעדע מלוכה מוז נעהמען מס, קיין שום מדינה שבעולם קאן אהן דעם נישט אויסקומען; אבער פיעל מעהר, ווי פונ'ם מס זעלבסט, האבען די אידען געליטען פון — די „שרי מסים", די אויפמאהנער פון די שטייערן...

(מדרש)

○

וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרץ... (א. יב.)

עס איז א נאטור-געזעץ: די אברים אינ'ם מענשליכען ארגאניזם, וואס ווערען ווייניג בענוצט, ווערען אבגעשוואכט, פערלירען ביסלעכווייז זייער קראפט און מיט דער צייט, במשך פון דורות, ווערען זיי אינגאנצען אטראפירט. אמשטארקסטען און אמקרעפטיגסטען דאגעגען זענען יענע אברים, וועלכע ווערען בענוצט אממעהרסטען. דאסזעלבע איז אויך מיט'ן אידישען פאלק: אדאנק דעם „וכאשר יענו אותו" איז „כן ירבה וכן יפרץ", האט זיך אונזער שארפזין, וואכזאמקייט, עמפינדליכקייט און ווידערשטאנדספעהיגקייט פיעל שטארקער ענטוויקעלט, ווי ביי אלע אנדערע פעלקער...

(ספר הדרוש)

○

ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך. (א. יג.)

בפרך — „בפה רך", מיט גוטע ווערטער, מיט איינרעדעניש'ען און הבטחות...

(שמות רבה)

„ויעבידו מצרים את בני ישראל בפרך — חד אמר בקל וחומר, וחד אמר בגזירה שוה" (מדרש פליאה).

דער זין פון דאזיגען אין פלוג אונפערשטענדליכען מאמר איז איינפאך: „חד אמר בקל וחומר" — פריהער האט מען די אידען געגעבען לייכטע ארבייט, און דאן וואס-אמאל שווערערע; „וחד אמר בגזירה שוה" — מען האט באלד אנגעהויבען ארבייטען מיט זיי עבודת-פרך...

(מנחת עני)

○

וימררו את־חייהם... (א. יד.)

צוליעב'ן קושי־השעבוד — זאָגען די חז"ל — איז דעריבער פערקירצט געוואָרען די צייט פון גלות־מצרים, פון פיער הונדערט אויף צוויי הונדערט מיט צעהן יאָהר... און דערפאַר איז די נגינה אויפ'ן דאָזיגען פסוק „קדמא ואזלא": ווייל „וימררו את חייהם", דעריבער — „קדמא ואזלא", זענען זיי אַרויס פון דאָרט פאַר דער צייט...

(ווילנער גאון)

○

אם בן הוא והמתן אותו... (א. טז.)

וואָס פאַר אַ שוטה! גיכער האָט ער (לויט זיינע מחשבות רעות) גע־דאַרפט הייסען אומברענגען די נקבות; וואָרום אויב עס וועלען קיין נקבות נישט זיין — פונוואַנען וועלען די זכרים נעהמען פרויען? איין פרוי קאָן דאָך קיין צוויי מענער נישט נעהמען, אָבער איין מאַן קאָן דאָך נעהמען צעהן און הונדערט פרויען!...

(שמות רבה)

○

ולא עשו כאשר דבר אליהן מלך מצרים... (א. יז.)

דער דין פון „דינא דמלכותא דינא" איז נאָר דאַמאָלס פערפליכטענד, ווען דאָס געזעץ ווערט אַרויסגעגעבען פאַר אַלעמען גלייך. פאַר אַלע בירי־גער אָהן אויסנאַהם; אָבער נישט דאַן, ווען עס איז אַ געזעץ און אַ גזירה בלויז אויף אידען...

(קצות החושן)

○

ויעש להם בתים. (א. כא.)

„בתים" — איזאָלירונגס־הייזער, ספּעציעל געשלאָסענע אַנשטאַלטען פאַר די געווינעריגס...

(אַברבנאל)

○

וילך איש מבית לוי... (ב. א.)

צוליעב וואָס ווערט דאָס דערצעהלט? — כדי אונטערצושטרייכען, אַז דער געבורט פון אידישען גואל איז אויף אַ נאַטירליכען אופן, פון אַ מענש־ליכען טאַטען און מענשליכער מאַמע, כדרך כל האדם, וד"ל...

(געהערט)

○

ותצפנהו שלשה ירחים... ותשם בסוף על שפת היאור. (ב. ב.)

און דערפון נעהמט זיך דער אידישער מנהג צו בעציהרען אום שבועות די הייזער מיט גרינס, וואס וואקסט ביים טייך. דען אין ז׳ אדר איז משה רבינו געבוירען געווארען, און דאן איז געווען „ותצפנהו שלשה ירחים״ און „ותשם בסוף על שפת היאור״, וואס עס קומט-אויס אין ז׳ סיון, אין טאג פון שבועות...

(רבי מרדכי באנעט)

○

ולא יכלה עוד הצפינו... (ב. ג.)

צוויי מאל געפינען זיך די ווערטער „ולא יכלה״ אין דער תורה: „ולא יכלה עוד הצפינו״ — „ולא יכלה ארץ־מגוריהם לשאת אותם״.

די שנאה פון דער שכנ׳ישער בעפעלקערונג צו אידען, דער „ולא יכלה ארץ־מגוריהם לשאת אותם״, נעהמט זיך אפט צוליעב׳ן „ולא יכלה עוד הצפינו״, ווייל מיר פערשטעהען נישט די נויטווענדיגקייט פון בעהאלטען זיך; ווייל מיר האבען ליידער א טבע ארויסצוטראגען אויף דער גאס אלץ, וואס מיר פערמאגען און וואס מיר פערמאגען אפילו נישט... צו קליידען זיך אין לוקסוס און אויפצורייסען יעגעם די אויגען אפילו דאן, ווען אין אונזערע הייזער הערשט דער מורא׳דיגער דלות...

(מגילת ספר)

○

ותשלח את-אמתה... (ב. ה.)

„את אמתה — את ידה, שנשתרבבה אמתה אמות הרבה״ (רש״י)

פרעגט זיך: פרעה׳ס טאכטער האט דאך נישט געוואוסט, אז עס וועט מיט איהר אזא נס געשעהען, טא ווי-אזוי האט זי באלד לכתחילה גענומען און אויסגעצויגען די האנד צו א זאך, צו וועלכער עס איז גאר אונמעג-ליך געווען צו דערלאנגען? — דער תירוץ איז: ווען א מענש מיינט ערנסט צו העלפען דעם צווייטען, זאל ער זיך נישט אוועקשטעלען און חקר׳ענען, צי עס לוינט די ארבייט און צי איז עס דערגרייכבאר; ער פון זיין זייט דארף קודם-כל טהון דאס זייניגע — אויסשטרעקען יעגעם זיין האנד...

(רבי יצחק ווארקער)

○

ותראהו את־הילד והנה נער בוכה... (ב. י.)

בשעת פרעה'ס טאָכטער האָט דערזעהן אַ „ילד", אַ קינד, וואָס וויינט, ווי אַ „נער", ווי אַ דערוואַקסענער, — האָט זי פערשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין אַ איד...

וועגען אַ בעקאַנטען גאון און שתדלן ווערט דערצעהלט, אַז אַריינ־קומענדיג איינמאָל צו אַ גרויסען שר, זיך משתדל זיין וועגען אָברופען אַ געוויסע גזירה געגען אידען, האָט ער אָנגעהויבען זעהר הויך צו שרייען. דער שר האָט איהם מיט אַ פערדראָסיגער מינע אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז עס איז אונטאַקטיש צו רעדען מיט אַזאַ הויכען טאָן. דערויף האָט איהם דער גאון געענטפערט: וואונדער זיך נישט, אדוני פריץ, וואָס איך רעד אַזוי הויך, דען נישט איך אַליין רעד, נאָר טויזענדער, טויזענדער געפייניגטע אידען רעדען אַרויס פון מיר...

ון דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט משה'ן: אַלס דריי־חדשים'דיג קינד האָט ער שוין געוויינט, ווי אַ דערוואַקסענער, ווי אַ „נער"; וויי', — „מילדי העברים זה", וויל טויזענדער, טויזענדער אידישע קינדער, וועלכע זענען אַריינגעוואָרפען געוואָרען אין נילוס, האָבען אַרויסגעוויינט פון איהם...

(רבי משה־נתן יונגריי)

דריי זאַכען — פלעגט זאָגען דער רבי ר' בער פון מעזריטש — דאַרף זיך דער מענש אַראָבלערנען פון אַ קינד: עס איז שטענדיג פרעה־ליך, עס זיצט קיינמאָל נישט לעדיג, און אַז עס פערלאַנגט עפּיס אַ זאַך — וויינט עס...

○

ויגדל הילד ותביאהו לבת־פרעה... (ב. י.)

ס'איז געווען דער רצון פון דער השגחה, אַז משה זאָל ערצויגען ווערען אין אַ קעניגליך הויז, וואו ער זאָל אויסוואַקסען, נישט־וויסענדיג פון קיין הכנעה און שפלות... און צוליעב נאָך אַ זאַך: ווען משה זאָל גע־ווען ערצויגען ווערען צווישען אידען און זיי וואָלטען איהם פון־קינדוויי־זאָן געקענט, וואָלטען זיי פאַר איהם קיין דרך־ארץ נישט געהאַט...

(אבן־עזרא)

○

ויַרְא בסבלותם... (ב. יא.)

זעהענדיג, ווי שווער אידען ווערען געפייניגט אין זייער ארבייט, האט משה געוויינט און ער האט זיינע פלייצעס אונטערגעשטעלט און יעדען איד מיטגעהאָלפען...

(שמות רבה)

○

איש מצרי מכה איש־עברי... (ב. יא.)

קיין שום אונרעכט פון מענש געגען מענש האט משה נישט געקאָנט פערטראָגען: סיי דאַמאָלס ווען אַ גוי איז אָנגעפאַלען אויף אַ איד — „איש מצרי מכה איש־עברי״... סיי ווען אידען גופא האָבען זיך געקריגט צווישען זיך — „אנשים עברים נצים״... סיי בעת דער אונגערעכטער האַנדלונג פון אַ גוי געגען אַ גוי — „ויבאו הרועים ויגרשום״...

(תולדות יצחק)

○

ויַרְא כי־אין איש... (ב. יב.)

„כי־אין איש״... ער האַט געזעהן, אַז מען האַלט דעם איד פאַר קיין מענש נישט, אַז זיינע פּראָטעסטען און אינטערפּעלאַציעס ווערען דורך קיינעם אין אַכט נישט גענומען, אוו עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיך אָננעהמען פאַר איהם...

(אוצר החיים)

○

מי שמך לאיש שר ושופט עלינו... (ב. יד.)

„הלא בן יוכבד אתה״... (מדרש)

אַזוי איז שוין די טבע פון אונזערע מחוצפים און בעלי־מחלוקת: פאַר׳ן מינדעסטען גוי האָבען זיי גרויס דרך־ארץ, זיי זענען גרייט צו קריכען פאַר איהם אויף אַלע פיער; דאַגעגען דעם חשוב׳סטען און אָנגעזעהענסטען איד איז מען מבזה און מבטל בתכלית-הביטול — „אויך מיר אַ דעה־זאָגער!״ „ווער איז ער דען?״ „הלא בן יוכבד אתה!״... „מיר קענען דאָך איהם, דאָס איז דאָך יוכבד׳ס זוהן!״...

(רבי יהודה-לייב הוטנער)

○

ולכהן מדין שבע בנות... (ב. טז.)

און אַז אַ מענש האָט זיעבען טעכטער, קוקט ער שוין דאַן נישט אויף קיין יחוס, איז ער גרייט צו נעהמען פאַר אַן'איידעם אפילו אַ ווילד־פרעמדען, אַ „בורח", וועגען וועלכען מען ווייסט נישט, וואָס און ווער ער איז...

(שפתי כהן)

○

וימת מלך מצרים... (ב. כג.)

דערויף ווערט גע'דרש'ענט אין מדרש־רבה, אַז נישט ער איז געשטאָרבען, נאָר ער איז געוואָרען אַ מצורע.

וואָס האָט געצוואונגען די חז"ל צו ענדערן דעם איינפאַכען פשט? — ווייל איבעראַל, אין גאַנץ תנ"ך, וואו עס שטעהט „וימת מלך", ווערט גלייך צוגעגעבען: „וימלוך תחתיו מלך"; דאָ אָבער, אַלס אויסנאַהם, פעהלען די־דאָזיגע ווערטער — און דאָס האָט אונזערע חז"ל בעוואויגען צו טייטשען, אַז דאָ מיינט מען נישט „וימת" אין געוועהנליכען, בוכשטעבליכען זין...

(פנים יפות)

○

והסנה איננו אכל... (ג. ב.)

השי"ת האָט בעוויזען משה'ן דעם ברענענדען סנה אַלס סימן אַנטקעגען די אידען: פונקט ווי דער סנה ברענט אין פייער און ווערט נישט פערברענט, אַזוי וועלען אויך די מצריים נישט זיין ביכולת די אידען צו פערניכטען...

דער סנה, בעת ער ברענט, רוישט ער און איז משמיע קול... אויך מיט אידען איז דאָסזעלבע: אפילו דאַן, ווען עס ברענט אַרום זיי אַ פייער פון צרות, איז איין איד צום צווייטען ווי אַ שטעכיגער דאָרן און עס רוישט צווישען זיי אַ שטענדיגער טומעל פון מחלוקת, שנאה און קנאָה...

(כלי יקר)

○

אל תקרב הלום... (ג. ה.)

„מכאן שבקש משה מלכות"... (מדרש רבה)

משה האָט פערלאַנגט, אַז השי"ת זאָל איהם געבען מלכות און תקיפות, מיט וועלכען ער זאָל קאָנען צווינגען די אידען, פונקט ווי עס פיהרט זיך

ביי אַנדערע אומות, זיי זאָלען מקיים זיין די געבאָטען פון דער תורה. דע־רויף האָט איהם השי"ת געענטפערט: „אַל־תקרב הלום!" — די אידישע אמונה נויטיגט זיך נישט אין תקיפות. דען „המקום אשר אתה עומד עליו אדמת־קודש הוא", די תורה איז בעצם הייליג און אמת; און זאַכען, וואָס זענען הייליג און אמת, געפינען זייער וועג צו די מענשליכע הערצער גערנ־וויליג, אָהן צוואַנג־מיטלען...

(רבי בעריש מייזעלש)

○

ויסתר משה פניו... (ג. ו.)

אַ גביר האָט אַמאָל געזעהן דורכ'ן פענסטער, ווי דער שטאָדט־שמש פיהרט אַריין צו איהם עפּעס אַ פרעמדען גאַסט, אַנ'אורח, וועלכער וויל אודאי נעהמען ביי איהם אַ שענע נדבה; האָט ער זיך שנעל בעהאַלטען אין אַ זייטיגען חדר און געהייסען זאָגען, אַז ער איז נישטאָ אינדערהיים...

דער פרעמדער האָט דאָס בעמערקט און אַ ביטערן שמייכעל געטהון. איצט — מאַכט ער — איז מיר פערענטפערט די גמרא: „גדולה הכנסת־אורחים מקבלת פני השכינה". דען ביי משה'ן, בעת ער האָט דערזעהן די־שכינה, שטעהט: „ויסתר משה פניו", ער האָט בלויז דאָס פנים בעהאַל־טען; די גבירים אָבער, אַז זיי דערזעהען אַנ'אורח — בעהאַלטען זיי זיך אינגאַנצען...

○

ואת־צעקתם שמעתי מפני נוגשיו... (ג. ז.)

אמת, זיי אַליין שטעהען נאָכנישט אויף דער געהעריגער מדרגה, און לויט זייערע אייגענע מעשים זענען זיי נאָכנישט ראוי צו דער גאולה; אָבער — „ואת־צעקתם שמעתי מפני נוגשיו", אין פערגלייך מיט דער אויפ־פיהרונג פון זייערע שכנים, אין פערגלייך מיט די נוגשים און צוררים, זע־נען זיי צדיקים גמורים...

(רבי יעקב־יצחק מלובלין)

○

אהי' אשר אהי'... (ג. יד.)

אַזוי ווי איהר וועט זיין צו מיר, אַזוי וועל איך זיין צו אייך: אויב איהר וועט עפענען אייערע הענד און געבען צדקה, וועל איך אויך צו אייך מיין האַנד עפענען...

(שמות רבה)

דערויף פלעגט צוגעבען רבי נפתלי ראפשיצער:
— „יאק קובא באגו, טאק בוג קוביע"...

○

כי כבד-פה וכבד לשון אנכי... (ד. י.)

דער פערשטארבענער ראבינער מזא"ה פון מאסקווא פלעגט זאגען: ווען משה וואלט נישט געווען קיין כבד-פה, וואלטען די אידען אזוי גיך נישט אויסגעלייזט געווארען, דען מען וואלט די גאנצע צייט געווען גע-פטר'ט אויף רעדעס, רעפעראטען און דיסקוסיעס...

○

ויקח משה את-אשתו ואת-בניו... (ד. כ.)

ווען משה וואלט געבליבען זיצען מיט זיין פאמיליע אין מדין, אויף דער פרייהייט, וואלטען די אידען צו איהם קיין צוטרוי נישט געהאט. ער האט דעריבער אוועקגעפיהרט דאס ווייב מיט די קינדער קיין מצרים, זיי זאלען ליידען צוזאמען מיט'ן כלל...

(רמב"ן)

○

ואחר באו משה ואהרן... (ה. א.)

וואו זענען אהינגעקומען די זקנים? השי"ת האט דאך געזאגט צו משה'ן: „ובאת אתה וזקני ישראל"! — נאר די זקנים האבען זיך אויפ'ן וועג איינציגווייז אוועקגע'גנב'עט... אזוי, אז צוקומענדיג צו פרעה'ס פאלאץ, איז שוין קיינער פון זיי נישט געבליבען!

(שמות רבה)

○

ואת-מתכונת הלבנים... לא תגרעו ממנו... (ה. ח.)

אנשטאט דער גזירה, נישט צו געבען די אידען קיין שטרוי, האט דאך פרעה אייגענטליך א ברירה געהאט ארויסצוגעבען אנ'אנדער גזירה: זיי זאלען ארבייטען דאפעלט, א דאפעלטע צאהל ציגעל ליפערן, פון וואס די מלוכה וואלט מעהר נוצען געהאט?

נאר ס'ווייזט אויס, אז דאס רשעות צו אידען איז ביי איהם געשטא-נען העכער, ווי די מלוכה-אינטערעסען; און געוואוסט האט ער, דער רשע,

אַז פון דאגות און קאָפּ־אַרבייט ווערט אַ מענש מעהר געפּייניגט, ווי פון פיזישער אַרבייט...

(רבי העניך מאַלעקסאַנדער

ס

תבן אין נתן לעבדיך וכו׳ וחטאת עמך... (ה. טז.)

ווען עס ווערען ביי אידען די פרנסות צוגענומען, ווען מען גיט זיי נישט די מעגליכקייט צו לעבען אויפ׳ן עהרליכען, כשר׳ן וועג — „וחטאת עמך״, מוז דאן, ליידער, דאָס פאָלק זינדיגען און זיך פערנעהמען מיט נישט קיין איבריג־שענע פרנסות...

(חמדת שלמה)

נאָרָא

והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים... (ו. ו.)

„סבלות״ איז פון לשון „סבלנות״... דער ערגסטער גלות איז — ווען מען הערט-אויף צו פיהלען דעם גלות, ווען מען ווערט צוגעוואוינט צו דעם שעבוד און הכנעה. „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים״ — אויב איהר האָלט שוין ביי אַזאַ מצב, אַז איהר קאָנט שוין סובל זיין דעם גלות און עס אַרט אייך שוין גאָרנישט — דאַן טאָר מען מעהר נישט וואַרטען, איז שוין די העכסטע צייט אַרויסצופיהרען אייך פון דאָרט...

(רבי בונם מפשיסכע)

די פיער כוסות פון פסח — ווי די גמרא ערקלערט — זענען אַנטקעגען די פיער „לשונות של גאולה״, וואָס ווערען אויסגערעכענט אין פסוק: „והוצאתי״, „והצלתי״, „וגאלתי״, „ולקחתי״... באמת אָבער געפינען מיר פינף לשונות, דען אויך דער „והבאתי״ אינ׳ם וויטערדיגען פסוק — „והבאתי אתכם אל הארץ״-איז דאָך אַ לשון של גאולה; און מעגליך, אַז דערפאַר טאַקע גיסען מיר אָן ביים סדר אַ פינפטען כוס, וועלכען מיר רופען „כוס של אליהו״, אַלס רמז, אַז דער תכלית אין דער ענדע-ציעל פון די אַלע „לשונות של גאולה״, נעמליך דער „והבאתי אתכם אל הארץ״, וועט מקוים ווערען ערשט דאַמאָלס, ווען אליהו הנביא וועט קומען...

(תורה תמימה)

O

ולא שמעו אל משה... (ו. ט.)

דערפאַר האָבען זיי משה׳ן נישט געהערט און זיך בעצויגען צו איהם מיט אונצוטרוי, וויל ער האָט נישט געלעבט מיט זיי צוזאַמען, קומענדיג

פון דער פרעמד, פון מדין, וואו ער האט נישט געפיהלט, נישט אנטייל גע־גומען אין זייערע צרות און נישט געוועהטאגט מיט זייערע וועהטאגען...

(צרור המור)

„ולא שמעו אל משה — אמר לו הקב"ה חבל על דאבדין ולא משתכחין..."
(רש"י)

חבל, וועה — פלעגט זאגען רבי נפתלי ראפשיצער — „על" דאבדין — די בעסערע, די העכערע מענשען, די אנשי־מעלה, געהען פערלוירען — „ולא" משתכחין — די נישטיגע און נידריגע ברואים, זיי געפינען זיך און זיי זענען אויבענאן...

O

הן בני־ישראל לא שמעו אלי... (ו. יב.)

איצט, אז די אידען הערען מיך נישט, האב איך נאך די מעגליכקייט צו פערענטפערן זיי, מלמד־זכות צו זיין אויף זיי; „ואיך" — ווי וועט אבער זיין — „ישמעני פרעה" — ווען פרעה וועט מיך יא הערען, פרעה יא — און די אידען נישט, ווי־אזוי וועל איך דאמאלס אויסזעהן? ווי־אזוי וועל איך שוין דאן קאנען זאגען א גוט ווארט אויף אידען? דאן איז דאך „ואני ערל־שפתים", בלייב איך דאך ממש, חלילה, אהן לשון פאר דיר, רבונו־של־עולם!...

(רבי יצחק ווארקער)

O

ואני ערל שפתים. (ו. יב.)

דעריבער איז משה רבינו געווען א שטאמלער, כדי מען זאל נישט קאנען נאכדעם זאגען, אז מיט זיין שען מויל האט ער געווירקט אויף די אידען, מיט זיינע שענע, גלאטיגע רעדעס...

(באר יצחק)

נאכ'ן ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס האט רבי שמואל מאהילעווער צונויפגערופען קיין ביאליסטאק אנ'אסיפה פון אלע ציוניסטישער מורשים. עפענענדיג די אסיפה, ווענדעט זיך רבי שמואל צו די צונויפגעפאהרענע דעלעגאטען און זאגט:

— רבותי, צוויי זאכען פערלאנג איך פון אייך: זיצען אין די היט־לען און רעדען אידיש...

צווישען די דעלעגאַטען האָבען זיך אָבער געפונען אַזעלכע, וואָס זייער אומגאַנגס-שפּראַך איז געווען רוסיש. הויבט-זיך-אויף איינער פון זיי, ד״ר כהן-בערנשטיין, און ערקלערט:

— רבי! אייער בקשה, צו זיצען אין די היטלען, וועלען מיר אייך צוליעב-טהון, כאָטיאַ עס איז אַ ביסעל שווער; אָבער רעדען אידיש קענען מיר נישט, מיר וועלען פּראָסטאָ נישט קענען אַרויסזאָגען, וואָס מיר ווילען. אויב עמיצער אין דער סאָבראַניע פערשטעהט נישט קיין רוסיש, טאָ זאָל מען אַוועקזעצען אַ פּערעוואָדטשיק (איבערזעצער)...

— ניין, — רופט זיך דערויף אָן רבי שמואל מאָהילעווער מיט אַ שמייכעל, — כ'האָב אייך אַלעמען געבעטען צו רעדען אידיש, נישט מחמת מען פערשטעהט דאָ נישט קיין רוסיש, נאָר לטובת־הענין. איהר ווייסט דאָך, אַז משה רבינו איז געווען אַ „כבד־פה וכבד־לשון״, איז דאָך עס אין פלוג טאַקע אַ פראַגע, פאַרוואָס האָט דער רבונו־של־עולם אויסגעקליבען צו שיקען צו פרעה'ן אַ שליח, וואָס איז שווער אויפ'ן לשון? דוכט זיך, צו אַזאַ וויכטיגער שליחות, פועל'ן ביי אַ מלך, ער זאָל בעפרייען אַ פאָלק, פּאַסט זיך אַ מענש מיט אַ מויל, מיט אַ געשליפענער צונג, ער זאָל מאַכען אַ רושם מיט זיינע רייד... די מעשה איז אָבער, רבותי, פערקעהרט: ווען צו פרעה'ן וואָלט געקומען אַ דעלעגאַט אַ בעל-לשון, אַ גוטער רעדנער, וואָלט ער, ווי דער שטייגער איז, אַוועקגעלעגט פאַר איהם אַ פייערדיגע רעדע מכּח פרייהייט, יושר און גערעכטיגקייט און ער וואָלט אַזוי לאַנג מגדריך בדרוש געווען, אַז ער וואָלט פערגעסען דעם עיקר — די אידישע גאולה; אַז משה איז אָבער געווען אַ „כבד־פה וכבד־לשון״, איז ער געקומען צו פרעה'ן און האָט געזאָגט קורץ און שאַרף: „שלח את עמי״!..

— דאָסזעלבע — פיהרט ער אויס — איז מיט אונזער אַסיפה. כ'ווייס דאָך, אַז איהר זענט ב״ה אַלע בעלי-לשון, גרויסע רעדנער, איז דאָך פשוט אַ מורא, אַז איטליכער פון אייך וועט זיך פלייסען צו האַלטען אַ שענערע דרשה וועגען ארץ־ישראל, און מיר וועלען גאָרנישט בעוויזען צוצוקומען צום עיקר פון סדר־היום; אַז איהר וועט אָבער רעדען אידיש, וואָס עס קומט אייך אָן אַביסעל שווערליך, וועט יעדער רעדען בקיצור און צו דער זאַך...

○

ויצום אל בני ישראל... (ו. יג.)

וויסען זאָלט איהר, — האָט גאָט געזאָגט צו משה און אהרן, — אַז די קינדער מיינע זענען עקשנים, דערצערנער, בעלעסטיגער („סרבנים, רגזנים,

טרחנים"). נאָר אויף דעם תנאי קאָנט איהר נעהמען אויף זיך צו זיין אי־דישע מנהיגים... איהר מוזט זיין גרייט דערצו, אַז זיי וועלען אייך שעלטען, אַז זיי וועלען אייך מיט שטיינער בעוואַרפען...

(שמות רבה)

„ויצום אל בני ישראל... אלה ראשי בית־אבותם" — אָט דאָס גופא טאַקע איז געווען דער צווי, וואָס משה זאָל זאָגען צו די בני־ישראל: „אלה ראשי בית־אבותם!" — דערמאָהנט אייך אָן אייער יחוס און אָבשטאַמונג, ווער אייערע עלטערן זענען געווען, פונוואַנען איהר קומט אַרויס; פאַסט עס פאַר אייך צו זיין עבדים, פערשקלאַפט ביי די מצריים?...

(רבי העניך מאַלעקסאַנדער)

○

הוא אהרן ומשה אשר אָמר ד׳ להם הוציאו את בני ישראל... הם מדברים אל פרעה וכו׳ הוא משה ואהרן.

(ו. כו.)

אויף צו רעדען מיט די בני־ישראל איז געווען „הוא אהרן ומשה" — אהרן פריהער, ווייל ער איז די גאַנצע צייט געווען צוזאַמען מיט זיי אין גלות, נישט ווי משה, וועלכער האָט פיערציג יאָהר פערבראַכט ווייט פון זיי — אין מדין... דאַגעגען צו רעדען מיט פרעה׳ן איז געווען „הוא משה ואהרן" — משה פריהער, ווייל ער איז דאָך נתגדל געוואָרען ביי פרעה׳ן אין הויז...

(רבי בונם מפשיסכע)

○

ואני אַקשה את לב פרעה... (ז. ג.)

כדי צו טהון גוטס, נויטיגט זיך דער מענש אין אויסערגעוועהנליכע אָנשטרענגונגען, אין סייעתא דשמיא: „הבא לטהר — מסייעין לו"... דאַגע־גען שלעכטס צו טהון — דאָס קומט איהם נישט שווער אָן: „יצר לב האדם רע מנעוריו"... די כונה איז אַלזאָ: „ואני אַקשה את לב פרעה", כ׳וועל איהם נישט העלפען בעסער־ווערען, כ׳וועל איהם לאָזען אין זיין נאַ־טירליכען צושטאַנד... און דערמיט פאַלט־אָב ממילא די בעקאַנטע קשיא פון די מפרשים...

(רבי אברהם־מרדכי פיורקא)

○

תנו לכם מופת... (ז. ט.)

עס איז וועניג דאָס, וואָס איהר רעדט אין גאָטס נאָמען און פערלאַנגט פון אַנדערע, „תנו לכם מופת" — פריהער דאַרפט איהר בעווייזען, אַז איהר אַליין גלויבט אין דעם, וואָס איהר פּרעדיגט...

(„חיי יצחק" פון רבי חיים־אייזיק יוסטמאַן)

○

ויהי הדם בכל ארץ מצרים. (ז. כא.)

דערויף זאָגט דער מדרש: „ממכת־דם העשירו בני ישראל".

און דערפון טאַקע נעהמט זיך דאָס בעקאַנטע וואָרט: „דמים תרתי משמע": פאַר די מצריים איז „דמים" געווען בלוט, און פאַר די אידען — „דמים", געלד...

(דגל מחנה אפרים)

○

ושמתי פדות בין עמי ובין עמך... (ח. יט.)

דריי מאָל געפינט זיך אין תנ"ך דאָס וואָרט „פדות": דאָ; דאַן „פדות שלח לעמו" (תהלים קי"א) און „והרבה עמו פדות" (תהלים ק"ל). דאָס איז אַנטקעגען די דרייערליי מיני גלות... דער ערשטער גלות איז, ווען דער איד איז אין גלות ביים גוי; דערויף קומט די הבטחה „ושמתי פדות בין עמי ובין עמך", אַז מיר וועלען אויסגעלייזט ווערען פון גוי'אישע הענד... דער צווייטער גלות איז, ווען איין איד איז אין גלות ביים צווייטען איד — דערדאָזיגער גלות איז פיעל גרעסער פאַר'ן ערשטען; און דערויף איז „פדות שלח לעמו", מיר זאָלען אויסגעלייזט ווערען צו זיין אין גלות ביי אידען... דער דריטער גלות איז, ווען דער מענש איז אין גלות ביי זיך זעלבסט, ביי זיינע שלעכטע מדות און געוואוינהייטען; דאָס איז דער סאַמע ערגסטער גלות, וועגען וועלכען עס ווערט געזאָגט: „והרבה עמו פדות"...

(רבי שלום רוקח מבעלז)

○

לא נכון לעשות כן... הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו. (ח. כב.)

ווי קומט צו משה'ן אַזאַ שוואַכער בטחון? — נאָר דער פשט איז אַזוי: „הן" — אמת — „נזבח את תועבת מצרים לעיניהם ולא יסקלונו" — כ'בין פולקאָם זיכער. אַז קוים איז אַזוי דער רצון פון השי"ת, האָבען מיר

נישט פאַרוואָס מורא צו האָבען, וועט אונז קיין שום שלעכטס נישט געשעהן; אָבער — „לא נכון לעשות כן" — עס פּאַסט דאָך נישט, עס איז נישט אָנשטענדיג און דאָס הארץ לאָזט נישט צו נעהמען זייערע געטער און צו שעכטען זיי פאַר זיי אין די אויגען...

(חתם-סופר)

O

והנה לא מת ממקנה ישראל עד-אחד ויכבד לב פרעה... (ט. ז.)

וואָרום קוים זענען די „מקנה ישראל" גאַנץ געבליבען, האָט ער שוין קיין זאָרג נישט, וועט ער זיך אָבנעהמען דעם שאָדען ביי אידען — רעקווי-זירען די אידישע בהמות...

(רבי אביש פראַנקפורטער)

O

כי בפעם הזאת אני שולח את-כל-מגפותי... (ט. יד.)

דערויף זאָגט רש"י: „למדנו מכאן שמכת-בכורות שקולה כנגד כל המכות"...

ווי קומט דאָ אָהער „מכת-בכורות", דאָ רעדט זיך דאָך גאָר פון „ברד"? — עס איז אַן אַלטע וועלט-קשיא, אויף וועלכער עס זענען שוין אָהן אַ שיעור תירוצים געשריבען געוואָרען. ווי עס ווייזט אָבער אויס, איז דאָ פּשוט דער הבחור הזעצער נכשל געוואָרען אין אַ טעות; אינ'ם כתב-יד, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך, איז געווען געשריבען מיט ראשי-תיבות: „מכאן שמ"ב קשה מכולן", האָט ער זיך טועה געווען און אָנשטאָט „שמכת ברד", האָט ער אויסגעזעצט „שמכת בכורות" — און אינ'ם דאָזיגען נוסח האָבען זיך שוין נאָכדעם געהאַלטען אַלע שפּעטערדיגע מדפּיסים

O

ויך הברד בכל ארץ מצרים... (ט. כה.)

די ווערטער פון אבן-עזרא אויפן דאָזיגען פסוק: „זאת היתה מכה קשה שהרג אָדם ובהמה ושבר עץ השדה רק שהשם חמל עליהם ועל מקניהם" — זענען אין פלוג אונפערשטענדליך. וואָס בעדייטען די ווערטער „רק שהשם חמל עליהם", וועלכע זענען דאָך אין סתירה צו די פריהער-דיגע ווערטער? — מען דאַרף דעריבער אָננעהמען, אַז פונ'ם וואָרט „רק"

הויבט-זיך-אָן אַ בעזונדערער זאַץ, אַלס התחלה פונ׳ם ווייטערדיגען פסוק — „רק בארץ גושן וכו׳״.

(ר׳ שמחה לעדערמאַן)

○

ד׳ הצדיק ואני ועמי הרשעים. (ט. כז.)

דערויף האָט רבי יהושע׳לע אָסטראָווער געזאָגט בדרך-הלצה: ווי געשיקט זיך עס, אַז פּרעה דער בעל־גאוה זאָל וועגען זיך אַליין מודה זיין, אַז ער איז אַ רשע?... נאָר דער טייטש איז: „ד׳ הצדיק״, גאָט איז דער צדיק, „ואני״, און איך בין אויך אַ צדיק — „ועמי הרשעים״, בלויז מיין פאָלק זענען רשעים...

בא

ולמען תספר באזני בנך... וידעתם כי אני ד׳. (י. ב)

אויב איהר ווילט איינפלאנצען אין אייערע קינדער אמונה — „וידעתם כי אני ד׳״, מוזט איהר פריהער אליין זיין מאמינים...

(רבי יהושע רוקח)

O

בנערינו ובזקנינו נלך... (י. ט.)

פריהער דארף מען ראטעווען און ארויסשלעפען פון די שערי-טומאה פון גלות-מצרים, די „נערינו״, די יוגענד, ווייל אויף זיי לאקערט א גרע-סערע געפאהר צו ווערען מיטגעריסען מיט׳ן מצרי׳שען שטראם; ערשט נאך זיי דארפען געהן די „זקנינו״, דער עלטערער דור, מיט וועלכען מען איז זיכערער, הע׳כער איז טיעף איינגעווארצעלט אין אידישקייט...

(ספר הדרוש)

O

ויסר מעלי רק את המות הזה. (י. יז.)

די פריהערדיגע מכות, ווי „כנים״ און „ברד״, זענען דאך פיעל האר-בערע און שווערערע געווען, טא הלמאי האט פרעה אזוי אויסטערליש געציטערט און איז געפאלען פון די הענד דוקא ביי דער מכה פון „ארבה״? — ענטפערט מען דערויף בדרך-הלצה: אויפ׳ן פסוק „וינח בכל גבול מצרים״ זאגט דער בעל-הטורים: דא שטעהט דאס ווארט „וינח״, און אין א צווייטען פסוק שטעהט „וינח ביום השביעי״ — „מלמד שנח בשבת״, איז דערפון, הייסט עס, געדרונגען, אז דער היישעריק איז נישט טעטיג געווען אום שבת... און דערפאר האט זיך עס פרעה אזוי דערשראקען: א פרומע מכה גאר? א מכה, וואס איז אום שבת נישט טעטיג! א, מיט אזא

מכה איז א מורא אנציהויבען; א פרומע מכה — דאס, רחמנא ליצלן, איז איינס פון די געפערליכסטע זאכען...

O

לא ראו איש את אחיו ולא קמו איש מתחתיו... (י. כג.)

ווען עס איז „לא ראו איש את אחיו", ווען עס הערשט ביי אידען פירוד און שנאה, און איין איד קאן דעם צווייטען נישט אנקוקען — איז „ולא קמו איש מתחתיו", איז דאס גורם, אז מיר זאלען זיך נישט קאנען פון ארט ריהרען...

(חדושי הרי"ם)

O

גרש יגרש אתכם... וישאלו איש מאת רעהו... (יא. א.)

דער דין איז, אז אויב דער פועל איז חוזר און ער ווארפט די ארבייט פאר דער באשטימטער צייט, קומט איהם נישט צו בעצאהלען קיין ארבייטס-לוין; אויב אבער דער בעל-הבית איז חוזר, מוז ער איהם דאן בעצאהלען פאר דער גאנצער צייט... דאסמאל וועט פרעה חוזר-זיין: „כלה גרש יגרש אתכם" (דער גירוש וועט זיין פאר'ן בעשטימטען טערמין פון „ארבע מאות שנה") — און דעריבער „דבר-נא באזני העם וישאלו וכו' כלי-כסף וכלי-זהב", דעו עס קומט אייך על-פי דין...

(רבי יאשע-בער בריסקער

O

דבר-נא באזני העם... (יא. ב.)

אפילו צו נעהמען געלד, קיום איז עס א מצוה, א בעפעהל, טהוט עס שוין דער מענש אהן חשק, און מען מוז אים איינרעדען, בעטען — „דבר-נא באזני העם וישאלו"...

(ספר הדרוש)

„דבר-נא באזני העם... כדי שלא יאמר אותו צדיק אברהם ועבדום וענו אותם קיים בהם, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם"... (רש"י)

„עם" מיינט מען דעם פשוט'ן המון, די ארימע שיכטען פון פאלק. די דארף מען אממעהרסטען אויפמערקזאם מאכען אויפ'ן „וישאלו כלי-כסף וכלי-זהב", וואָרום צום „ועבדום וענו אותם", צו ארבייטען און געפייניגט צו ווערען, איז „קיים בהם", זענען זיי געווען די ערשטע, האבען זיי גע-

ליטען מעהר פון אנדערע, דען די נגידים האבען זיך זיכער ארויסגעדרעהט פון די אלע זאכען, ווי דער שטייגער איז... דאגעגען ביים „ויצאו ברכוש גדול" איז „לא קיים בהם", דען דא וועלען די נגידים זיין די ערשטע, ווארום דעם נגיד וועט מען נישט אבזאגען, דעם נגיד וועט מען גיכער לייהען... אין דעריבער: „דבר־נא באזני העם" — זאג דעם המון, די ארי־מעלייט — „וישאלו וכו' כלי־כסף וכלי־זהב", זיי זאלען זיך צואיילען און נישט ווארטען אויף קיין יושר; אנדערש—וועט פאר זיי גארנישט בלייבען!...

(ספר הדרוש)

„כדי שלא יאמר אותו צדיק"... בעסער וואלט געווען, כ'זאל זיי ארויסנעהמען פון מצרים אהן דעם „רכוש גדול", דען באמת איז דאסדא־זיגע גאלד־און־זילבער א שעדליכע זאך פאר אידען און קיין גוטס וועט דערפון נישט ארויסקומען; פון דעם גאלד־און־זילבער וועלען זיי שפעטער מאכען אן'עגל... כ'מוז עס אבער טהון — „כדי שלא יאמר אותו צדיק" וכו'...

(זרע ברך)

וישאלו איש מאת רעהו...

דאס ווארט „וישאלו" איז דא נישט טייטש בארגען, נאר בעטען, ווי: „חיים שאל ממך", „אחת שאלתי מאת ד'", „שאל ממני ואתנה גוים נחלתך" א. א. די אידען האבען די כלי־כסף וכלי־זהב ביי די מצריים נישט געבארגט, נאר געבעטען אלס מתנה — וממילא איז עס שוין נישט געווען קיין רמאות און גזל...

(רשב"ם)

„וישאלו איש מאת רעהו"... „איש מאת רעהו" מיינט מען — איין איד ביים צווייטען. דאס איז אן'אנזאג אויף שפעטער, לדורות: שטענדיג, ווען און וואו אידען זאלען זיך נישט געפינען, זאלען זיי זיך געגענזייטיג שטיצען און עוסק זיין אין גמילות־חסדים...

(רבי יוסף קארלינער)

○

ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו... (יא. ז.)

בשעת א נאטור־קאטאסטראפע, אדער עפידעמיע, זענען די בעלי־חיים און בעזונדערס די הינט די ערשטע, וועלכע דערפיהלען די דערנעהנטע־רונג פונ'ם אומגליק און זיי הויבען דאן אן מורא'דיג צו בילען; און דע־ריבער איז ביי דער געפעהרליכסטער פון אלע מכות, ביי דער מכת־בכורות,

געווען „לא יחרץ כלב לשונו", כדי מען זאָל נישט זאָגען, אז עס איז גע־חען א נאַטירליכער עפידעמיע־אויסברוך, והראַיה: די הינט האָבען עס דער־שפירט און בעצייטענס געגומען בילען...

(קול אומר קרא)

O

החדש הזה לכם ראש חדשים... (יב. ב.)

פאַרוואָס הייסט דער חודש ניסן „ראש חדשים"? — ווייל דערדאָזי־גער חודש מיט זיינע שווערע פסח־הכנות פערשאַפט אידען זעהר פיעל דאגות און צער, און — „כל המיצר לישראל נעשה ראש"...

(א פאָלקס־ווערטעל)

O

והיה הדם לכם לאות... (יב. יג.)

דער זין פון קרבן־פסח איז געווען, צו פערשטאַרקען ביי אידען אין דער העכסטער מאָס דאָס געפיהל פון חירות, צו ווייזען די מצריים, אַז זיי האָבען אַבסאָלוט מעהר פאַר זיי קיין מורא נישט. די אידען זענען דעריבער אויפגעפאָדערט געוואָרען אויסצופיהרען די פאָלגענדע דריי זאַכען: ערשטענס, אַוועקשטעלען זיך בפרהסיא און שעכטען די שאָף, וועלכע זענען ביי די מצריים פערהייליגט און פערגעטערט; צווייטענס, נישט קאָכען דאָס פלייש, נאָר דוקא בראָטען, „צלי אש", פון וועלכען דער שאַרפער ריח זאָל זיך פונאַנדערטראָגען און אַריינדרינגען אין אַלע מצרי'שע הייזער; דריטענס, נעהמען דאָס בלוט פון די געשאָכטענע הייליגטימער און דעמאָנסטראַטיוו פונאַנדערשמירען עס איבער אַלע טהירען און איינגאַנגען — אָט די אַלע זאַכען, איבערהויפט דאָס לעצטע, וואָס האָט אַממעהרסטען געדאַרפט רייצען די מצריים, האָט געזאָלט דיענען „לאות", אַלס צייכען פון אונגעוועהנליכען מוט און דרייסטקייט, אַלס בעוויז אויף זייער טיעפען גלויבען און אויף זייער גרייטקייט צו מסירת־נפש...

(בינה לעתים)

אין איינער פון זיינע תשובות דערצעהלט דער רשב"א, אַז אַ געווי־סער פילאָזאָף האָט איהם אמאָל געפרעגט: וועגען צווייטען בית־המקדש ווערט געזאָגט אין חגי: „גדול יהיה כבוד הבית האחרון מן הראשון"; אויב זשע דאָס צווייטע בית־המקדש ווערט אָנגערופען „אחרון", הייסט דאָך עס, אַז אידען האָבען מעהר נישט צו האָפען אויף אַ דריטער גאולה און מעהר קיין בית־המקדש וועלען זיי נישט האָבען?... דערויף האָט איהם דער רשב"א

געגנטספערט, אַז דאָס וואָרט „אַחרון" בעדייט נישט „דאָס לעצטע", נאָר — „דאָס שפּעטערע"; אַ ראיה פון פסוק אין שמות: „והיה אם לא יאמינו... לקול האות הראשון והאמינו לקול האות האחרון, והיה אם לא יאמינו גם וכו'... ולקחת ממי היאור... והיו לדם" — זעהט מען דאָך, אַז „אחרון" איז נישט טייטש „דער לעצטער", דען נאָכ'ן „אחרון" קומט ערשט די מכּה פון דם...

דערדאָזיגער ענטפער — בעמערקט דערויף דער גאון רבי יהושע הורוויץ — איז טאַקע בפירוש מרומז אין פסוק: „והיה הדם לכם לאות על הבתים"... דער אות פון „דם", וועלכער שטעהט נאָכן וואָרט „אחרון", איז אַ צייכען „על הבתים", אויפן בנין פון דריטען בית-המקדש, אַז פּונקט ווי דער „אחרון" ביי דער מכּה פון דם, אַזוי אויך דער „אחרון" אינ'ם פסוק „גדול יהיה כבוד הבית האחרון", איז נישט טייטש — דער לעצטער...

○

ולא יתן המשחית לבא אל בתיכם לנגוף. (יב. כג)

אין פּלוג איז עס דאָך אַ סתירה צו די ווערטער פון'ם בעל-הגדה און בעלי-המדרש, וועלכע זאָגען: „אני ולא מלאך, אני ולא שליח"?... נאָר דער פשט איז, אַז כּדי די מצריים זאָלען נישט זאָגען, אַז אויך די אידען שטאַרבען פון דער מגפה, ווען אין דערדאָזיגער נאַכט אַפילו דער געוועהנליכער, נאַטירליכער „משחית", דער טאָג-טעגליכער מלאך-המות, אויף די אידען קיין שליטה נישט האָבען...

(ווילנער גאון)

○

והיה כי-יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם. (יב. כו)

לויט'ן דרש, איז דאָס די שאלה פון רשע. פרעגט זיך: פאַרוואָס ביי די איבעריגע בנים שטעהט „כי-ישאלך", און ביים רשע — „כי-יאמרו"? ווייל אַזוי איז שוין דער שטייגער פון'ם רשע: נישטאָ ביי איהם קיין שאלות און קיין ספקות; ער פרעגט נישט, נאָר ער זאָגט, מיט אַ טאָן פון זיכערקייט, פון אַ מורה-דרך, וואָס לערענט און דיקטירט...

(הדרש והעיון)

○

ויקוד העם וישתחוו. (יב. כז.)

„על בשורת הבנים שיהי׳ להם"... (רש"י)

ווי קומט דאָ אהער „בשורת הבנים" און וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס? — נאָר די בעלי-המדרש האָבען זיך געשטעלט אויפ׳ן פריהערדיגען פסוק: „והיה כי יאמרו אליכם בניכם", וועלכער בעציהט זיך אויף דער שאלה פון רשע. איז דאָך אַ קשיא: „והיה" — האָבען מיר דאָך אומעטום אַ כלל — איז אַ לשון-של-שמחה, טאָ וואָס איז עס פאַר אַ שמחה מיט׳ן רשע?... דערויף קומט דער ענטפער: „על בשורת הבנים" — מען האָט זיי ערקלערט, אַז אַפילו פון אַ רשע דאַרף מען זיך אויך נישט מייאש זיין, דען הגם ער אַליין איז שלעכט, קאָן ער אָבער האָבען גוטע קינדער, גוטע אייניקלעך... און דעריבער—„ויקוד העם וישתחוו"...

(חתם-סופר)

○

ומושב בני ישראל... שלשים שנה וארבע מאות שנה. (יב. מ.)

די 430 יאָהר רעכענען זיך פונ׳ם „ברית בין הבתרים", דער שעבוד גופא אָבער איז נגזר געוואָרען אויף 400 יאָהר — „ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה". אַ פאַרוואָס האָט דער שעבוד אין מצרים געדויערט נישט מעהר ווי 210 יאָהר, מיט 190 יאָהר וועניגער? — ענטפערט דערויף דער מדרש, אַז השי"ת האָט צו דעם חשבון מצרף געווען די נעכט, וואָס די מצריים האָבען געאַרבייט מיט די אידען.

און דאָס, קאָן מען זאָגען, איז די כונה פונ׳ם פסוק אין תהלים: „קץ שם לחשך" — „ק"ץ", די 190 יאָהר, זענען אַראָבגערעכענט געוואָרען צוליעב׳ן „חשך", צוליעב די נעכט..

(רבי ר׳ העשעל)

○

ומלחמה אותו אַז יאכל בו. (יב. מג.)

דעריבער האָט מען זיי געהייסען, זיי זאָלען זיך מל זיין פאַר׳ן אַרויסגעהן פון מצרים, כדי זיי זאָלען זיך נישט סומך זיין אויף זייערע אייגענע כחות. דוקא פערשלאַפטע, אָבגעשוואַכטע, זאָלען זיי זיך לאָזען אויף דעם געפעהרליכען מדבר-וועג, בעווייזענדיג דערמיט זייער אמונה און בטחון אינ׳ם אויבערשטען...

(קטורת סמים)

○

תורה אחת יהיה לאזרח ולגר... (יב. מט.)

עס זענען פאַראַן דריי קאַטעגאָריעס גרים. אַ גר, וועלכער איז זיך מגייר צוליעב אַ פרוי — וועגען אַזעלכען איז געזאָגט געוואָרען: „לגר אשר בשעריך תתננה", אַזאַ גר פערדיענט, מען זאָל איהם אָוועקשענקען די נבילות... אַ צווייטער, וועלכער איז זיך מגייר צוליעב פּרנסה — וועגען אַזעלכען ווערט געזאָגט: „ובקצרכם את קציר", בעת מען שניידט די תבואה אויפ'ן פעלד, זאָל מען אויך דעמדאָזיגען גר אין זינען האָבען... און אַזעל-כער, וועלכער איז זיך מגייר לשם שמים, צוליעב איבערצייגונג — דאָס איז דער אמת'ער גר, און וועגען איהם זאָגט די תורה: „הקהל! חוקה אחת לגר ולאזרח"... — „תורה אַחת יהיה לאזרח ולגר!"...

(אליהו זוטא)

○

קדש לי... וכל פּטר חמור תפדה בשה... (יג. ב.)

דער חמור האָט צוויי סימני טומאה (ער איז נישט „מעלה גרה" און נישט „מפריס פרסה"); ביי איהם איז די טומאָה פיעל בולט'ער, ווי ביים חזיר, אָדער גמל, ביי וועלכע עס איז פאַראַן איין סימן טהרה, — און דאָך איז דער חמור אין כּלל פון „קדש לי"... דען אַזעלכען, וואָס זיין טומאָה איז עפענטליך, איז אָפט לייכטער מקרב צו זיין צו דער קדושה, איידער אַ פערשטעלטען טמא'ניק, וועלכער טראָגט-זיך-אַרום מיט זיין כּלומר-שטען סימן-טהרה...

(ילקוט מרגליות)

○

ולא יראה לך שאור... (יג. ז.)

„שלך אי אתה רואה, אבל אתה רואה של אחרים ושל גבוה" (פסחים).

דיינע פעהלערן וועסטו קיינמאָל נישט זעהן, דאַגעגען וועסטו אָבער שטענדיג זעהן די פעהלערן פון אַנדערע, און איבערהויפּט „ושל גבוה", פון די, וואָס שטעהען העכער פון דיר...

(תולדות יעקב-יוסף)

○

והיה כי-ישאלך בנך מחר לאמר מה-זאת... (יג. יד.)

לויט'ן דרש, געהערט דידאָזיגע שאלה צום דריטען פון די ארבעה בנים — צום „תם", און די פראַגע פון „מה-זאת" בעציהט זיך אויף דער

מצוה פון „פדיון". פאַרוואָס — פרעגט ער — דאַרף מען יעדען „בכור בהמה" אָוועקשענקען דעם כהן, און דער „בכור אָדם" ווערט אויסגעלייזט מיט געלד?...

ווארום בשעת עס האַנדעלט זיך וועגען עפּעס אָוועקשענקען און בשעת עס קומט צו געלד געבען — דאַמאָלס ווערט אויך דער תם אַ גאַנצער חכם...

(לויט'ן כלי-יקר)

בְּשַׁלַּח

ויהי בשלח פרעה... ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים... (יג. יז.)

„מי צוח ויז (וַי—הַי) — משה שֶׂהוּ וי״... (מדרש)

געשריען האָט משה „וַי״ אויפ׳ן „ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים״, ווייל אויב מען וואָלט די אידען נישט געפיהרט דורכ׳ן „דרך המדבר״, נאָר דורך אַ ישוב, וואָלט דאָך דאַן נישט געווען קיין פראַגע וועגען וואַסער און עס וואָלט נישט געקומען צום חטא פון מי-מריבה, צוליעב וואָס משה איז געשטראָפט געוואָרען נישט אַריינצוקומען אין ארץ-ישראל...

(כתב סופר)

„ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים״... אַ מלך האָט געהאַט אַ זוהן, וועמען ער האָט געוואָלט אַוועקשענקען אַ טייל פון זיינע גיטער. האָט ער זיך געטראַכט: אויב כ׳זאָל עס איהם שוין איצט געבען, וועט ער נישט וויסען ווי זיך דערמיט אומצוגעהן, דען ער איז נאָך נישט-דערוואַקסען און נישט-געלערנט; נאָר זאָל ער זיך פריהער אויסלערנען לייענען און שרייבען, זאָל ער זיך פריהער ערווערבען די נויטיגע קענטעניסען, און ערשט דאַן וועל איך איהם קאָנען אָנטרויען דאָס פערמעגען... דאָסזעלבע האָט גאָט געזאָגט וועגען די אידען: פריהער מוזען זיי זיך פאַרבערייטען און האָבען אַ תורה, און ערשט נאָכדעם וועל איך זיי אַריינפיהרען אין ארץ-ישראל...

(מדרש רבה)

„ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא״... „כי קרוב הוא״ — עס איז צו-נאָהענט, צו-שנעל, און עס איז נישט אין דער טבע פון מענש, וועלכער איז ערצויגען געוואָרען אויף קנעכטשאַפט, אויף עבודות

פון חומר ולבנים, צו קאָנען מאַמענטאַל זיך פערוואַנדלען אין אַ גבור, אין אַ העלדישען קעמפער... עס איז דעריבער געווען דער רצון פון השי״ת, זיי זאָלען וואַנדלען פיערציג יאָהר אין מדבר, וואו דאָס שווערע לעבען זאָל זיי פערהאַרטעווען און אָנזאַפּען מיט גבורה, און עס זאָל געבוירען ווערען פון זיי אַ דור, וועלכער זאָל נישט געוואוינט זיין צו קיין שפלות און עבדות...

(מורה נבוכים)

○

כי אָמר אלקים פן ינחם העם... (יג. יז.)

ווירקען ווירקט שטענדיג אויפ׳ן מענש דער לעצטער איינדרוק; אויב דער לעצטער איינדרוק איז אַ גוטער, פערגעסט ער דאָס פריהערדיגע, דאָס שלעכטע. אויך דער לעצטער מאָמענט אין מצרים האָט אויף זיי אַ גאַנץ גוטען רושם איבערגעלאָזען: פרעה איז געווען צו זיי אַזוי ווייך, אַזוי ליעבּ־האַרציג, ער האָט זיך אַזוי פיין געזעגענט מיט זיי („וברכתם גם אותי״), די מצריים האָבען זיי מיטגעגעבען אויפ׳ן וועג „כלי־כסף וכלי־זהב״... און דעריבער — „פן ינחם העם״...

(שער בת־רבים)

○

ויקח משה את עצמות יוסף עמו... (יג. יט.)

יוסף, ווייל ער האָט זיך נישט געשעמט מיט זיין לאַנד, ערקלערענ־דיג עפענטליך: „כי גונב גונבתי מארץ העברים״ — האָט ער זוכה געווען בעגראָבען צו ווערען אין ארץ־ישראל; משה, ווייל ער האָט געלייקענט אין זיין לאַנד, שווייגענדיג, בעת מען האָט געזאָגט אויף איהם: „איש מצרי הצילנו מיד הרועים״ — האָט ער דעריבער נישט זוכה געווען צו ווערען בעגראָבען אין ארץ־ישראל...

(מדרש)

משה האָט גענומען די עצמות־יוסף „ע מ ו״ — מיט זיך, זיי זאָלען איהם דיענען אַלס סימבאָל, אַלס שטענדיגער ביישפּיעל אין זיין בעציהונג צו די אידען: אויסצושטעהן זייערע קאַפּריזען, איבערצוטראָגען זייערע רכילות און לשון־הרע און — ווי יוסף — אָבצוצאָהלען זיי מיט טובות פאַר רעות...

(ספר הדרוש)

○

והנה מצרים נוסע אחריהם... (יד. י.)

דערויף מאַכט רש״י: „כאיש אחד, בלב אחד״, ווי איין מענש, מיט איין הארץ... פונוואַנען נעהמט זיך צו די מצריים אַזאַ זעלטענע אחדות? — אַט דאָס איז דער רעזולטאַט פון גלות: דער גוי נעהמט-צו ביים איד דאָס בעסטע, וואָס ער פערמאָגט... די מדות, מיט וועלכע די אידען דאַרפען זיך אויסצייכענען, געהען אַריבער צו די גוים...

(רבי יצחק-מאיר מגור)

O

ויצעקו בני־ישראל... (יד. י.)

די אידען — זאָגט דערויף דער מדרש — האָבען זיך דאַן צוטיילט אין פיער כתות. איין כתה האָט געזאָגט: „נפול לים״, לאָמיר זיך אָבזאָגען פון די אַלע חלומות און אוטאָפיעס און לאָמיר זיך אַריינוואַרפען אין אַל-געמיינעם ים און זיך אַסימילירען צווישען די פעלקער. די צווייטע כתה האָט געזאָגט: „נשוב למצרים״, מיר זענען בעשאַפען געוואָרען צו עבדות, אונזער בערוף איז צו זיין קנעכט ביי די מצריים און מיר מוזען זיך אונ-טערגעבען דעם גורל. די דריטע כתה האָט געזאָגט: „נעשה מלחמה״, מיט דער שווערד אין האַנד מוזען מיר, פונקט ווי אַלע אַנדערע פעלקער, אויס-קעמפען אונזער פרייהייט. די פיערטע כתה האָט געזאָגט: „נצווח כנגדן״, לאָמיר אויפהויבען אַ פראָטעסט-געשריי, לאָמיר אַפּעלירען צום געוויסען פון דער וועלט — די וועלט וועט געוויס נישט שווייגען, זי וועט זיך געוויס אָננעהמען פאַר אונזער עוולה... דערויף איז געקומען דער ענטפער: די אַלע מיטלען וועלען נישט העלפען; דאָס זיכערסטע און ווירקזאַמסטע מיטעל איז — „ד׳ ילחם לכם, ואתם תחרישון״...

(מנחת שי)

O

התיצבו וראו את ישועת ד׳... (יד. יג.)

דער דור-המדבר, כאָטש ער איז בעשטאַנען פון זעקס הונדערט טוי-זענד נפשות, איז נישט פעהיג געווען צו קעמפען מיט זיינע פיינד און זיך זעלבסט צו פערטיידיגען, זייענדיג דורך-און-דורך פערשקלאַפט, געוואוינט צו עבדות און אונטערדריקונג... דאָסזעלבע זעהען מיר אויך ביי מלחמת עמלק, כאָטש די אַנפאַלער זענען בעשטאַנען פון לערך אַ גאַנץ קליינער מחנה... און דעריבער איז געווען דער רצון פון השי״ת, אַז די אַלע זכרים, וואָס זענען אַרויס פון מצרים, זאָלען אויסשטאַרבען אין וועג, וויל זיי וועלען

נישט אימשטאַנד זיין מלחמה צו האַלטען מיט די כנענים, און אַריינקומען זאָל אין לאַנד דער פרישער דור, וועלכער האָט דעם גלות נישט געזעהן און איז בעשאָנקען געוועז מיט אַ שטאַרקערען גייסט..„

(אבן-עזרא)

O

לא תוסיפו לראותם עוד עד-עולם. (יד. יג.)

רבי ברוך עפשטיין, דער מחבר פון „מקור ברוך", דערצעהלט אין זיין ספר: ער איז אַמאָל געזעסען ביי רבי הערש-לייב וואָלאָזשינער צוזאַמען מיט אַ חברותא פון בעריהמטע תלמידי-חכמים. פּלוצים עפענט זיך די טהיר און עס קומט אַריין אַ מגושמ'דיגער איד, אַ קצב, וועלכער ווענדעט זיך צו רבי הערש-לייב'ן מיט אַ שאלה. וואָס איז? מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט ער געהאַנדעלט מיט אַ שותף, אויך אַ קצב. בינתים איז אויסגעבראָכען צווישען זיי אַ סכסוך, ער האָט זיך מיט יענעם שטאַרק צוקריעגט, און פון גרויס כעס האָט ער אַרויסגעכאַפּט זיך און געשוואוירען, אַז ער וועט קיינמאָל מעהר יענעמס פרצוף נישט אָנקוקען — און פון דאַמאָלס אָן זענען זיי געוואָרען צווישען זיך דם-שונאים... זיין שבועה האָט ער שטאַרק געהאַלטען: ער האָט אויסגעמיטען צו בעגעגענען זיך מיט איהם, אויפגעהערט צו דאַוונען מיט איהם אין איין קלויז; און אַז ער פלעגט איהם זעהן אויפ'ן גאַס, פלעגט ער אַריבערלויפען אויף דער צווייטער זייט, בכדי נישט אָנצוקוקען זיין פנים... אַזוי זענען אַריבער עטליכע יאָהר. ויהי היום, דערוויסט ער זיך פּלוצים, אַז דערדאָזיגער געוועזענער שותף זיינער איז געשטאָרבען. די טרויעריגע בשורה האָט אויף איהם אַ שווערען רושם געמאַכט. אָנשטאָט דער שנאָה, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געפיהלט צו איהם, האָט זיך אין זיין הארצען דערוועקט אַ געפיהל פון חרטה, ער וואָלט וועלען דעם נפטר מחילה בעטען און זיין ביי דער קבורה, אַנדערש וועט ער קיין רוה נישט האָבען... פון דער צווייטער זייט איז ער דאָך אָבער געבונדען מיט דער שבועה, וואָס ער האָט געגעבען, אַז ער זאָל איהם קיינמאָל מעהר נישט אָנקוקען... וואָס-זשע זאָל ער דאָ טהון? זאָל דער רבי פסק'ענען...

דידאָזיגע שאלה האָט צווישען די תלמידי-חכמים, וואָס זענען געזעסען ביים טיש, אַרויסגערופען אַ שאַרפע שקלא-וטריא. „הללו אוסרין — והללו מתירין". עס האָט געבליצט מיט אונגעהויערע חריפות און בקיאות. יעדער האָט דערביי געשטיצט זיין מיינונג אויף פערשידענע שטעלען אין ש"ס און פוסקים, דורכגעפלאָכטען מיט שאַרפזיניגע סברות און איינפאַלען, כנהוג.

— רבותי, — האָט זיך דאָן אָנגערופען רבי ברוך עפשטיין, — לפי־דעתי זענען די אַלע פּלפולים איבריג. אין דער סדרה פון היינטיגער וואָך געפינען מיר אויף דערדאָזיגער שאלה אַ גאַנץ פּשוט'ען און קלאָרען ענטפער.

גראָד איז דאָן געווען די וואָך פון פרשת בשלח... און דער עולם האָט זיך פערוואונדערט איבערגעקוקט: אין דער היינטיגער סדרה? — האָט רבי ברוך אויפגעמישט אַ חומש און געוויזען:

— אָט האָט איהר, רבותי... עס שטעהט: „כי אשר ראיתם את מצרים היום, לא תוסיפו לראותם עוד עד־עולם"—און דעם איבערשטענס אַ הבטחה איז דאָך זיכער אַזוי חשוב, ווי אַ מענשליכע שבועה. תיכף אָבער, אין עט־ליכע פסוקים ווייטער, ווערט דערצעהלט: „וירא ישראל את מצרים מת"... און דערויף ווערט נאָך צוגעגעבען אין מדרש, אַז יעדער איינער פון די בני־ישראל האָט דערקענט אין די פנים'ער פון די מתים זיין „נוגש ולוחץ" פון מצרים; איז דאָך עס אין פלוג אַ שאַרפע סתירה צום פריהערדיגען פסוק: „לא תוסיפו לראותם עוד עד־עולם"?.. פון דאַנען איז, אַלזאָ, אַ בפירוש'ער בעוויז, אַז דער אויסדרוק „ראה" — זעהן — איז נאָר חל ביים לעבען, אָבער נישט נאָכ'ן טויט...

בעמערקונג פונ'ם זאַמלער:

דידאָזיגע ערקלערונג, אַז דער „לא תוסיפו לראותם" ווערט געמיינט ביים לעבען, געפינען מיר דייטליך אין זוהר...

O

ד' ילחם לכם ואתם תחרישון. (יד, יד.)

„ד' ילחם לכם" — אָבער בתנאי — „ו א ת ם ת ח ר י ש ו ן", איהר זאָלט זיך פערהאַלטען שטיל, רוהיג, נישט אַרומקריעגען זיך, נישט פיהרען קיין מחלוקת...

(שער בת־רבים)

„ואתם תחרישון"... גאַנץ איינפאַך: איהר זאָלט נישט שרייען, כדי די מצריים זאָלען זיך נישט דערוויסען פון אייערע קולות, וואו, אויף וועלכען אָרט איהר געפינט זיך...

(רלב"ג)

O

דבר אל־בני־ישראל ויסעו. (יד. טו.)

פאַרהאַן אַ צייט — האָט גאָט געזאָגט צו משה'ן — ווען מען דאַרף מקצר זיין בתפלה, און פאַרהאַן אַ צייט, ווען מאַריך צו זיין. מיינע קינ־

דער זענען שרויים בצער. דער וועג אין דורכ'ן ים פאר זיי אבגעשלאסען און דער שונא יאגט זיי נאך, איז דען איצט א צייט אבצוגעבען זיך מיט תפלות? — „דבר אל בני-ישראל ו י ס ע ו"!...

(שמות רבה)

○

ריבקעי המים. (יד. כא.)

פארהאן א מדרש-פליאה: „הים ראה וינס — מה ראה? ברייתא דר' ישמעאל ראה"... דער זין פונ'ם דאזיגען אין פלוג אונפערשטענדליכען מדרש איז פאלגענדער:

עס איז בעקאנט דער מאמר, אז בשעת קריעת-ים-סוף האט עווא, דער שר של מצרים, זיך אוועקגעשטעלט און גע'טענה'ט: „הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה", די אידען האבען דאך געדיענט די עבודה זרה פונקט ווי די מצריים, טא מיט וואס זענען זיי בעסער פון זיי? אמת טאקע, די אידען האבען געדיענט מתוך אונס, ווערענדיג געצוואונגען דערצו, אבער ביי עבודה זרה איז דאך דער דין „יהרג ואל יעבור"? —

דערויף קומט דער ענטפער: „ברייתא דר' ישמעאל ראה" — און רבי ישמעאל האלט, אז אפילו ביי עבודה-זרה איז „יעבור ואל יהרג"...

(פנינים יקרים)

א צווייטע ערקלערונג:

אויפ'ן זעלבען פסוק „הים ראה וינס, הירדן יסוב לאחור" ווערט גע-זאגט אין מדרש-רבה, אז דערפאר שטעהט „וינס" — לשון-עבר, און „יסוב" — לשון-עתיד, ווייל די ווערטער „הירדן יסוב" געהען ארויף אויף שפעטער, אויף דער שפאלטונג פונ'ם ירדן בימי יהושע, פון וועלכען דער ים האט זיך א קל-וחומר אראבגענומען און געזאגט: מה-דאך יהושע'ן, משה'ס תלמיד, וועט דער ירדן לעתיד פאלגען, דארף איך דאך דעם רבי'ן, משה'ן זעלבסט, אודאי און אודאי פאלגען...

און דאס, אלזא, איז דער געדאנק: „ברייתא דר' ישמעאל ראה"... דען דער כלל פון „קל וחומר" ווערט אויסגערעכענט אין דער בעקאנטער ברייתא פון רבי ישמעאל, צווישען די „י"ג מדות שהתורה נדרשת בהן"...

(רבי יוסף סלוצקער)

„קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף"... (פסחים קי"ח)

פרנסה, פונקט ווי דער נס ביים ים, וואו די אידען זענען געווען

אַרומגענומען אין אַ קלעם פון אַלע זייטען, קומט אָפּט דוקא פון דער כאַמע אונגערוואַרטעטער זייט, פון וועלכער מען ריכט זיך אַמווייניגסטען...

(חדושי הרי"ם)

„קשין מזונותיו" — שווער זענען די מזונות — „של אָ ד ם" — אויב מען דאַרף נאָך די מזונות אָנקומען צו יענעם, צו אַ צווייטען מענשען..

(רבי יחיאל-מאיר מגאָסטינין)

ויסר את אופן... (יד. כה.)

צו שחרית פון יעדען יום-טוב ווערט געזאָגט דער פיוט, וועלכער רופט זיך „אופן" (ווייל מען זאָגט עס פאַר דער תפלה פון „והאופנים וחיות-הקודש"), מיט'ן אויסנאַהם פון שביעי של פסח. דער „חוות יאיר" זאָגט דערויף בדרך-הלצה, אַז דער מנהג, נישט צו זאָגען אינ'ם דאָזיגען טאָג קיין „אופן", איז מרומז אין דער תורה: ביי קריעת-ים-סוף (וואָס דאָס איז דאָך געווען אום שביעי של פסח) שטעהט בפירוש — „ו י ס ר את אופן"..

אָז ישיר משה ובני ישראל... (טו. א.)

„מכאן לתחית-המתים מן התורה"... (סנהדרין צ.)

ווען מען זעהט, ווי עס האָט געקאָנט געשעהען דאָס וואונדער און עס איז מעגליך געווען, אַז דיזעלבע אידען זאָלען זיך אַזוי גרינדליך ענדערן, אַז דער „ולא שמעו אל משה" זאָל זיך ענדיגען מיט „אָז ישיר משה ובני ישראל" — מוז מען אָנהויבען גלויבען אין תחית-המתים און האָפען, אַז אויך אונזערע „עצמות היבשות", וועלכע זענען אין פלוג, דוכט זיך, אַזוי ווייט פונ'ם גאולה-געדאַנק, וועלען סוף-כל-סוף אויפלעבען...

(הרב א. לעוויטאַן)

אין אַמעריקאַ, כידוע, זענען אידען שטאַרק פערקאָכט אין חזנות, אַלע אידען זענען דאָרט מבינים אויף זינגען...

זעהט-אויס, אַז זיי האָבען דידאָזיגע אייגענשאַפט איבערגענומען בירושה פון אונזערע עלטער-זיידעס. אויך אין מצרים האָבען אידען נישט געקאָנט דאָס מויל עפענען; אָבער ווי-נאָר זיי זענען אַריבערגעקומען אויף יענער זייט ים, איז מיט איינמאָל — „אָז ישיר משה ובני ישראל"..

(אַן אַמעריקאַנער ווערטעל)

זה אלי ואנוהו... (טו. ב.)

„זה אלי ואנוהו — התנאה לפניו במצוות, עשה לפניו סוכה נאה, לולב נאה וכו'.
אבא שאול אומר ואנוהו — הוי דומה לו, מה הוא חנון ורחום אף אתה היה חנון ורחום" (שבת)

פאראן פרומע אידען, וואס זענען מדקדק במצוות און זשאלעווען נישט קיין געלד אויף שענע תפילין, א שענע סוכה, א שענעם אתרוג; דאגעגען, ווען עס קומט צו אזעלכע מצוות. ווי צדקה און גמילת-חסדים, זענען זיי הארט, ווי די שטיינער... אבא שאול קומט דעריבער מוסיף זיין אויף די ווערטער פון ערשטען תנא: אודאי דארף מען זעהן צו האבען א שענע סוכה, א שענעם לולב א. א. וו.; אבער נאך נישט דאס איז דאס גאנצע. דער עיקר איז — „מה הוא חנון ורחום — אף אתה היה חנון ורחום"!...

(פינות-הבית)

○

וירהו ד' עץ... (טו. כה.)

„הרדיפני היה, הקב"ה ממתיק מר במר"... (מדרש)

דאס ביטערע ווערט זיס דורכ'ן ביטערן... בשעת עס איז א מענשען שלעכט, ווייזט מען איהם, אז ס'זענען פאראן אזעלכע, וועלכע עס איז נאך ערגער, נאך ביטערער פון איהם — און דאס גופא איז שוין פאר איהם א שטיקעל טרייסט...

(כתב סופר)

○

שם שם לו חק ומשפט... (טו. כה.)

דאס אונפערשטענדליכע מיטעל, אז דאס וואסער זאל ווערען זיס פונ'ם ביטערן האלץ, וואס עס איז נגד דעם שכל, האט אויף זיי געווירקט, זיי זאלען אויף זיך מקבל זיין די חוקים ומשפטים, הגם אויך זיי זענען אין א געוויסען טייל אונפערשטענדליך און נגד דעם שכל...

(רבי לייביש חריף)

○

הנני ממטיר לכם לחם... למען אנסנו הילך בתורתי... (טז. ד.)

איהר האט דאך שטענדיג א תירוץ, אז איהר קאנט נישט עוסק זיין בתורה צוליעב דאגת-פרנסה, ווייל „אם אין קמח אין תורה", — וועל איך

אויף טשעקאוועס א פראבע מאכען: „הנני ממטיר לכם לחם״... און לאמיר, אדרבה, זעהן, צי וועט איהר איצט שוין וועלען לערנען... „למען אנסנו — הילך בתורתי״...

(דברי חפץ)

○

ויצא העם ולקטו דבר־יום ביומו... (טז. ד.)

דער מענש, וועלכער האט היינט וואס צו עסען און ער געהט־ארום און דאגה'ט: וואס וועל איך עסען מארגען? — איז ער פון די שוואך־גלויביגע, מקטני־אמנה...

(תנחומא)

○

ויאמרו איש אל אחיו מן הוא... (טז. טו.)

וואס פאר א ברכה האבען אידען אין מדבר געמאכט אויפ'ן מן? עס שטעהט דאך בפירוש: „משה תקן לישראל ברכת־הזון בשעה שירד להם מן״ (ברכות מ״ח) — טא וואס פאר א ברכה איז עס געווען?

צווישען די פערשידענע מפרשים איז פארהאן וועגען דעם גאר א שטארקע חלוקי־דעות. טייל זאגען: היות ווי דער מן ווערט אנגערופען „לחם״ — „הנני ממטיר לכם לחם מן השמים״, האט מען געדארפט דערויף מאכען א „המוציא״; נישט, פערשטעהט זיך, קיין „המוציא לחם מן הארץ״, נאר — „המוציא לחם מן השמים״... אנדערע זאגען: „בורא מיני מזונות״, ווארום — „וטעמו כצפיחית בדבש״... נאך אנדערע האלטען: א „שהכל״, דען — „ועל כלם אם אמר שהכל יצא״... קומט גאר איינער און פסק'ענט: קיין שום ברכה נישט! פארוואס? ווייל דערפאר — זאגט דער רשב״א — מאכט מען נישט קיין ברכה, למשל, אויף דער מצוה פון צדקה, מחמת מען איז מיט דערדאזיגער ברכה נישט זיכער, דען דער מקבל קאן דאך אין דער לעצטער רגע חרטה האבען, אבזאגען זיך פון דער צדקה, און דאן קומט אויס, אז דער נותן האט געמאכט א ברכה לבטלה... און דאס־זעלבע איז אויך מיט'ן מן: היות ווי אינ'ם מן, ווערט געזאגט, האט מען געקאנט פיהלען אלע טעמים, וואלט דאך געקאנט פאסירען, אז נאכ'ן מאכען די ברכה זאל זיך דער בעל־דבר פלוצים מיישב זיין און חשק האבען צו פיהלען אינ'ם מן א טעם פון א גאנץ אנדער מין מאכל, איבער וועלכען מען דארף גאר אן אנדער ברכה מאכען, און דאן איז דאך די ערשטע ברכה — א ברכה לבטלה

○

שבו איש תחתיו אל יצא איש ממקומו... (טז. כט.)

„שבו איש תחתיו" — א מענש דארף זיך האלטען קלענער פון זיין ווערט, אבער על־כל־פנים כאטש „אל יצא איש ממקומו" — זאל ער זיך נישט האלטען העכער, ווי ער איז אין דער אמת'ן..

(רבי ישראל ריזשינער)

○

וירב העם עם־משה ויאמרו תנו לנו מים... (יז. ב.)

וואס פאר א חטא זענען די אידען בעגאנגען דערמיט, וואס זיי האבען געבעטען וואסער? וואס דען האבען זיי געדארפט טהון?... נאר פריהער שטעהט: „ואין מים לשתות העם וירב העם עם משה", און ערשט שפעטער, אין צווייטען פסוק, שטעהט: „ויצמא שם העם למים"... און דאס איז דער חטא געווען: די אידען האבען זיך גענומען קריגען מיט משה'ן נאך איידער זיי זענען געווען דורשטיג!...

(חדושי הרי"ם)

○

ויקרא שם המקום מסה ומריבה... ויבא עמלק... (יז. ז.)

„מסה ומריבה"... „ריב בני ישראל"... אידישע מחלוקת און ארומרייסענישען... די אלע זאכען ענדיגען זיך איבעראל און שטענדיג מיט — „ויבא עמלק"!...

(כלי יקר)

יִתְרוֹ

וישמע יתרו... (יח. א.)

„מה שמועה שמע ובא? — קריעת ים סוף ומלחמת עמלק"... (רש"י)

ריהער האָט יתרו געמיינט, אַז ער איז נישט ראוי זיך מתדבק צו זיין אין אַזאַ הייליג פאָלק, ווי די אידען זענען. ווען ער האָט אָבער גע־הערט, אַז נישט קוקענדיג דערויף, וואָס זיי האָבען געזעהן מיט זייערע אויגען אַזעלכע גרויסע נסים, ווי „קריעת ים־סוף" און „מלחמת עמלק", האָבען זיי נאָך אַלץ געצווייפעלט און אויסגעדריקט זיך: „הי"ש ד' בקרבנו", איז ער געקומען צום בעשלוס, אַז זיי האָבען זיך נישט מיט איהם וואָס צו שעמען — ער איז אַ גרעסערער מאַמין פון זיי...

(כתב סופר)

○

וישאלו איש־לרעהו לשלום... (יח. ז.)

„איני יודע מי השתחוה למי. כשהוא אומר איש לרעהו, מי הקרוי איש? זה משה, שנאמר והאיש משה..." (רש"י)

דער פשט איז נישט, ווי מען איז געוואוינט צו טייטשען, אַז פונ'ם סתם וואָרט „איש" איז געדרונגען, אַז דאָס איז משה; דען אויך יתרו ווערט דאָך אין פסוק אָנגערופען מיט'ן נאָמען „איש" — „ויואל משה לשבת את האיש"... באמת אָבער איז די ראיה נישט פונ'ם וואָרט „איש", נאָר דערפון, וואָס אויף משה'ן ווערט געזאָגט „והאיש משה עניו מאד"—און אַלס גרויסער עניו האָט ער, אַלזאָ, זיכער נישט געוואַרט, ביז יתרו וועט איהם בעגריסען, נאָר ער האָט פריהער בעגריסט יתרו'ן...

(חתם סופר)

○

ויאמר יתרו ברוך ד'... (יח. י.)

„גנאי הוא למשה וששים רבוא שלא אמרו ברוך, עד שבא יתרו ואמר ברוך ד'"...
(סנהדרין צ"ד)

איז דאך אין פלוג קשה: איז דען די שירה, וואס די אידען האבען געזאגט ביים ים, געווען א קלענערער שבח צום איבערשטען, ווי די עטליכע ווערטער פון יתרו'ן? — דער תירוץ איז: די אידען האבען געדאנקט פאר די טובות, וואס מען האט זיי זעלבסט געטהון; דאנקען אבער דעם איבערשטען פאר די טובות און חסדים, וואס מען האט געטהון יענעם — דעמדאזיגען ביישפיעל האט יתרו בעוויזען דער ערשטער...
(תפארת שלמה)

O

ויבא אהרן וכל זקני ישראל לאכל-לחם... (יח. יב.)

„ומשה היכן הלך? — אלא שהיה עומד ומשמש לפניהם..." (רש"י)

פארוואס האט טאקע משה נישט מיטגעגעסען און איז געווען בלויז א „עומד ומשמש"? — ווייל באלד אין צווייטען פסוק ווערט געזאגט: „ויהי ממחרת וישב משה וכו'", דערויף זאגט רש"י: „ממחרת יום-הכפורים"; קומט דאך אלזא אויס, אז די סעודה איז געפראוועט געווארען אום יום-כפור. די אידען האבען נאך נישט געוואוסט די בעדייטונג פונ'ם דאזיגען טאג; משה אבער האט שוין יא געוואוסט, און דעריבער האט ער נישט מיטגעגעסען...
(רבי שלום בעלזער)

O

וישב משה לשפוט את העם... (יח. יג.)

וואסערע סכסוכים האבען די אידען אין מדבר געקאנט האבען צווישען זיך, אין דער צייט, ווען זיי אליין זענען געווען פערזארגט מיט מן, און די מלבושים זענען געוואקסען מיט זיי, און זיי האבען קיין שום דאגת-פרנסה נישט געהאט און אין קיין שום מסחרים נישט עוסק געווען? — נאר דאס האט דער ערב-רב זיך ארומגעריסען איבער דער פערטיילונג פון „ביזת-מצרים" און „ביזת-הים"...
(בנין אריאל)

O

כי יהיה להם דבר בא אלי... (.. טז.)

הויבען הויבט-אן דער פסוק מיט א לשון-רבים „להם" — און ענדיגט מיט א לשון-יחיד — „בא"... דען אזוי איז שוין דער שטייגער: בשעת צוויי

מענשען האָבען צווישען זיך אַ משפט, ביי וועלכען איינער מוז דאָך, נאַטירליך, פערשפּיעלען, איז אַ צווייטען מאָל, בשעת יעדער פון די צוויי בעלי־דבר האָט עפּיס אַ פרישען ספסוך מיט עמיצען, איז דער, וועלכער האָט דעם ערשטען משפט געוואונען, קומט ער נאָכאַמאָל צום זעלבען דַיָן; יענער אָבער, וועלכער האָט דעם משפט פערשפּיעלט, בלייבט דעם דַיָן אַ שונא און ער וויל שוין דאָס צווייטע מ־ זיין שוועל נישט איבערטרעטען...

(לקוטי רצבי״א)

○

ואתה תחזה מכל־העם... יראי אלקים אנשי אמת שונאי בצע... (יח. כא.)

נאָר פּאָר אַ פערעמדען פון דרויסען האָט געפּאַסט צו קומען מיט'ן דאָזיגען פאָרשלאַג, דען ווען משה וואָלט עס געזאָגט, וואָלט מען איהם חושד געווען, אַז ער וויל זיך בעפרייען פונ'ם שווערען עול, און אויסגעזעהן וואָלט עס אויך, ווי מעשה־גאוה: מיט די לייכטערע זאַכען, הייסט ער, זאָלען זיך אַנדערע פערנעהמען, און צו איהם זאָל מען בלויז קומען מיט די שווערע, וויכטיגע ענינים... און וואָלטען די אידען דעם פאָרשלאַג געמאַכט, וואָלט מען עס געקאָנט אויסטייטשען, אַז זיי האָבען צו משה'ן נישט קיין צוטרוי, זיי ווילען זיך אויף איהם אַליין נישט פערלאָזען... דער פאָרשלאַג האָט דעריבער פּונקט געפּאַסט נאָר פּאַר יתרו'ן, אַלס זייטיגע פערזאָן...

(תולדות יצחק)

„ואתה תחזה מכל־העם"... מען דאַרף זיי זוכען צווישען פאָלק, שטאַרק זוכען... דען „יראי אלקים" און „אנשי אמת" אַנטלויפען פון כבוד, זיי האָבען נישט ליעב צו שטופּען זיך אויבענאָן...

(שער בת־רבים)

„יראי אלקים אנשי אמת"... אמת'ע יראי־אלקים, נישט קיין צבועים...

(מלאכת מחשבת)

„שונאי בצע — ששונאין את ממונם בדין"... (רש״י)

פאַרהאַן אַפּט אַזעלכע געלד־תביעות, וואו על־פּי דין איז דער תובע גערעכט, עס קומט איהם טאַקע און ער האָט דאָס רעכט ביי יענעם מוציא צו זיין געלד; דאָך על־פּי יושר איז ער מיט זיין האַנדלונג נישט אין

אָרדנונג, ווי, למשל, ביי א פאל פון „גורם בנזקין", אָדער ווען דער תּובע איז אַ רייכער און דער נתבע איז איבער דער צייט פעראָרימט געוואָרען, דען — „לא חרבה ירושלים, אלא על שהעמידו את דבריהם על דין־תורה"...

און דאָס איז די כוונה: „ששונא'ן את ממונם בדין" — זיי האָבען פיינט אַזעלכע געלדער, וועלכע עס קומט זיי בלויז על־פּי דין, אָבער נישט על־פּי יושר...

(רבי חיים־אייזיק וועסמאַן)

○

ושמת עליהם שרי אלפים שרי מאות שרי חמשים... (יח. כא.)

אויב זיי זענען אַלע גלייך אין די מדרגות, אויב אַלע פאַרמאָגען זיי די דערמאָהנטע אויסגערעכנטע מעלות, טאָ פאַרוואָס עפּיס זאָל מען איינעם געבען אַ גרעסערן כבוד און איהם בעשטימען פאַר אַ שר־אלף, דאָגעגען דעם צווייטען — פאַר אַ שר־מאה, דעם דריטען — פאַר אַ שר־חמשים, און דעם פיערטען — בלויז פאַר אַ שר־עשרה?... נאָר אויב זיי זענען ווירקליך „אנשי־אמת", וועלען זיי דערויף נישט מקפּיד זיין; עס וועט זיי לגמרי נישט פערדריסען, הלמאי יענעם גיט מען אַ גרעסער „בענקעל", און איהם אַ קלענערס...

(דגן־שמים)

○

והיה כל־הדבר הגדול יביאו אליך... (יח. כב.)

דער גרינדער פון דער אידישער קהלה אין שצוצין (נעבען גראַיעווע) איז געווען אַ געוויסער ר' חיים, פון וועלכען עס שטאַמט די בעקאַנטע שצוצינער פאַמיליע שענבערג. דערדאָזיגער ר' חיים איז, אויסער אַ בעריהמטער למדן און חכם, אויך געווען אַ גרויסער גביר, וועלכער האָט פאַר זיין געלד אויסגעבויט די גרויסע שצוצינער שוהל און פיעל אַנדערע אינסטיטוציעס. ווען די צאָהל אידישע איינוואוינער אין שצוצין האָט זיך אָנגעהויבען פערגרעסערן און מען האָט זיך געגויטיגט אין אַן אייגענעם רב, וועלכען די קהלה האָט אָבער נישט געקאָנט נעהמען אויף זיך אויסצוהאַלטען, איז אַלס רב (שלא על־מנת לקבל פרס, פערשטעהט זיך) בעשטימט געוואָרען דער דערמאָהנטער ר' חיים, וועלכער האָט דאַן בעקומען דעם טיטול „ר' חיים מגיד". אין יענער צייט האָבען עקזיסטירט אין פוילען „רבני הגליל", ראַיאָן־רבנים, וועלכע האָבען געהאַט צו שאַפען איבער די רבנים פון די קלענערע שטעדטלעך. שצוצין איז געווען נכנע אונטער'ן רב־

הגליל פון טיקטין. איינע פון די תקנות־הגליל איז געווען, אז די רבנים פון די קליינע שטעדטלעך טארען זיך נישט פערנעהמען מיט קיין דיני־תורות, אויב עס האנדעלט זיך וועגען א סומע פון העכער פיער הונדערט גילדען. נו, איז אבער ר׳ חיים א שטיקעל תקיף ביי זיך — און ויהי היום, האט ער עובר געווען אויף דער תקנה און גע׳פסק׳ענט א דין־תורה פון אכט הונדערט גילדען... האט מען עס אבגעטראגען צום טיקטינער רב־הגליל, וועלכער האט מיטן כח פון געזעץ אויפגעפאדערט דעם רב פון שצוצין, ער זאל קומען פאר איהם אבגעבען אנ׳ערקלערונג. איז ר׳ חיים געפאהרען אהין. אויסהערענדיג די שטרענגע פארוואורפען פונ׳ם טיקטינער רב, פון וואס ער האט זיך געפיהלט שטארק בעליידיגט, רופט ער זיך אן צו איהם:

— זייט־זשע־מוחל, טיקטינער רב! כל־ימי פלעג איך זיך מאטערן צו פערשטעהן דעם אונטערשיעד אין די פסוקים, פארוואס יתרו האט געזאגט צו משה׳ן: „והיה כל הדבר הגדול יביאו אליך״, דאגעגען משה, בעשטימענדיג די שופטים, האט ער משנה געווען און געזאגט: „כל הדבר הקשה יביאון אלי״?... איצט אבער איז מיר שוין פערשטענדליך: יתרו, אלס „כהן מדין״, האט געוואלט איינפיהרען, אז פאר די קליינע רבנים, די „שרי אלפים״ און „שרי מאות״, זאל מען איבערלאזען די גראשענדיגע דיני־תורות, דאגעגען „כל הדבר הגדול״, אויב עס וועט זיך האנדלען אין עטליכע טויזענד גילדען, זאל מען עס ברענגען זיין איידעם, ר׳ משה׳לען, מחמת אויסער כבוד קאן דערפון בלייבען נאך עפיס... משה אבער האט געזאגט: ניין, „כל הדבר הקשה״, דער עיקר איז די הארבקייט פון דער שאלה, אלץ איינס, וועגען וויפיעל עס זאל זיך נישט האנדלען, „דין פרוטה כדין מאה״... איהר, זעה איך, טיקטינער רב, האלט פון יתרו׳ן, איך אבער האלט מיט משה רבינו׳ן! — האט ער אויסגעשריען און איז אוועק ביין, דערלאנגענדיג א קלאפ מיט דער טהיר...

○

שרי מאות שרי חמשים ושרי עשרות. (יח כה.)

אידען האבען פון שטענדיג־אן א בעזונדערע שוואכקייט צו משפטים און דיני־תורות. אזש „שרי עשרות״ האט מען געדארפט בעשטימען; יעדער צעהנטער איד איז, הייסט עס, געווען א דין... און דאס אין א צייט, ווען זיי האבען קיין שום נחלאות נישט פערמאגט, קיין שום משא־ומתן נישט געפיהרט, און מן איז געפאלען פון הימעל!...

(ספר הדרוש)

○

וישלח משה את חותנו וילך לו אל ארצו. (יח. כז.)

„לגייר בני משפחתו"... (רש"י)

אונז דארפסטו מעהר נישט לערנען, מיר האבען שוין ב"ה געגוג תורה; דו גיב בעסער אכטונג אוז לערן אידישקייט דיין אייגען ווייב און קינדער...

(רבי בונם מפשיסכא)

O

ויחן שם ישראל נגד ההר. (יט. ב.)

„ויחן" — לשון־יחיד... נאר מיט'ן כח פון אחדות קאנען אידען אים־שטאנד זיין געגענצושטעלען זיך „נגד ההר", געגען דעם מורא'דיגען בארג פון שיאה, מיט וועלכען מיר זענען ארומגערינגעלט פון אלע זייטען...

(רבי משה קאברינער)

O

כה תאמר לבית יעקב... (יט. ג.)

דאס מיינט מען די ווייבער... פארוואס האט דער אויבערשטער גע־הייסען משה'ן, ער זאל זיך ווענדען פריהער צו די ווייבער? — ווייל בעת גאט האט בעשאפען די וועלט, האט ער מיט זיין געבאט וועגען עץ־הדעת זיך געווענדעט פריהער צו אדם'ן, איז דאן געקומען חוה און האט גע־שטערט... ווען, אלזא, מען וואלט זיך אויך איצט געווען פריהער געווענ־דעט צו די מענער, וואלט געווען א געפאהר, אז אויך דאסמאל זאלען די ווייבער שטערען און מבטל זיין די תורה... און דעריבער — „כה תאמר לבית יעקב"...

(שמות רבה)

O

ואשא אתכם על כנפי נשרים... (יט. ד.)

„מוטב יכנס החץ בי ולא בבני"... (רש"י)

בשעת קריעת ים־סוף — זאגט דער מדרש — האט עוזא, דער שר של מצרים, גע'טענה'ט צו השי"ת: „הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה", טא וואס פאר א יושר איז עס, אז די מצריים זאלען אומקומען, און די אידען — נישט?

אין פלוג איז עס טאקע א הארבע פראגע. אבער „מוטב יכנס החץ בי" — זאל בעסער בלייבען א קשיא אויף מיין התנהגות — „ולא בבני", אבי די אידען זאלען פון דערדאזיגער קשיא נישט ליידען.

(חדושי הרי"ם)

אלע אידען זענען חביב פאר השי"ת, אפילו די זינדיגע אידען, און דערפאר ווערט געזאגט: „על כנפי נשרים", דען דער נשר איז פון יענע עופות טמאים, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט אלע פיער סימני־טומאה...

(חתם־סופר)

ס

ויענו כל העם יחדו... כל אשר דבר ד' נעשה... (יט. ח.)

נאר דער „כל העם יחדו", בכלל, קאן מקיים זיין די גאנצע תורה, דען ס'זענען פאראן א גאנצע רייה מצוות, וועלכע זענען קאלעקטיווע, געמיינזאמע, און מען קאן זיי נישט מקיים זיין ביחידות, אחן א צווייטער פערזאן, ווי: תרומות ומעשרות, צדקה, יבום, חליצה, וכדומה וכדומה...

(ווילנער גאון)

עס איז א גליק געווען, וואס ביי מתן־תורה האבען אלע אידען גע־ענטפערט „יחדו", צוזאמען, אלע מיט איינמאל; ווארום ווען זיי זאלען גע־ווען ענטפערן איינציגווייז, וואלט דער צווייטער געענטפערט פערקעהרט, וואס דער ערשטער. ווען שמעון זאל דערהערען, אז ראובן זאגט „נעשה", וואלט ער זיך געשטעלט אין אפאזיציע און אויסגעשריען, אז ער איז נישט מסכים: „לא נעשה!"... ווי דער שטייגער איז ביי אידען.

(דרשות אל עמי)

צום קאזשעניצער מגיד איז געקומען א אידענע און זיך צעוויינט, באשר איהר מאן האט זי פיינט געקריגען און ער טענה'ט, אז זי איז מיאוס... איז אפשר ביזטו טאקע באמת מיאוס? — רופט־זיך־אן דער מגיד. דערויף האט זיך די אידענע נאכמעהר צעוויינט. וועה, וועה! — האט זי גע־קלאגט: — אז ער איז געגאנגען מיט מיר אונטער דער חופה, דאמאלס בין איך איהם געפעלען געווען, דאמאלס האט ער מיר קאמפלימענטען גע־מאכט און געזאגט, אז כ'בין שען; און איצט, וועה צו מיר, איצט בין איך פאר איהם מיט איינמאל אזוי מיאוס געווארען!?... דערהערענדיג דידאזיגע ווערטער, האט דער מגיד אויפגעהויבען די הענד צום הימעל און געזאגט: רבונו של עולם! די אידענע איז דאך גערעכט, און אויך מיר האבען צו דיר די אייגענע טענה... דאמאלס, ווען מיר זענען מיט דיר אויפ'ן בארג סיני געשטאנען און „נעשה ונשמע" געזאגט, האסטו אונז קאמפלימענטען געמאכט און אונז פון אלע אומות אויסדערוועהלט; און איצט—וועה, וועה, איצט זענען מיר דיר פלוצים מיאוס געווארען און דו ווילסט זיך שוין גאר אויף אונז נישט אומקוקען!?...

(עשר אורות)

ס

הנה אנכי בא אליך בעב הענן בעבור ישמע העם...
(יט. ט.)

דעריבער „בעב הענן", דורך א וואָלקען, וואָס זאָל פערשטעלען פאַר זיי דעם גילוי־שכינה — „בעבור ישמע העם", כדי זיי זאָלען קאָנען הערען, דען דער חוש־הראיה שטערט דעם חוש־השמיעה...

(שער בת־רבים)

○

ויתיצבו בתחתית ההר. (יט. יז.)

דעריף זאָגט דער דרש: „מלמד שכפה עליהן את ההר כגיגית". פרעגט מען: אין פסוק ווערט דאָך בפירוש געזאָגט, אַז די בני־ישראל האָבען אַליין געוויליג אויסגערופען: „כל אשר דבר ד' נעשה" און „נעשה ונשמע"?

נאָר אין תחילת — זאָגט דעריף רבי ישעיה'לע פראַגער בדרך־הלצה — האָבען די אידען געמיינט, אַז אויפ'ן באַרג סיני וועלען זיי אודאי הערען שאַרפע פשט'לעך, רבי'שע תורות, האָבען זיי זיך דעריבער גלייך אָנגעכאַפּט דערין, וואָרום וועלכער איד איז עס נישט ביי זיך א „שענער איד", א למדן, אַ חסיד?... ווי זיי האָבען אָבער דערהערט, אַז מען ווענדעט זיך צו זיי מיט אַזעלכע איינפאַכע פּראָסטע זאַכען, ווי: „לא תגנוב", „לא תחמוד", „לא תנאף", האָבען זיי גענומען קרימען מיט די נעז: עט, נישטאָ וואָס צו הערען, מאַי קא משמע לן? אַזעלכע תורות זענען פאַר'ן פּראָסטען המון!... זיי האָבען זיך תיכף געוואָלט פונאַנדערגעהן, און דעריבער — „כפה עליהן את ההר כגיגית"...

○

וירד ד' על הר סיני... (יט. כ.)

רבי שמעון בן־יוחאי האָט געזאָגט: ווען כ'וואָלט געשטאַנען אויפ'ן באַרג סיני, בשעת מען האָט געגעבען די אידען די תורה, וואָלט איך דאַן געבעטען דעם רבונו־של־עולם, ער זאָל בעשאַפען דעם מענשען צוויי מיי־לער: איין מויל צו לערנען תורה, און איין מויל — צו די געוועהנליכע בעדערפעניסען; אָבער נאָכדעם האָב איך חוזר געווען און געזאָגט: מה־דאָך איצט, ווען דער מענש האָט בלויז איין מויל, קאָן מען נישט איבערטראָגען פון זיין רכילות און לשון־הרע, טאָ ווי וואָלט נאָך געווען דאַן, ווען ער וואָלט צוויי מיילער געהאַט!...

(ירושלמי ברכות)

דעריבער איז די תורה נישט געגעבען געוואָרען אין ארץ־ישראל, כדי די אומות־העולם זאָלען דאַן נישט האָבען קיין אויסרייד צו זאָגען, אז צוליעב־דעם האָבען זיי נישט געקאָנט מקבל זיין די תורה, ווייל עס איז דאָך אין אַ פרעמד לאַנד געווען... אין מדבר איז דעריבער די תורה געגעבען געוואָרען, בפרהסיא, במקום־הפקר, גרייט פאַר אַלעמען, פריי פאַר אַלעמען...

(מכילתא)

רבי חיים צאַנזער, וועלכער איז אין דער יוגענד געווען אַ תלמיד פון קראָקאָווער רב, רבי שמעון סופר, דעם חתם־סופר׳ס זוהן, האָט נאָכדעם אָנגעהויבען פאָהרען קיין ריזשין, צו ר׳ ישראל׳טשע ריזשינער. איינמאָל, בשעת רבי חיים צאַנזער איז צוריקגעפאָהרען פון ריזשין דורך קראָקא, האָט רבי שמעון סופר געשיקט רופען איהם און געפרעגט: — היתכן? צי איז דען דער ריזשיגער אַ גרעסערער גאון פאַר מיר?...

דערויף האָט איהם רבי חיים געענטפערט: — צוויי חשוב׳ע בערג זענען פאַראַן אין ארץ־ישראל: דער הר־סיני, אויף וועלכען אידען האָבען מקבל געווען די תורה, און דער הר־המוריה, אויף וועלכען אברהם האָט געפיהרט יצחק׳ן צו דער עקדה... איז דאָך אין פלוג קשה: פאַרוואָס האָט מען דעם בית־המקדש געבויט אויפ׳ן הר־המוריה און נישט אויפן הר־סיני, אויפ׳ן באַרג, וואו מען האָט אונז געגעבען די תורה?... נאָר דער תירוץ איז: דאָס אָרט, וואו אַ איד איז גרייט צו שטרעקען דעם האלז פאַר׳ן אויבערשטען, איז ביים רבונו־של־עולם פיעל חשוב׳ער פונ׳ם אָרט, וואו מען האָט געגעבען די תורה...

— תורה, לומדות — האָט רבי חיים פערענדיגט — איז אודאי, רבי, ביי אייך פאַראַן מעהר... אין ריזשין אָבער האָב איך געזעהן מסירת־נפש...

(שמועות טובות)

אָנכי... (כ. ב.)

דעריבער הויבען־זיך־אָן די עשרת־הדברות מיט „אָנכי... אשר הוצאתיך מארץ מצרים" און נישט מיט „אָנכי אשר בראתי השמים והאָרץ", ווייל בריאת שמים וארץ האָט דאָך קיין שום מענשליך אויג נישט געזעהן, אָבער יציאת־מצרים איז פאָרגעקומען פאַר די אויגען פון ששים רבוא..

(רבי יהודה הלוי)

אשר בשמים ממעל ואשר בארץ מתחת... (כ. ד.)

„אשר בשמים — ממעל": ווען עס האנדעלט זיך וועגען הימעל־זאַכען, וועגען גייסטיגע ענינים, וועגען גוטע מדות, זאָלסטו קוקען ארויף, אויף די, וואָס שטעהען העכער פון דיר, און זיך פון זיי אראָבלערנען; אָבער „ואשר בארץ — מתחת": ווען עס איז נוגע דיינע ערדישע, קערפערליכע און מאַטעריעלע זאַכען, זאָלסטו קוקען אראָב, און דאַן וועסטו זעהן, אַז ס'זענען פאַרהאַן מענשען, וועלכע לעבען אין שווערערע, ערגערע בעדינגונגען פאַר דיר...

(שער בת־רבים)

לא תגנוב... (כ. יג.)

און אין פ' קדושים שטעהט: „לא תגנובו"... דאָ ווערט גערעדט צו אַ פראָסטען מענש; דאָרט אָבער — צו אַ שענעם אידען, וועלכען מען קאָן נישט „דו'צען", נאָר מען מוז רעדען צו איהם בלשון „איהר". צו אַזעלכען ווענדעט זיך די תורה בעזונדער און זאָגט איהם: „לא תגנובו", זייט־זשע מוחל, ר' פלטיאל, און גנב'עט נישט...

(אַ פאָלקס־וואָרט)

לא תחמוד... (כ. יד.)

פיעל וואונדערן זיך אויפ'ן דאָזיגען שטרענגען געבאָט, וועלכער איז אַנ'אויסנאַהם פון אַלע אַנדערע דברות. „לא תגנוב", „לא תרצח", „לא תענה"— די אַלע זאַכען זענען אין רשות פון מענש: ווען ער וויל נישט, וועט ער נישט גנב'ענען, נישט מאָרדען א. אז. וו. אָבער „לא תחמוד"? — וואָס זאָל דער מענש טהון, ווען ער גלוסט פאָרט? ווי קאָן מען דען בעהערשען דאָס אינערליכע געפיהל? — די זאַך ווערט אָבער פערשטענדליך, ווען מען נעהמט אין אַכט, אַז אין דער נאַטור פון מענש ליעגט צו גלוסטען נאָר צו אַזעלכע זאַכען, וועגען וועלכע ער האָט כאָטש די מינדעסטע האָפנונג, אַז די זאַך, צו וועלכער ער שטרעבט, קאָן מיט דער צייט פאַר איהם דערגרייכט און פערווירקליכט ווערען; דאַגעגען איז אויסגעשלאָסען, ער זאָל גלוסטען צו אַזעלכעס, וואָס איז פאַר איהם אונדערגרייכבאַר. דער אָרימער דאָרפס־פויער וועט נישט גלוסטען און וועט זיך נישט פערליעבען אינ'ם קעניגס טאָכטער, ווי שען זי זאָל נישט זיין, ווייל ער ווייסט, אַז דאָס איז אַנ'אונזין — און ווייל עס איז אַנ'אונזין, קאָן עס גאָר באַלד נישט אריינדרינגען אין זיין מוח און האַרץ... און דאָס איז דער זין פונ'ם דאָזיגען געבאָט: עס דאַרף אינ'ם מענשען איינגעוואָרצעלט ווערען דאָס בעוואוסט־

זיין, אַז דאָס, וואָס געהערט צו יענעם, איז אַבסאָלוט פאַר איהם אונדער־גרייכבאַר און קאָן אויף קיין פאַל אין דער וועלט נישט ווערען זיינס, און דאַן וועט ער גאָר ממילא נישט אָנהויבען צו גלוסטען...

(אבן־עזרא, ספורנו און אַנדערע)

○

לא תחמוד אשת רעך ועבדו ואמתו ושורו וחמורו... (כ. יד.)

אַ פּלא! דער אבן-עזרא, אויסרעכענענדיג אַ רייה שינויים, מיט וועל־כע עס אונטערשיידעט זיך דער נוסח אין פרשת ואתחנן, בעמערקט צווישען אַנדערעס, אַז אין יתרו שטעהט געשריבען פריהער „עבדו ואמתו" און נאָכ־דעם „שורו וחמורו", דאַגעגען אין ואתחנן איז פערקעהרט: „שורו וחמורו" פאַר „עבדו ואמתו"...

באמת אָבער, נאָכקוקענדיג אין חומש, זעהט מען גאָרנישט קיין שום אונטערשיעד; איןביידע ערטער, סיי אין יתרו, סיי אין ואתחנן, איז דער־זעלבער נוסח: „עבדו ואמתו ושורו וחמורו"!...

(אַנ'אַלטע פראַגע)

בשעת דער „שאגת אריה" איז אויפגענומען געוואָרען אַלס רב אין מעטץ, האָט ער זיך געהייסען ברענגען דעם קהלה-פּנקס און ער האָט אין איהם אַריינגעשריבען וואָרט-ביי-וואָרט די עשרת-הדברות... ווען די ראשי-הקהל האָבען איהם פער'חידוש'ט געפרעגט, צוליעב וואָס ער טהוט דאָס, האָט ער זיי געענטפערט, אַז במשך פון זיין רבנות אין פערשידענע שטעדט האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָס, וואָס שטעהט איינגעשריבען אין שטאָדטישען פנקס, איז אָפט ביים עולם אַ סך הייליגער, ווי דאָס, וואָס שטעהט בפירוש געשריבען אין דער תורה...

○

אלהי כסף ואלהי זהב לא תעשו לכם. (כ. כ.)

מאַך דיר נישט קיין געטער פון דיין גאָלד-און-זילבער, זאָלען זיי נישט הערשען איבער דיר, דיען נישט צום געלד!...

און דאָס איז אויך דער פשט: „הצילני מדמים אלהים" (תהלים כ"א, ט"ז). „מדמים אלהים" — פון צו פערוואַנדלען דאָס געלד אין אַ גאָט...

מִשְׁפָּטִים

ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם. (כא. א.)

„לפניהם" — פאַר די מצוות בין אָדם למקום און פריהער פון זיי דאַרפען קודם־כל רעגולירט ווערען די בעציהונגען בין אָדם לחבירו, דען — „דרך־ארץ קדמה לתורה"...

(כלי יקר)

„דרך־ארץ קדמה לתורה" — דרך־ארץ איז אַ הקדמה צו דער תורה. פון דער הקדמה דערקענט מען דעם כאַראַקטער און אינהאַלט פון ספר — און לויט'ן דרך־ארץ, וואָס דער מענש בעזיצט, דערקענט מען, ווי־אַזוי זיין תורה זעהט־אויס...

(רבי מנחם־מענדיל מקאָצק)

○

כי תקנה עבד עברי... (כא. ב.)

די משפטים הויבען־זיך־אָן פון „עבד", ווייל ס'איז נישטאָ קיין ערגערע זאַך פאַר'ן מענש, ווי צו זיין אונטערטעניג און משועבד צו אַ צווייטען מענש...

(אבן־עזרא, שד"ל און אַנדערע)

„כי תקנה עבד" — אויב דו זוכסט אַ מענשען אויף אַרבייט, אויב ס'איז פאַרהאַן ביי דיר בעשעפטיגונג — „עברי", האָט דער איד פאָר־צוג, ער איז בילכער...

(אור החיים)

○

ורצע אדוניו את אָזנו... (כא. ו.)

ווי עס ערקלערען אונז די חז"ל, רעדט זיך דאָ וועגען אַן'עבד עברי, וועלכען דאָס בית־דין האָט פערקויפט פאַר אַ גנבה (וואָס ער האָט נישט

געהאַט צו בעצאָהלען), און דעריבער איז „ורצע אַדוניו את אָזנו”, ווייל — „און זאת ששמעה על הר סיני לא־תגנוב והלך וגנב — תרצע”.

פרעגט זיך: אויב דאָס איז אַ שטראָף פאַר דער גנבה, דאַרף מען דאָך איהם בויערן דאָס אויער תיכף נאָכ׳ן אויספיהרען די גנבה, נאָך איידער מען פערקויפט איהם פאַר אַנ׳עבד, נישט ערשט אין זעקס יאָהר אַרום, ווען ער וויל נישט פריי ווערען?

דער תירוץ איז: פריהער ווערט נישט אויסגעפיהרט איבער איהם די־דאָזיגע שטראָף, ווייל מיר האָבען אַ כלל: „אין לוקין ומשלמין”, מיט צוויי זאַכען מיטאַמאָל בעשטראָפט מען נישט, — בעגנוגענט מען זיך דעריבער מיט דעם איינעם עונש, וואָס מען פערקויפט איהם פאַר אַנ׳עבד; שפּעטער אָבער, בעת עס קומט דאָס שמיטה־יאָהר און ער וויל זיך נישט בענוצען מיט׳ן רעכט אַרויסצוגעהן פריי, טענה׳נדיג: „אָהבתי את אַדוני!”, בעווייזט ער דאָך דערמיט, אַז יענער עונש, מיט וועלכען מען האָט איהם בעשטראָפט פאַר דער גנבה, פערקויפענדיג איהם פאַר אַנ׳עבד, איז ביי איהם לגמרי גאָר קיין עונש נישט, פערקעהרט, ער איז נאָך דערפון העכסט צופרידען — מוז מען שוין דעריבער אויספיהרען אויף איהם דעם צווייטען עונש: „ורצע אַדוניו את אזנו”...

(כלי יקר)

אל הדלת... (כא. ו.)

פאַרוואָס עפּעס גראָד ביי דער טהיר? — ווייל מען האָט פאַר איהם די טהירען געעפענט, דאָס רעכט אויף פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט געגעבען, און ער וויל דערפון נישט געניסען און וויל ווייטער קנעכט און שקלאַף בלייבען...

(הנ״ל)

לא תצא כצאת העבדים. (כא. ז.)

זאָלען מיר, אידען, נישט זיין געגליכען צום פּאַרצייטישען שקלאַף, צום „עבד כנעני”, וועלכער איז פריהער נישט אַרויס אויף דער פריי, ביז מען האָט איהם די צייהן אויסגעהאַקט, די אויגען אויסגעשלאָגען, ביז ער האָט שוין גאָר די מעגליכקייט נישט געהאַט פון דער פרייהייט צו געניסען; זאָלען מיר, אידען, נישט וואַרטען, ביז מיר וועלען, חלילה, דערגעהן צו אַזאַ צושטאַנד — „לא תצא כצאת העבדים”!...

(אור חדש)

מכה איש ומת... (כא. יב.)

עס ווערען דאָ אויסגערעכענט פאַר אונז, לויט'ן סדר, אַ גאַנצע רייה פאַלען, פון וועלכע איינס איז הארבער פונ'ם צווייטען: א) „מכה איש ומת מות יומת", ווען מען שלאָגט אַ מענשען און יענער שטאַרבט פון די קלעפּ, איז דער שלעגער חייב מיתה; ב) עס איז אָבער פאַראַן אַזאַ פאַל, ווען דער שלעגער איז חייב מיתה אַפילו אַז דער געשלאָגענער שטאַרבט נישט פון די קלעפּ, און דאָס איז — „מכה אָביו ואמו"; ג) און נאָך אַ האַרבע־רער פאַל איז פאַראַן, ווען מען זאָל חייב זיין מיתה פאַר אַן'אַטענטאַט אויף אַ פרעמדער פערזאָן, אויב אַפילו מען האָט גאָר יענעם דערביי נישט געשלאָגען, און דאָס איז — „גונב נפש ומכרו"; ד) עס גיבט אָבער נאָך אַ פיערטער פאַל, וואָס מען איז חייב מיתה אַפילו דאַן, ווען מען האָט זיך נאָך אַבסאָלוט צו יענעם נישט צוגעריהרט, און דאָס איז — „מקלל אָביו ואמו"...

(וזאת ליהודה)

O

ומכה אָביו... ומקלל אָביו... (כא. טו.)

דער דין איז, אַז „מכה את אָביו לאַחר מיתה — פּטור"; דאַגעגען „מקלל את אָביו לאַחר מיתה — חייב".

דער טעם, פאַרוואָס די חז"ל האָבען מעהר מחמיר געווען ביי קללה, ווי ביי הכּאה, הגם אין פלוג וואָלט דאָך געדאַרפט זיין פערקעהרט, איז גאַנץ איינפאַך: שלאָגען איז אַ פיזישער, קערפּערליכער וועהטאָג, און נאָכ'ן טויט איז דאָך שוין דער קערפּער נישט פיהלבאַר; דאַגעגען שעלטען פערשאַפט יענעם אַ גייסטיגען צער — און דער גייסט, די נשמה עקזיסטירט אויך נאָכ'ן טויט...

(מהר"ל)

O

ורפּא ירפּא... (כא. יט.)

„מכּאן שניתן רשות לרופא לרפאות"... (ב"ק פ"ה)

וואָס איז עס פאַר אַ רבותאַ צוליעב אַ חולה מעג מען דאָך אַפילו מחלל שבת זיין!... נאָר די כּונה איז, אַז דעם דאָקטאָר איז ערלויבט צו נעהמען האָנאָראַר פאַר זיין אַרבייט, כאָטש היילען אַ קראַנקען איז אַ מצוה און פאַר; אַ מצוה טאָר מען דאָך געוועהנליך קיין געלד נישט נעהמען... און דערפאַר טאַקע מאַכט דערויף דער תרגום: „ואגר אסיא ישלם"...

(פנים יפות)

דער בעוואוסטער דאָקטאָר רבי חיים־דוד פון פיעטריקאָוו, וועלכען מען האָט פאַר אַ גרויסען צדיק געהאַלטען, פלעגט זאָגען, אַז מיט אַ חולה דאַרף מען זיך נוהג זיין אַזוי ווי עס שטעהט אין דאַווענען: „בורא רפואות, נורא תהלות, אדון הנפלאות", — פריהער דאַרף מען איהם פערשרייבען אַ רעצעפט („בורא רפואות"); אויב עס העלפט נישט — דאַרף מען זאָגען תהלים („נורא תהלות"); און דאַן, אויב דער מצב ווערט ערגער, מוז מען האָפען אויף אַ נס („אדון הנפלאות")...

„טוב שברופאים — לגיהנם"... (קידושין פב.)

פאַרהאַן דאָקטוירים, בעלי־גאוה, וועלכע בלאָזען פון זיך און וועלכע פיהלען זיך העכסט בעליידיגט, ווען דער פאַציענט וויל זיך מיישב זיין און הערען די מיינונג פון נאָך אַ דאָקטאָר... אַזעלכע דאָקטוירים זענען אַן אומגליק און אויף זיי איז עס געזאָגט געוואָרען: „טוב שברופאים — לגיהנם"... עס ווערט געמיינט דערמיט: דער רופא, וועלכער געהט־אַרום מיט דער איינרעדעניש, אַז ער איז דער „טוב שברופאים", דער בעסטער און גרעסטער מומחה, וואָס ווייסט בעסער און קען מעהר פון אַלעמען — „לגיהנם", אַזאַ דאָקטאָר וועט פון גיהנם נישט אַרויס, אַזעלכער איז מיט זיין גאוה גורם צו אַ סך אומגליקען...

(עץ יוסף)

○

וכי יכה איש את־עבדו או את־אמתו... (כא. כ.)

„בעבד כנעני הכתוב מדבר", (רש"י)

אומעטום, וואו „עבד" און „אמה" געפינען זיך אין איין פסוק, מוז מען מיינען כנענים, מחמת קוים ווערען זיי געשטעלט צוזאַמען, הייסט עס, אַז זיי זענען ביידע עהנליך צווישען זיך, אַז ביידע זענען זיי אָדער גדולים, אָדער קטנים, — און דיזאָזיגע גלייכהייט איז ביי אַן עבד עברי און ביי אַן אמה עבריה אונמעגליך: דען זאָל מען זאָגען, אַז עס רעדט זיך וועגען גדולים — קאָן זי דאָך שוין מעהר קיין אמה נישט זיין, אַן אמה עבריה איז דאָך „יוצאת בנערות"; זאָל מען ווידער אָננעהמען, אַז זיי זענען קטנים — קאָן ער דאָך נאָך קיין עבד נישט זיין, קיין קטן טאָר מען דאָך נישט פערקויפען אַלס עבד... און דעריבער איז נישט אַנדערש, נאָר „בכנענים הכתוב מדבר".

(ווילנער גאון)

○

עין תחת עין... (כא. כד.)

לויט דער ערקלערונג פון די חז"ל, מיינט מען נישט „אָנ'אויג פאַר אָנ'אויג" ממש, נאָר געלד... אַ רמז דערויף איז פאַרהאַן אין די ווערטער „תחת עין" גופא: לויט'ן סדר פונ'ם א"ב קומט נאָכ'ן אות ע' — אַ פ', נאָכ'ן אות י' — אַ כ', נאָכ'ן אות נ' — אַ ס'; צוזאַמען — די אותיות „כסף". און די כונה איז אַלזאָ: „עין" — ווען מען שלאָגט עמיצען אויס אָנ'אויג, ווערט מען בעשטראָפט — „תחת עין", מיט דעם, וואָס קומט נאָכ'ן וואָרט ע'י'ן: מיט — „כסף", געלד...

(ווילנער גאון)

○

אם המצא תמצא בידו הגנבה... שנים ישלם. (כב. ג.)

פאַרוואָס האָט די תורה אַרויפגעלעגט אויפ'ן גנב אַ האַרבערע שטראָף, ווי אויפ'ן גזלן, דער גנב זאָל מוזען בעצאָהלען כפל און דער גזלן נישט? — ווייל ביים גזלן שטעהט כאָטש דער כבוד פונ'ם אויבערשטען און דער כבוד פון מענש אויף איין מדרגה: ער ווייזט, אַז ער האָט פאַר ביידע קיין מורא נישט... ביים גנב דאַגעגען ווערט העכער געשטעלט דער מענשליכער כבוד, וואָרום פאַר'ן אויבערשטען האָט ער נישט קיין מורא, און פאַר מענשען — יאָ..

(בבא קמא ע"ט)

דער טעם פון כפל אין „כאשר זמם לעשות לאָחיו": דער גנב דאַרף בעשטראָפט ווערען צו ליידען פון זיין טאַש אַזוי פיעל, וויפיעל ער האָט געוואָלט שאָדען ברענגען יענעם — מדה כנגד מדה...

(כנפי נשרים)

„הגוזל את חברו שוה פרוטה וכו' יוליכנו אחריו אפילו למדי" (בבא קמא קי"ג).

פאַרוואָס ווערט גראָד גענומען אַלסביישפיעל מדינת מדי? — ווייל אין פסוק ווערט געזאָגט: „הנני מעיר עליהם את מדי אשר כסף לא יחשבו וזהב לא יחפצו־בו" (ישעיה י"ג, י"ז)... אַלזאָ, כאָטש דער בע'גזל'טער געפינט זיך אין מדי, וואו גאָלד און זילבער האָבען קיין חשיבות נישט, פונדעסטוועגען מוז ער איהם אומקעהרען אַהין די גזילה, מעג עס האָבען אַפילו דעם ווערט בלויז פון אַ פרוטה...

(ווילנער גאון)

אין עבודת־השם דאַרף אַ מענש זיך אָפּלערנען דריי זאַכען פון אַ גנב: א) ער איז נישט פויל; אַז עס מאַכט זיך איהם אַ „שטיקעל אַר־בייט", איז ער גרייט צו לויפען אין דער שטאָק־פינסטערער נאַכט, נישט אָבשטעלענדיג זיך פאַר רעגען און קעלט, פאַר'ן ערגסטען וועטער; ב) אויב די „אַרבייט" געלינגט איהם נישט ביים ערשטען מאָל, ווערט ער נישט מיעד צו פּרובען אַ צווייטען און אַ דריטען מאָל; ג) צו דער גנבה פונ'ם מינדעסטען חפץ בעציהט ער זיך מיט דערזעלבער ערנסטקייט, ווי צו אַ גרעסערער זאַך...

(רבי בונם מפשיסכע)

אַ גנב איז נישט דער, וואָס קען גנב'ענען, נאָר וואָס גנב'עט; אַ לערנער איז נישט דער, וואָס קען לערנען, נאָר וואָס לערנט...

(רבי יחיאל־מאיר מגאָסטינין)

○

כי יתן איש אל רעהו כסף או כלים לשמור... (כב. ו.)

אין דערדאָזיגער פרשה, וואו עס רעדט זיך וועגען אַ שומר־חנם, ווערט דערמאָהנט בלויז „כסף או כלים", דאַגעגען אין דער ווייטערער פרשה, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אַ שומר־שכר, ווערט געזאָגט: „כי יתן איש אל רעהו חמור או שור או שה"... הגם לויט'ן דין איז אַלץ איינס און אויך אַ שומר־חנם (אויב ער האָט פושע געווען) איז חייב אויף חמור ושור; די תורה אָבער דערמאָהנט עס נישט פשוט דערפאַר, ווייל עס איז פון די זאַכען, וואָס זענען נישט שכיח — מחמת וועלכער שוטה וועט זיך עס וועלען אונטערנעהמען צו היטען אומזיסט יענעמס אָקס און יע־נעמס אייזעל?...

(שער בת־רבים)

○

ונקרב בעל־הבית אל האלקים... (כב. ז.)

„ונקרב בעל־הבית אל האלקים" — מיט וואָס, ווי־אַזוי און ווען קאָן דער איד ווערען אַ מקורב צו גאָט? — „אם לא שלח ידו במלאכת רעהו": אויב ער בע'עוול'ט נישט קיינעם, אויב ער טהוט נישט דעם צווייטען איד קיין שלעכטס...

(רבי מאיר'ל פרימישליאַנער)

○

על־כל־דבר־פשע... אשר יאמר כי הוא זה... (כב. ח.)

די חז״ל ערקלערען, אז דאָס בעציהט זיך אויף א „מודה במקצת״. וואו איז דאָס מרומז אין פסוק? — אין די ווערטער „הוא״ און „זה״, וועלכע האָבען צוויי פערשידענע בעדייטונגען: „הוא״ איז א נ ס ת ר, און „זה״ — א נ ו כ ח; דאָס הייסט, אַלזאָ, איין טייל פון דער סומע פערליי־קענט ער און טענה׳ט „הוא״, און אויף איין טייל איז ער זיך מודה — „זה״...

(רבי אברהם בן הגר״א מווילנא)

דער שורש פון אַלע זינד איז גאוה... „על־כל־דבר־פשע״ — דער הויפט חטא פון אַלע חטאים איז — „אשר יאמר״ — ווען דער מענש זאָגט אויף זיך — „כי הוא זה״ — אז ע ר א י ז ע ס; ווען ער האַלט פון זיך און מאַכט פון זיך א גאַנצען יש...

(רבי ישראל ממאָדזיץ)

○

כסף ישקל כמהר הבתולות. (כב. טז.)

דערויף ווערט געזאָגט אין „דעת זקנים מבעלי התוספות״: „והר׳ משה אָמר כי כמהר עולה מאתים זוז יתר אחד ויש אם למקרא״...

עס איז אַן׳אונפערשטענדליכע שטעלע, וועלכע מען פרובט ערקלערען אויף פערשידענע אופנים.

אייניגע ווילען האָבען, אז אַנשטאָט „מאתים זוז״ דאַרף שטעהן אין דעת־זקנים — „ר׳ זוזים״. די ווערטער „ר׳ זוזים״ בעטרעפען 270, עהנליך צו דער צאָהל פונ׳ם וואָרט „כמוהר״ (מיט א ו׳). וואָס בעטרעפט מיט איינס מעהר, 271, און דאָס איז — „יתר אחד״. און אָבוואָהל דאָס וואָרט „כמהר״ איז דאָ אין פסוק געשריבען אָ ה ן א ו׳, קאָן מען עס אָבער שרייבען אויך מ י ט א ו׳, און דאָס ווערט געמיינט מיט׳ן אויספיהר — „ויש אם למקרא״.

א צווייטער, עהנליכער פירוש:

„כמהר״ בעטרעפט אין מספר קטן 13, „מאתים״ אין מספר קטן — 14; אָבער „ויש אם למקרא״ — דאָס וואָרט „מאתים״ לאָזט זיך שרייבען אויך אָ ה ן א א׳, און דאַן האָט עס דעמזעלבען מספר, וואָס „כמהר״: 13...

○

זובח לאלהים יחרם, בלתי לד׳ לבדו. (כב. יט.)

בשעת אַ מלך בשר־ודם גיט־אַרויס אויף אימיצען אַ גזירה, לויפט יענער צו אַ שתדלן, ער זאָל זיך בעמיהען און בעטען פאַר איהם. אַנ־דערש איז אָבער ביי השם־יתברך; אויב עס קומט אויף דיר אַ צרה, זאָל־סטו נישט שרייען צו מיכאל׳ן, נישט רופען צו גבריאל׳ן, נאָר צו איהם, צום אויבערשטען אַליין, און ער וועט דיר ענטפערן, דען „מי כד׳ אלקינו בכל קראנו אליו״...

(ירושלמי ברכות)

○

כי אם־צעק יצעק אלי שמע אשמע צעקתו. (כב. כב.)

מה־דאָך, ווען אַ יחיד קלאָגט זיך אויף אַ רבים, דערהערט דער אויבערשטער זיין געשריי; קל־וחומר, ווען דאָס געשריי געהט פון אַ רבים, וואָס ליידט פון אַ יחיד!...

(מכילתא)

○

אם כסף תלוה את־עמי את־העני עמך... (כב. כד.)

ווער איז גאָטס פאָלק? — די אָרימעלייט... אַ בשר־ודם, אויב ער איז אַנ׳עושר און ער האָט אָרימע קרובים, מאַכט ער זיך ווי ער וואָלט זיי נישט געקענט, ער בעהאַלט זיך פאַר דעם אָרימען קרוב, ער שעמט זיך צו רע־דען מיט איהם... אָבער גאָט, אַז ער זעהט אַנ׳אָרימאַן, בעהעפט ער זיך צו איהם. ווער איז זיין פאָלק? — די אָרימעלייט. און אַז גאָט וועט זיך איבערבעטען מיט ציון, אויף וועמען וועט ער דאַן פריהער אַרויסווייזען זיין רחמנות? — אויף די אָרימעלייט, „כי נחם ד׳ עמו ועניו ירחם״... „ועניו״ — זיי די ערשטע...

(שמות רבה)

———

די ערגסטע זאַך אין דער וועלט איז אָרימקייט. אָרימקייט איז ערגער פון אַלע יסורים... בשעת דער שטן האָט מקטרג געווען אויף איוב׳ן, האָט גאָט געזאָגט צו איהם: וואָס ווילסטו בעסער — אָרימקייט, אָדער יסורים? האָט איוב דערויף געענטפערט: האַר פון דער וועלט! אַלע יסורים פון דער וועלט בין איך גרייט אויף זיך מקבל צו זיין—נאָר נישט קיין אָרימקייט!...

(דאָרט)

———

„אם כסף תלוה את עמי"... „ג' צועקים ואינם נענים" — זאָגען די חז"ל. איינער פון זיי איז: „המלוה שלא בעדים". דאַגעגען ביי צדקה ווערט געוואָרנט, אַז עס דאַרף זיין בסתר: „מתן בסתר יכפה אף"... און אָט די ביידע זאַכען זענען דייטליך מרומז אין פסוק: „אם כסף תלוה" — אויב דו ווערסט וועמען לייהען געלד — „את עמי", דאַרף עס זיין עפענטליך, פאַר עדות; אָבער „את העני" — אויב דו גיסט צדקה — „עִמך", זאָל קיינער, אויסער דיר, נישט זיין דערביי...

(ווילנער גאון)

„עִמך" — עס קומט איהם ביי דיר: דו לעבסט פון זיין אַרבייט, דו עקספלואַטירסט איהם; נישט דיינס, נאָר ז יי נ ס באַרגסטו איהם...

(טל לישראל)

„את העני עמך" — ער זאָל מיטגעהן מיט דיר און שטייגען מיט דיר. די צדקה, וואָס דו גיסט, זאָל נישט בלייבען הינטערשטעליג אין פער־גלייך מיט דער כסדר'דיגער שטייגערונג פון דיין עשירות; אין געגענזאַץ צו יענע, אויף וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרען: „הון ועושר בביתו, וצדקתו עומדת לעד" — זייער הון און רייכטום האַלט אין איין וואַקסען, דאַגעגען די צדקה זייערע בלייבט שטענדיג שטעהן אויפ'ן זעלבען אָרט...

(ספר הדרוש)

אם כסף ת ל ו ה" — גמילת־חסדים איז גרעסער פון צדקה, ווייל דאַן איז „את העני ע מ ך" — קאָן דער אָרימאַן ווייטער בלייבען מיט דיר, ווי מיט זיינס גלייכען, און נישט זיין ביי זיך ערנידריגט, געפאַלען און פער־שעמט...

(הג"ל)

„את העני עמך" — בשעת דו אַלייי ביזט פעראָרימט...

(רבי שמעלקי מניקעלשבורג)

עהנליך ווערט געטייטשט:
„אשרי משכיל אל דל ביום רעה" — בשעת איהם אליין, דעם מלוה, איז שלעכט...
עהנליכעס:
„המלוה לעני בשעת דחקו" — ווען ער, דער מלוה זעלבסט, ליידט דחקות...

עהנליכעס:

„כבד את ד׳ מהונך" — „אל תקרי מהונך, אלא מגרונך": נישט בלויז ווען דו ביזט אנ׳עושר, א בעל-הון, נאר אפילו ווען צוליעב דער צדקה דארפסטו זיך אבזאגען פונ׳ם נויטיגסטען, אבשפארען פשוט דעם ביסען פון מויל...

(כתב סופר)

„בשעת פטירתו של אדם אין מלוים לו לאדם לא כסף ולא זהב וכו׳ אלא תורה ומעשים טובים"... (אבות)

און דאס איז אויך דער זין פון פסוק:

„אם כסף תלוה"ו — צי וועט דיך דען דיין געלד בעגלייטען בשעת דער פטירה? — „את העני עמך" — בלויז די מעשים טובים וועסטו דיר מיטנעהמען, די צדקה, וואס דו האסט ביים לעבען געטיילט...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

○

אם חבל תחבל שלמת רעך עד-בא השמש תשיבנו לו... היא שמלתו לעורו... (כב. כה.)

„שלמה" איז א ביליג, געמיין בגד — „ושלמות בלות עליהם" (יהושע ט. ה.), דאגעגען „שמלה" איז א חשוב בגד — „שמלה לכה קצין תהיה לנו" (ישעיה ג. ו.). דער זין איז אלזא: „אם חבל תחבל שלמת רעך", אבוואהל אין דיינע אויגען איז עס נישט מעהר ווי א „שלמה", א ווערט-לאז בגד, וואס טויג שוין צו גארנישט, דאך „עד בא השמש תשיבנו לו", ווארום „היא שמלתו לעורו" — ביי איהם, דעם ארימאן, איז עס נאך א חשוב חפץ, א „שמלה"...

(עולת חדש)

בעמערקונג פונ׳ם זאמלער:

דידאזיגע בעהויפטונג וועגען „שלמה" זעהט נישט אויס צו זיין ריכ-טיג, דען מיר געפינען דאך: „עוטה אור כשלמה" (תהלים ק"ד), „והמה מביאים איש מנחתו כלי-כסף וכלי זהב ושלמות" (מלכים א׳ י, כ ה)...

○

והיה כי-יצעק אלי ושמעתי כי-חנון אני. (כב. כו.)

מעגסטו זיין לויט׳ן דין פולקאם גערעכט, מעגסטו האבען צו איהם און צו זיין משכון די גערעכטעסטע טענות — דאך, ווען דער ארימאן וועט

שרייען, וועל איך איהם מוזען הערען, „כי חנון אָני", און איך קאָן נישט צוהערען גלייכגילטיג, ווי אַ איד אַנ׳אָרימאַן שרייט...

(רבי יחיאל-מאיר מגאָסטינין)

○

ולא תענה על ריב... (כג. ב.)

אויב דו ווילסט אויסמיידען מחלוקת — ענטפער נישט, מיש דיך נישט אַריין, פערשווייג, וממילא וועט די מחלוקת ווערען איינגעשטילט...

(ימין משה)

○

אַחרי רבים להטות. (כג. ב.)

רבי גרשון-העניך פון ראַדזין איז אַמאָל געקומען צו ר׳ יהושע׳לע קוטנער און זיך מפלפל געווען מיט איהם וועגען ענין פון „תכלת", וועלענדיג איהם אַריבערציהען אויף זיין זייט, ער זאָל מסכים זיין און אויך אָנטהון „תכלת". אָבער רבי יהושע׳לע קוטנער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבען, ערקלערענדיג, אַז „אַחרי רבים להטות" — מען דאַרף זיך פערקוקען אויפ׳ן רבים, אויף דער וועלט; און קוים איז דער ענין פון „תכלת" נישט אָנגענומען געוואָרען ביי דער וועלט, וויל ער נישט זיין קיין אויסנאַהם... דערהערענדיג דעמדאָזיגען ענטפער, איז רבי גרשון-העניך צוגעגאַנגען צום פענסטער. דערזעהענדיג דורכגעהן אין גאַס אַ טרעגער, האָט ער איהם אַריינגערופען און געפרעגט:

— זייט-זשע מוחל, ר׳ איד, און זאָגט מיר: אין וועלכען דין ביי חמץ זענען רבי מאיר און רבי יהודה מחולק צווישען זיך און אין וועלכען דין גלייכען זיי זיך אויס?

דער טרעגער איז נעבעך געבליבען שטעהן אַ צוטומעלטער, הויבענדיג פער׳חידוש׳ט מיט די פלייצעס, נישט פערשטעהענדיג, וואָס מען רעדט צו איהם...

— זעהט איהר, קוטנער רב, — רופט-זיך-אָן רבי גרשון-העניך מיט אַ שמייכעל, — אין פסחים דף ד׳ זאָגט די גמרא בפירוש, אַז „כולא עלמא סברי מיהו חמש משש שעות ולמעלה אָסור". און אָט האָט איהר אייך אַ איד, וואָס געהערט אויך צו דער „כולא עלמא", צו דער „גאַנצער וועלט", און ער הויבט גאָרנישט אָן צו וויסען פון דער גאַנצער מעשה... אלא וואָס דען? „כולא עלמא" מיינט מען מיך מיט אייך וכדומה אַזעלכע שטייגער אידען, וועלכע זיצען און לערנען און אינטערעסירען זיך מיט

דעם ענין, אָבער נישט די סתם-אידען פון גאַס, ווענען די אַלע זאַכען ליגען אין דער לינקער פאה; נישט דאָס מיינט מען „אַחרי רבים להטות" און נישט אויף זיי דאַרף מען זיך פערקוקען...

○

וחדלת מעזוב לו, עזוב תעזוב עמו. (כג. ה.)

פאַרהאַן, ליידער, צווישען אַחינו בני-ישראל אזעלכע, וואָס הגם זיי זענען בכח און האָבען די מעגליכקייט צו אַרבייטען, דאָך וואַרפען זיי זיך אָן אויפ'ן צבור און האָבען טענות, הלמאַי דער צבור האַלט זיי נישט אויס. באמת אָבער איז דער „עזוב תעזוב עמו" און „הקם תקים עמו" געזאָגט געוואָרען בלויז וועגען אַזעלכען, וועלכער וויל אַרבייטען, נאָר ער געפינט נישט קיין אַרבייט, אָדער די פערדיענסטען פון זיין אַרבייט זענען אַזוי קליין, אַז זיי קלעקען איהם נישט צו קאָנען ערנעהרען זיין פאַמיליע. אַזעלכען איז מען מחויב צו שטיצען און מיטהעלפען. דער-יעניגער אָבער, וואָס וויל קיין שום אַרבייט נישט טהון און וויל לכתחילה לעבען פון שנאָ-רעריי, אויף אַזעלכען איז געזאָגט געוואָרען: „וחדלת מעזוב לו"...

(כלי יקר)

○

מדבר-שקר תרחק... (כג. ז.)

דאָס איז די איינציגע עבירה פון צווישען אַלע עבירות אין דער תורה, צו וועלכער עס ווערט צוגעגעבען דאָס וואָרט „תרחק": ביי שקר איז ווייניג, וואָס מען טהוט עס אַליין נישט — פון שקר מוז מען זיך דער-ווייטערן, אַנטלויפען!...

(רבי זושא האַניפּאָלער)

רבי אלימלך ליזענסקער פלעגט זאָגען:

— בשעת כ'וועל קומען איין יענער וועלט און מען וועט מיך פרעגען: האָסטו געלערנט תורה? — וועל איך ענטפערן: „ניין!"... האָסטו אָבּגעהיט דאָס דאַווענען? — „ניין!"... האָסטו עוסק געווען אין מצוות ומעשים-טובים? — „ניין!"... אויב אַזוי — וועט מען מיר דערויף ענטפערן — ביזטו דאָך מקיים דעם „מדבר-שקר תרחק", זאָגסטו דאָך אמת, איז שוין צוליעב-דעם אַליין קומט דיר עולם-הבא...

(עשר צחצחות)

ועבדתם את ד׳ אלקיכם וברך את־לחמך... (כג. כה.)

„ועבדתם״ — לשון־רבים, „את לחמך״ — לשון־יחיד... דאַוונען זאָל מען בצבור; עסען — ביחידות...

(כלי יקר)

תְּרוּמָה

פריהער געהט די סדרה „משפטים״, און ערשט נאָכדעם — „תרומה״... פריהער דאַרף דאָס פערמעגען ערוואָרבען ווערען דורך אַן׳עהרליכען אופן, בצדק ובמשפט, און דאַן ערשט זאָל מען געבען תרומה, צדקה, נדבות...

(מקור ברוך)

צום אַלטען גאָסטינינער רבי׳ן, רבי יחיאל־מאיר, איז אַמאָל געקומען צופאָהרען זיינער אַ חסיד, פון די רייכע חסידים, און האָט אַוועקגעלעגט פאַר איהם, ווי עס פיהרט זיך, אַ קוויטעל מיט אַ „פדיון״. דער רבי האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז דערדאָזיגער חסיד האָט נישט־לאַנג באַנקראָטירט, און ער האָט דעריבער נישט געוואָלט ביי איהם נעמען דעם „פדיון״, זאָגענדיג: עס שטעהט אין פסוק „בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם״ — איז דער טייטש: „בפרוע פרעות בישראל״, פריהער דאַרף אַ איד אָבצאָהלען די חובות, און ערשט נאָכדעם — „בהתנדב עם״, זאָל ער געבען נדבות און פדיונות...

„משפטים״ בעשטעהט פון אַ רייה דינים, אין וועלכע דער מענש ווערט געוואָרנט, נישט צו טהון דעם צווייטען קיין שאָדען, נישט צו בעגעהן געגען איהם קיין שלעכטס. אָבער דאָס אַליין איז נאָך נישט גענוג; ס׳איז ווייניג, וואָס מען טהוט נישט קיין שלעכטס, מען דאַרף אויך טהון גוטס — שטיצען, העלפען, אַרויסווייזען נדיבות, גוטהערציגקייט, געבען תרומה, צדקה...

(הדרש והעיון)

○

דַבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל... (כה. ב.)

מיט אַ לשון־בקשה האָט זיך השי״ת געווענדעט צו די אידען, זיי זאָלען געבען נדבות אויפ׳ן משכן, מיט אַ געבעט — „דבר אל בני ישראל״...

אבוואהל דאס משכן איז געווען פאר זייער געבערויך, אבוואהל דאס איז געווען פאר זיי א כבוד און אנ'אויסלייזונג... אבער די אומות-העולם — זיי אונטערדריקען די אידען און מיט גוואלד נעהמען זיי צו ביי זיי דאס געלד...

(מדרש אבכיר)

מערקווירדיגע אייגענשאפטען פערמאגט אין זיך די אידישע אומה: פערלאנגט מען פון זיי געלד אויפ'ן משכן — גיבען זיי; פערלאנגט מען אויפ'ן עגל — גיבען זיי אויך!...

(שקלים)

○

ויקחו-לי תרומה... (כה. ב.)

„לי — לשמי"... (רש"י)

צדקה זאל א איד געבען נישט צוליעב כבוד, נישט צוליעב בעריה-מעריי, נישט צוליעב פרסום און רעקלאמע — „לשמי", לשם-שמים...

(מלבי"ם)

„לי — לשמי"... נישט אויף די נותנים געהט דאס ארויף, נאר אויף די לוקחים, די גבאי-הצדקה. דער נותן, ווען אפילו ער גיט נישט לשם-שמים, מאכט אויך נישט אויס; דען לויט דער גמרא, ווען איינער פערלירט א מטבע, און אנ'ארימאן געפינט עס, ווערט עס יענעם פעררעכענט פאר צדקה גמורה. אבער די עוסקים בצרכי-צבור, די גבאי-הצדקה, וועגען זיי ווערט געווארנט: „ויקחו לי — לשמי", זיי זאלען אין זינען האבען און טהון זייער ארבייט לשם-שמים, אנדערש וועלען זיי נישט מצליח זיין...

(רבי חיים-אייזיק יוסטמאן)

○

מאת כל-איש אשר ידבנו לבו... (כה. ב.)

„מאת כל-איש אשר ידבנו לבו" — און ער וועט אליין זאגען: „תקחו את תרומתי"...

(ווילנער גאון)

די, וועלכע געהען זאמלען נדבות, דארפען קודם-כל אליין גופא זיין נדיבי-לב; נישט בלויז נעהמער, נאר אויך געבער... פאר אזעלכע האט מען דרך-ארץ, מען האט נישט די עזה זיי אבצוזאגען, און נאר אזעלכע קאנען האבען ערפאלג אין זייערע זאמלונגען...

און דאָס איז דער טייטש פון פסוק: „שרים עצרו במלים וכף ישימו לפיהם" (איוב כ"ט, ט) — די האַנד דאַרף זיין נאָהענט צום מויל; צוזאַמען מיט'ן רעדען און מיט'ן אַגיטירען יענעם צו געבען, דאַרף אויך די איי־גענע האַנד טעטיג זיין...

(ספר הדרוש)

„מאת כל־איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי" — אויך יעדער איד, וועלכער וויל געבען, נאָר ער קאָן, ליידער, נישט, און דאָס איינציגע, וואָס ער איז אימשטאַנד מנדב צו זיין, איז זיין הארץ און רצון, זיין צער און מיטגעפיהל, ווערט איהם אויך דאָס אַלס תרומה פערערכענט; אויך דאָס איז צדקה...

(כנפי נשרים)

יעדער גביר פערמאָגט צווייערליי שטיינער: געוועהנליכע שטיינער און ברילליאַנטען, אבנים טובות; אָבער נישט ביי אַלעמען ליעגען זיי אויפ'ן זעלבען אָרט. ביי איינעם ליעגט דער שטיין אין האַרץ, און דער ברי־ליאַנט — אין טאַש; און ביי אַ צווייטען ליעגט, פערקעהרט, דער שטיין אין טאַש, און דער ברילליאַנט — אין האַרץ...

(רבי ישכר־בעריש גרויבאַרט)

רבי ישראל סאַלאַנטער איז אַמאָל אַריינגעקומען צו אַ גביר נאָך מעות־חטים. דערדאָזיגער גביר איז במשך פונ'ם יאָהר שטאַרק רייך גע־וואָרען, פונדעסטוועגען האָט ער נישט געוואָלט געבען קיין גרעסערע נדבה, ווי מיט אַ יאָהר פריהער... אָט דאָס, אַ פנים, — האָט רבי ישראל סאַלאַנ־טער דערויף בעמערקט — האָט דוד המלך געמיינט מיט זיינע ווערטער: „הון ועושר בביתו, וצדקתו עומדת לעד"... פאַרהאַן אַזעלכע גבירים, וואָס כאָטש דער „הון ועושר" וואַקסט ביי זיי, פונדעסטוועגען „וצדקתו עומדת לעד", די צדקה זייערע שטעהט אַלץ אויפ'ן זעלבען אָרט...

„האומר שלי שלי ושלך שלך — זו מדה בינונית, ויש אומרים זו מדת סדום"...

(אָבות)

מיט וואָס ערקלערט זיך דידאָזיגע שאַרפע חלוקי־דעות? פון אַ „מדה בינונית" ביז „מדת סדום" איז דאָך עפעס גאָר אַ געוואַלדיגער אונטער־שיעד!... נאָר דער טייטש איז: ווען מען קומט צו איינעם נאָך אַ נדבה און ער ענטפערט: „שלי—שלי", איך האָב נעבעך מיינע אייגענע נאָהענטע קרובים, וועלכע כ'מוז אויסהאַלטען, „זו מדה בינונית", איז עס אַ דורכ־

שניטליכע מדה, פאַר וועלכער מען קאָן צו איהם קיין גרויסע טענות נישט האָבען, מחמת אַודאי זענען אייגענע קרובים בילכער... אָבער „ויש אומרים״, ווען דערדאָזיגער פּאַרשוין קומט-אָב בלויז מיט'ן זאָגען און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער גיט זיינע קרובים אויך נישט, דאַן איז דאָס אַנ'אמת'ער סדום'ניק...

(רבי יצחק וואָרקער)

רבי יצחק וואָרקער פלעגט זאָגען:

אַלע מדות, אַפילו די שלעכטע מדות, ווי עקשנות, גאוה, כעס וכדומה, קאָנען אין פערשידענע פאַלען, ווי ס'איז ידוע, אויך אויסגענוצט ווערען צום גוטען, און דערפאַר האָט זיי דער אויבערשטער בעשאַפען. צוליעב וואָס אָבער האָט ער בעשאַפען די מדה פון אַפּיקורסות? קאָן דען אַפּיקורסות, חלילה, אַמאָל דעם מענשען נוצען ברענגען?...

באמת אָבער איז אויך דידאָזיגע מדה טיילמאָל נויטיג, און דאָס איז ביי נתינת-צדקה... עס טרעפט אָפט, אַז בעת אַנ'אָרימער איד קומט צו אַ גביר און גיסט-אויס פאַר איהם זיין ביטער הארץ, איז אָנשטאָט ער זאָל אַריינשטעקען די האַנד אין טאַש און איהם געבען אַ נדבה, נעהמט ער איהם טרייסטען, אַז ער זאָל האָבען בטחון צום רבונו-של-עולם, אַז דער אויבערשטער וועט איהם אַודאי העלפען... אָט פאַר אַזעלכע לייט האָט דער אויבערשטער בעשאַפען די מדה פון אַפּיקורסות: זאָל ער נישט זיין אַזוי שטאַרק פרום און זיך פערלאָזען אויפ'ן רבונו-של-עולם, זאָל ער נישט זיין אַזאַ שטאַרקער מאמין אין בטחון; אויף איין רגע, פערלאַנגט מען פון אַזאַ גביר, מעג ער ווערען אַ שטיקעל „אַפּיקורס״...

רבי מרדכי באַנעט איז אַמאָל צוגעגאַנגען צו אַ גביר, אַ גרויסער קמצן, נאָך אַ נדבה, האָט זיך יענער אויסגעדרעהט מיט אַ תירוץ: באַשר צדקה, זאָגט ער, האָט ער ליעב צו געבען בסתר, קיינער זאָל דערפון נישט וויסען... אַ פלא'דיגע זאַך! — האָט איהם דער גאון דערויף געענטפערט: — פון אייערע עבירות, וואָס איהר טהוט בסתר, מעגט איהר זיך דערביי ווי היטען און זיך ווי בעהאַלטען, פועל'ט עס נישט און מען ווערט סוף-כל-סוף געוואויר; דאַגעגען פון אייערע מעשים-טובים און צדקה, וואָס איהר גיט בסתר, איז נאָך עד-היום קיין שום מענש נישט געוואויר געוואָרען... מערקווירדיג!

דער קעלמער מגיד איז אַמאָל אַריינגעקומען צו אַ גביר אַ קמצן אויף דער פראַגע פונ'ם גביר: וואָס ער פערלאַנגט? ענטפערט איהם דער

קעלמער, אַז ער איז געקומען איהם מבקר־חולה זיין. וואָס הייסט? — קוקט איהם יענער אָן. — בין איך דען חלילה קראַנק?.. אָ, געוויס — מאַכט דער קעלמער — זענט איהר קראַנק, עס איז אַ בפירוש'ער פסוק: „איש אשר יתן לו האלקים עושר ונכסים וכו׳ ולא ישליטנו האלקים לאכול ממנו וכו׳ זה הבל וחלי רע הוא" (קהלת ו. ב.)... זיצט אַזוי דער קעלמער אַ היבש שטיקעל צייט און שוויגט, און דער גביר ווייסט אַלץ נישט, וואָס ער וויל פון איהם. רבי, — מאַכט ער, — די מצוה פון בקור־חולים האָט איהר שוין, מיין איך, יוצא געווען; וואָס־זשע נאָך ווילט איהר?... ניין, — ענטפערט איהם דער קעלמער, — כ'האָב נאָך נישט יוצא געווען, דען די גמרא זאָגט: „המבקר חולה נוטל אחד מששים בצערו" (נדרים ל"ט)—און אָט בין איך עס טאַקע געקומען צו אייך נאָך דעם „אחד מששים", נאָך דעמדאָזי־גען חלק פון אייער „קרענק"...

דער דובנער מגיד איז אַמאָל געקומען צו אַ קאַרגען גביר בעטען אַ נדבה אויף אַ כלל־זאַך, אָבער דער גביר האָט זיך אָפּגעזאָגט און נישט געוואָלט געבען. פאַר'ן אַוועקגעהן מאַכט דער דובנער צום גביר:

— זייט וויסען, ר׳ איד, אַז איהר זענט מזומן לחיי עולם־הבא.

— וואָס הייסט? — וואונדערט זיך דער גביר און לאַכט. — דערפאַר, וואָס איך גיב נישט קיין צדקה, וועל איך האָבען עולם־הבא?

— אָט הערט, — זאָגט צו איהם דער דובנער, — וועל איך אייך דער־צעהלען אַ מעשה. אין אַ שטאָדט איז געווען אַ גביר אַ קמצן, וואָס האָט פל־ימיו נישט געגעבען קיין פּרוטה אויף צדקה. פאַר'ן טויט האָט ער גע־הייסען, מען זאָל איהם מיטגעבען זיין גאַנץ געלד אין קבר אַריין. האָט מען איהם, פערשטעהט זיך, צוליעב געטהון — „צוואת שכיב־מרע"... אַז ער איז געקומען פאַר'ן בית־דין של מעלה, עפענט מען דעם ספר־הזכרונות, מען טהוט אַ קוק — נישטאָ קיין איין פּרוטה אויף צדקה!

— פאַרוואָס — פרעגט מען איהם — האָסטו נישט מקיים געווען די מצוה פון צדקה?

— דערפאַר — זיפצט דער גביר — ווייל דאָרט אויפ'ן עולם־השקר דרעהען־זיך־אַרום בלויז רמאים, און איך האָב נישט געוואוסט וועמען צו געבען, האָב איך דעריבער מיין גאַנץ געלד מיטגעבראַכט מיט זיך אַהער אויפ'ן עולם־האמת, כדי דאָ עס פונאַנדערצוטיילען...

דערהערענדיג אַזאַ וויכטיגע טענה, האָט דער בית־דין של־מעלה מעיין געווען אין דין און אַרויסגעגעבען אַ פּסק, אַז אויב מען וועט געפינען

נאָך צוויי אַזעלכע, וואָס האָבען געטהון אַזוי ווי ער, איז ער זכאי און ס'קומט איהם עולם-הבא.

האָט מען געזוכט און געפונען בלויז איינעם — קורח'ן, וועלכער איז בעגראָבען געוואָרען צוזאַמען מיט זיין געלד.

— איצט — פיהרט-אויס דער דובנער — וואַרט מען דאָרט אויף אייך מיט אונגעדולד... וואָרום מיט אייך וועלען שוין דאָרט זיין דריי: קורח, יענער קמצן און איהר — וועט איהר זיין אַ „מזומן" לחיי עולם-הבא...

עס איז היינט אַנ'עולם הפוך - האָט זיך דער מלבי"ם אַמאָל אויס-געדריקט: — די ספר-תורה זענען זיך נוהג די מאָדערנע בעלי-בתים צו קושען מיט די הענד, דאַגעגען נדרים זענען זיי מנדר מיט'ן מויל (און בעצאָהלען נישט), אַנשטאָט צו טהון פערקעהרט...

צדקה איז דאָך אַ מצות-עשה, טאָ פאַרוואָס — פרעגט דער רשב"א — מאַכט מען נישט דערויף קיין ברכה, פונקט ווי איבער יעדער אנדער מצוה?... דער תירוץ איז: ווען מען זאָל דאַרפען ביים געבען צדקה מאַכען פריהער אַ ברכה, וואָלטען זיך אָנגעהויבען דערביי, ווי דער שטייגער איז, פערשידענע שהיות, מען וואָלט זיך געגומען מכין זיין, וואָשען די הענד, אַ טייל וואָלטען אויך געלאָפען פריהער זיך טובל זיין, און ביני לביני וואָלט דער אָרימאַן דערוויל אויסגעגאַנגען פון הונגער...

(רבי בונם מפשיסחא)

○

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם. (כה ח.)

גדולה מלאכה! זאָגאַר הקב"ה האָט נישט געמאַכט פריהער רוהען זיין שכינה אויף אידען, ביז זיי האָבען נישט אָנגעהויבען צו בעשעפטיגען זיך מיט אַ מלאכה: „ועשו לי מקדש" — און ערשט דאַן — „ושכנתי בתוכם"...

(אבות דר' נתן, פ' י"א)

ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם" — ביי זיך גופא דאַרף יעדער איד זיך מאַכען אַ מקדש; אין איהם, אין זיין האַרץ גופא, זאָל רוהען די שכינה...

(רבי מנחם-מענדיל מקאָצק)

○

מבית ומחוץ תצפנו... (כה. יא.)

„מבית ומחוץ"... אויב אַ תלמיד־חכם איז נישט תוכו כברו — איז ער נישט קיין תלמיד־חכם...

(יומא ע"ב)

און דאָס איז דער פשט: „כל כבודה בת־מלך פנימה" — דער עיקר כבוד פון דער תורה און דער הויפט־צוועק איז דער „פנימה", דאָס פנימיות, די אינערליכע זויבערקייט...

(כפלים לתושיה)

○

ועשית שנים כרובים... (כה. יח.)

דערפאַר — זאָגט דער רבינו בחיי — ווערט דאָ געברויכט דאָס וואָרט „שנים", נישט „שני", ווייל „שני" בעדייט איבעראַל, אַז זיי זענען ביידע גלייך איינער צום צווייטען, ווי עס ווערט גע'דרש'ענט אויף „שני שעירים", „שני כבשים", „שתי צפרים"; די כרובים זענען אָבער נישט געווען ביידע גלייך, דען איין כרוב איז געווען בצורת זכר, און דער צווייטער — בצורת נקבה, און דעריבער ווערט נישט געזאָגט אויף זיי „שני", נאָר „שנים".

דידאָזיגע ערקלערונג פון רבינו בחיי וועגען דעם אונטערשיד צווישען „שני" און „שנים" איז באמת אַ פלא! אין דערזעלבער סוגיא אין דער גמרא (יומא ס"ב), וואו עס ווערט געזאָגט, אַז „שני — שיהיו שניהן שוין", ווערט דאָך אויפ'ן זעלבען אָרט געזאָגט, אַז אויך די בעדייטונג פון „שנים" איז „שיהיו שניהן שוין"?...

(תורה תמימה)

○

מן הכפורת תעשו את הכרובים... (כה. יט.)

די צורה פון די כרובים איז געווען „ילד וילדה" („דמות פרצוף תינוק להם")... דער סוד און יסוד פאַר שמירת־הארון, פאַר קיום־התורה — איז דער חינוך, די קינדער...

(רבי יאָשע־בער מבריסק)

○

והיו הכרובים פורשי כנפים למעלה... (כה. כ.)

דער תלמיד־חכם און שומר־התורה דאַרף זיך אויסצייכנען אין זיין התנהגות אין אַלע זאַכען. ער דאַרף זיין פון די „פורשי כנפים למעלה",

אָבגעהיט אין די מצוות שבין אָדם למקום, און גלייכצייטיג אויך—„ופניהם איש אל אָחיו", ריין און זויבער אין די ענינים שבין אָדם לחבירו...

(עוללות אפרים)

○

אל הכפורת יהיו פני הכרובים. (כה. כ.)

„כיצד הן (הכרובים) עומדין?... חד אָמר פניהם איש אל אָחיו, וחד אָמר פניהם לבית... כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, כאן בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום"... (ב"ב פ"ט)

ווען אידען טהוען „רצונו של מקום", דאַמאָלס איז „פניהם איש אל אָחיו" – קוקט איין איד אויפ'ן צווייטען, אינטערעסירט זיך איין איד מיט'ן אנדערן... אָבער ווען זיי טהוען נישט „רצונו של מקום", דאַן איז „פניהם לבית" — איז דער [illegible] איד אויסגעדרעהט מיט'ן פנים צום קדשי-קדשים: אַבי ער פאַר זיך [illegible] אַבי ער איז מיט'ן רבונו-של-עולם אין אָרד-נונג; די איבריגע אידען געהען איהם נישט אָן...

(ילקוט מרגליות)

○

ועשית שלחן... (כה. כג.)

„אָרון" און „שלחן" שטעהען צוזאַמען, איינס נאָכ'ן צווייטען, דען — „אם אין קמח אין תורה" און „אם אין תורה אין קמח"...

(שפתי כהן)

○

ועשית מנורת זהב... (כה. לא.)

דערויף זאָגט דער מדרש: „הדא הוא דכתיב פתח דבריך יאיר"...

דער זין פונ'ם דאָזיגען אין פלוג אונפערשטענדליכען מדרש איז פאָלגענדער:

די מנורה האָט געהאַט זיבען קנים — דער ערשטער פסוק פון בראשית ענטהאַלט זיבען ווערטער; עלף כפתורים זענען געווען אין דער מנורה — עלף ווערטער זענען פאַרהאַן אינ'ם ערשטען פסוק פון שמות; ניין פרחים — ניין ווערטער האָט דער ערשטער פסוק פון ויקרא; די הויך פון דער מנורה איז געווען זיבעצעהן טפחים מיט אַ משהו — זיבעצעהן ווערטער האָט דער ערשטער פסוק פון במדבר; צוויי-און-צוואַנציג גביעים — צוויי-און-צוואַנציג ווערטער האָט דער ערשטער פסוק פון דברים... אלזאָ —

„פתח דבריך יאיר: דער אור-המנורה און איהר בעשטאַנד איז מרומז אינ׳ם „פתח דבריך״, אין די ערשטע פסוקים פון די חמשה חומשי תורה...

(ווילנער גאון)

O

מקשה אַחת זהב טהור. (כה. לו.)

„מקשה אַחת״ — די שווערסטע זאַך איז — „זהב טהור״, אַז דאָס פערמעגען פון מענש און זיין געלד זאָל זיין ריין און עהרליך, אָהן אַ שמץ פון שווינדעל און רמאות...

(רשפי אש)

O

והאַמה מזה והאַמה מזה בעודף... (כו. יג.)

„למדה תורה דרך-ארץ, שיהא אָדם חס על היפה״... (רש״י)

דערמיט לערנט אונז די תורה דרך-ארץ, אַז יעדער מענש דאַרף האָבען געפיהל פאַר שענקייט, פאַר עסטעטיק...

תְּצַוֶּה

ז׳ אדר, דער טאג, אין װעלכען משה רבינו איז געשטארבען, גע־פאלט כמעט שטענדיג אין דער װאך, װאס מען לייענט די סדרה „תצוה״; און דעריבער איז אין דערדאזיגער סדרה נישט דערמאהנט משה׳ס נאמען, אלס רמז, אז ער איז אין דערדאזיגער װאך נסתלק געװארען...

(װילנער גאון)

○

ואתה תצוה... (כז. כ.)

פריהער דארף זיין „ו א ת ה״, דו אליין זאלסט קודם־כל זיין אין ארד־נונג, און ערשט דאן „ת צ ו ה״, האסטו רעכט צו דיקטירען און דעם צװיי־טען צו בעפעהלען...

(מעוני־מלך)

○

ויקחו אליך שמן זית זך... (כז. כ.)

ישראל איז געגליכען צו שמן: אלע משקאות מישען זיך צונויף איי־נע מיט דער צװייטער, מיט׳ן אויסנאהם פון בוימאייל, װעלכער לאזט זיך נישט צונויפמישען און בלייבט שטעהן בעזונדער; אויך ישראל לאזט זיך נישט אסימילירען צװישען די פעלקער.

און נאך אן ענליכקייט: אלע משקאות, אויב מען מישט זיי צונויף, איז שוין דאן נישט צו דערקענען, װעלכע משקה איז פון אונטען און װעלכע פון אויבען, מיט׳ן אויסנאהם פון בוימאייל, װאס װיפיעל דו זאלסט איהם נישט װעלען צונויפמישען מיט אנדערע, בלייבט ער שטענדיג פון אויבען; אויך ישראל, װען ער טהוט דעם אויבערשטענס רצון, שטעהט ער דאן העכער פון אלע אומות...

(שמות רבה)

„מה הזית חובטים אותם ואח"כ גותנים שומנן, כך ישראל באין עכו"ם וחובטין אותם ואח"כ עושין תשובה"... (מדרש)

פונקט ווי די זיתים, נאָכדעם ווי מען קלאַפּט זיי, ערשט דאַן גיבען זיי אַרויס פון זיך זייער פעטקייט, אַזוי זענען אויך די ישראל — נאָכדעם ווי עס קומען די עכו"ם און קלאַפּען זיי, ערשט דאַן טהוען זיי תשובה...

אויפ'ן פסוק „ויקחו אליך שמן זית זך" זאָגט דער אבן-עזרא, אַז דער שמן-זית צו דער מנורה האָט געמוזט שטענדיג גענומען ווערען נישט פון קיין יחיד, נאָר פון צבור, און ער בעמערקט דערביי: „ואַל תשתומם בעבור השמן שהביאו הנשיאים — כי הוא היה שמן המשחה".

אַ פּלאַ! ווי קומט עס, אַז דער אבן-עזרא זאָל פערזעהן אַ בפירוש'ן פסוק? עס שטעהט דאָך בפירוש (שמות לה. כח.): „והנשיאים הביאו... ואת השמן למאור ולשמן המשחה" !...

(הרה"ח א. מ. פיורקאָ)

O

וחשב אפודתו אשר עליו כמעשהו... (כח. ח.)

דער אפוד, זאָגען די חז"ל, האָט מכפר געווען אויף עבודה-זרה — און ביי עבודה-זרה איז, לויט'ן דין, מחשבה כמעשה. „וחשב — כמעשהו"...

(ווילנער גאון)

O

ונשמע קולו בבואו אל הקדש... (כח. לה.)

דער טעם פון די פעמוני-זהב ווערט אַמאַיינפאַכסטען ערקלערט דורכ'ן רשב"ם:

בשעת דער כהן-גדול איז אַריינגעגאַנגען יום-כפור אין קדשי-קדשים טהון די עבודה, האָט זיך דאַן קיינער נישט געטאָרט געפינען אין אהל-מועד, ווי עס ווערט דייטליך געזאָגט: „וכל אָדם לא יהיה באהל-מועד בבואו לכפר בקדש עד צאתו" (ויקרא טז. יז.)—און דעריבער, אַלזאָ, איז דער בגד פון כהן-גדול געווען איינגעריכטעט מיט פעמונים, מיט גלעקלעך ביים זוים פון קלייד, כדי עס זאָל זיין „ונשמע קולו בבואו אל הקדש", כדי מען זאָל הערען פונדערווייטענס, אַז דער כהן-גדול געהט, און דער עולם זאָל דאַן בעצייטענס פערלאָזען דעם אהל-מועד...

(רשב"ם)

עניוות, נאכגיביגקייט און שטילע, ווייכע דבורים איז פאר'ן מנהיג-הצבור נישט פון די שטענדיגע מעלות. פארהאן מאמענטען, איבערהויפט ווען עס איז „בבואו אל הקודש", ווען עס האנדעלט זיך וועגען העכערע, גייסטיגע ענינים, דארף דאן זיין „ונשמע קולו", דארף ער רעדען הויך, שטרענג, בעפעהלעריש; אנדערש וועלען זיינע רייד קיין ווירקונג נישט האבען, אנדערש וועט מען איהם נישט הערען...

(הדרש והעיון)

„ונשמע קולו בבואו אל הקדש"... אמאל, אז א קהלה פלעגט אויפ-נעהמען א רב, פלעגט זי קודם-כל מקפיד-זיין, ער זאל זיין א גרויסער למדן, א ירא-שמים, א בעל-מדות; היינט אבער איז „ונשמע קולו בבואו אל הקדש"... היינט, אז מען נעהמט-אויף א נייעם רב, א „משמש-בקדש", פער-הערט מען איהם פריהער דאס קול, צי איז ער א גוטער רעדנער מיט א פיינער שטים, צי קען ער א שענע רעדע האלטען... אלעס איבריגע איז שוין א נעבען-זאך...

(מגד-ירחים)

O

ועשית ציץ זהב... פתוחי חותם קדש לד'. (כח, לו.)

דער ציץ, ווי עס זאגען די חז"ל, האט מכפר געווען אויף עזות און גאוה, און דעריבער זענען אויפ'ן ציץ אויסגעקריצט געווען די ווערטער „קדש לד'", מרמז צו זיין, אז נישט שטענדיג איז עזות א מדה מגונה; פארהאן אויך „עזות דקדושה": ווען עס האנדעלט זיך אין כבוד השם, אין כבוד התורה, דאמאלס איז דורכאויס נויטיג צו בענוצען זיך מיט דערדא-זיגער מדה, דורכאויס ערלויבט...

(חתם-סופר)

און דאס איז דער טייטש: „בשמים ממעל ועל הארץ מתחת" — ווען עס האנדעלט זיך „בשמים", וועגען הימעל, וועגען העכערע, גייסטיגע כלל-ענינים, דאן איז „ממעל", דארפסטו בענוצען די מדה פון גאוה און זיך האלטען הויך, שטאלץ, נישט נאכגעבען, נישט מוותר זיין, נישט אפטרעטען יענעם דעם וועג; דאגעגען „ועל הארץ", אין ערדישע, גשמיות'דיגע ענינים, וועלכע זענען נוגע דיר אליין, איז — „מתחת", דארפסטו ארויסווייזען שפלות און עניוות.

(עולת חדש)

O

והקרבת את הפר... וסמך אַהרן ובניו את ידיהם... (כט. י.)

און אינ'ם ווייטערן פסוק (כט. טו.) שטעהט: „ואת האַיל האחד תקח וסמכו אַהרן ובניו את ידיהם"... דער פר איז געווען אַ קרבן־חטאת, ביי וועלכען מען דאַרף זיך מתודה זיין אויף די זינד, איז דעריבער „וסמך", דאַרף עס טהון יעדער בעזונדער, ביחידות, כדי איינער זאָל נישט הערען דעם צווייטענס ווידוי, דעם צווייטענס חטאים... דער אַיל דאַגעגען איז געווען אַ קרבן־שלמים, ביי וועלכען עס איז נישט נויטיג קיין ווידוי, און דעריבער — „וסמכו", צוזאַמען...

(רבי שלום בעלזער)

○

שנים ליום תמיד. (כט. לח.)

יעדער איד דאַרף שטענדיג טראָגען מיט זיך, אין זיך, צוויי „תמידים": „שויתי ד' לנגדי תמיד" און „וחטאתי נגדי תמיד"...

(אַ חסיד'יש וואָרט)

○

ושכנתי בתוך בני ישראל... (כט. מה)

— נפתלי! — האָט זיך אַ חסיד געווענדעט צו רבי נפתלי ראָפּשיצער, בעת ער איז נאָך אַ קליין יונגעל געווען. — נאַ דיר, נפתלי, אַ גילדען און זאָג מיר: וואו וואוינט דער רבונו־של־עולם?

דערויף האָט איהם רבי נפתלי מניה־וביה געענטפערט:

— נאַט אייך צוויי גילדען און זאָגט מיר: וואו וואוינט ער נישט?...

אויך רבי מענדעלע קאָצקער, אַלס יונגעל, האָט מען דיזעלבע שאלה געשטעלט:

— וואו וואוינט דער רבונו־של־עולם?

און ער האָט געענטפערט:

— וואו מען לאָזט איהם אריין...

כי תשא

כי תשא את־ראש בני־ישראל... (ל. יב.)

אַלס מנהיג און „ראש בני־ישראל" איז ראוי צו זיין בלויז אַזעלכער, וועלכער איז גרייט צו געבען „כפר נפשו לד' בפקוד אותם" — צו דיענען דעם כלל־ישראל מיט מסירת־נפש ממש...

(אַלשיך)

○

ונתנו איש כפר נפשו... (ל. יב.)

דאָס וואָרט „ונתנו", לייענענדיג די אותיות צוריק, מאַכט עס אויך „ונתנו"... פון געבען צדקה ווערט מען נישט אָרימער: מען בעקומט עס צוריק כפל־כפלים...

(בעל הטורים)

○

ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם. (ל. יב.)

בשעת משה רבינו האָט געהערט, אַז דער אויבערשטער הייסט צעה־לען די אידען, איז ער געוואָרען אונרוהיג. עפּעס אַ קליינינקייט? עס ווע־לען זיך אַ לאָז טהון ששים רבוא אידען, יעדער וועט זיך איילען מקיים צו זיין די מצוה, יעדער וועט וועלען זיין דער ערשטער, ס'וועט זיך אָנ־הויבען אַ שטופּעניש און אַ שטויסעניש דורך טהיר־און־פענסטער און עס וועט קומען, חלילה, צו אַ קאַטאַסטראָפע... האָט איהם דער אויבערשטער בערוהיגט: שרעק דיך נישט... בשעת אידען וועלען דערהערען דעם צווייטען טייל פון דער מצוה — „ונתנו איש כפר נפשו", אַז דאָס צעהלען קאָסט געלד, יעדער איינער דאַרף דערביי איינצאָהלען אַ האַלבען שקל, דאַן, זיי זיכער — „ולא יהיה בהם נגף": וועט מען זיך שוין נישט שטו־פּען אַזוי שטאַרק, עס וועט שוין דאַן נישט זיין אַזאַ געלויף...

(רבי יאָשע־בער בריסקער)

אַמאָל, אויב מען האָט אין אַ שטאָדט געוואָלט וויסען, וויפיעל אידען עס געפינען זיך דאָרט, האָט מען עס זעהר לייכט געקאָנט דערגעהן דורך פערשידענע אופנים: מען האָט זיי געקאָנט איבערצעהלען יעדען פריהמאָר־גען אין די שוהלען און בתי־מדרשים; מען האָט עס געקאָנט פעסטשטעלען דורך דער צאָהל קראָמען און וואַרשטאַטען, וואָס זענען געשלאָסען אום שבת; דורך דער צאָהל מזוזות אין די הייזער; מען האָט עס געקאָנט גע־וואויר ווערען ביי די קצבים פון כשר־פלייש. איבעריגענס, איז גענוג גע־ווען בלויז דורכצובלעטערן דאָס בוך פון דער קהלה... היינט אָבער זענען די אַלע סימנים מעהר נישט מאָסגעבענד און אויך די קהלה־ביכער ווייזען נישט מעהר די ריכטיגע ציפער — ווייל ערשטענס, זענען אין מערב־אייראָפּאַ און אין אַמעריקאַ די אידישע איינוואוינער אין יעדער שטאָדט און שטעד־טעל געטיילט אין עטליכע קהלות: שטרענג־אָרטאָדאָקסישע, מעסיג־אָרטאָ־דאָקסישע, ליבעראַלע, רעפאָרמירטע, עקסט־רעפאָרמירטע, און איינע מיט דער צווייטער האָט קיין שום געמיינזאַמעס נישט; צווייטענס, ערקלערען זיך אַ סך אידען אַלס קאָנפעסיאָנסלאָזע, אויסשליסענדיג זיך פון די קהלות... בלויז איין זאַך פעראייניגט זיי נאָך אַלעמען — דער בית־הקברות: דאָס איז אין אַ סך שטעדט דער איינציגער שליסעל, דורך וועלכען מען קאָן אָבשאַצען און אונגעפעהר פעסטשטעלען די צאָהל אידישע איינוואוינער...

און דערויף איז עס געזאָגט געוואָרען: „ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם"! — זעהט, איהר זאָלט, חלילה, נישט צוקומען צו דער מדרגה פון אַזאַ בית־הקברות־אידענטום, אַז ביים „בפקוד אותם", ביים פעסטשטעלען די סטאַ־טיסטיק פון דער צאָהל אידען, זאָלט איהר נישט דאַרפען נעהמען צוהילף דעם „נגף", דעם מלאך־המות און דעם בית־הקברות!...

(דרשות אל עמי)

O

זה יתנו... מחצית השקל... (ל. יג.)

„זה יתנו... הראה לו כמין מטבע של אש"... (רש"י)

מיט התלהבות זאָל מען געבען, מיט פייער, מיט ברען!...

(ספר הדרוש)

די כונה פון מחצית־השקל איז, אַז איין איד אָהן התחברות און אחדות מיט'ן צווייטען איז נישט מעהר, ווי אַ האַלבע נישט פערענדיגטע זאַך, אַ חצי־דבר, אַ פלג־גוף...

(נהר שלום)

O

כל העובר על הפקודים מחצית השקל... (ל. יג.)

יעדער מענש — זאָגען אונז די חז"ל — דאַרף זיך פאָרשטעלען, אַז די וועלט געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון „מחצה על מחצה" און אַז מיט זיינע מעשים קאָן ער אַמאָל מכריע זיין די וואָגשאָל אויף גוט, אָדער אויף שלעכט. טהוט ער אַ מצוה — איז ער מכריע לכף־זכות; אַן עבירה — איז ער מכריע לכף־חוב... אָט דידאָזיגע וואָרעניש איז מרומז אין פסוק: „כל העובר על הפקודים" — בשעת דער מענש האָט ביי טהון אַן עבירה, ביי עובר־זיין אויף איינס פון די פקודים און מצוות־השם, דאַרף ער זיך דורכנעהמען מיט'ן געדאַנק פון „מחצית השקל", גלייך ווי די וועלט וואָלט זיך געוואַקעלט צווישען דעם גלייכגעוויכט פון העלפט־אויף־העלפט און זיינע זינד קאָנען אַמאָל איבערוועגען...

(באר מים חיים)

רבי אלימלך פון ליזענסק האָט אַמאָל געזאָגט צום זוהן זיינעם: ציי ווייסטו, קינד מיינס, פאַרוואָס דער עולם בעלאַגערט מיך אַזוי, פאַרוואָס יעדען טאָג קומען צו מיר אַזוי פיעל מענשען און פערלאַנגען, כ'זאָל זיי פערזאָרגען מיט געזונד און פרנסה? — דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי ווייסען מסתמא, אַז איך בין שולדיג, וואָס עס געהט זיי אַזוי שלעכט, ווייל מיט מיינע זינד האָב איך מכריע געווען די וועלט לכף־חוב...

דער מחצית־השקל איז געווען „לכפר על נפשותיכם", מכפר צו זיין אויף די זינד, און דעריבער האָט מען די אידען געהייסען געבען בלויז אַ מחצית־השקל, אַ העלפט, וואָרום די אַנדער העלפט איז שולדיג דער רבונו־של־עולם כביכול זעלבסט, הלמאי ער האָט בעשאַפען דעם מסית, דעם יצר־הרע, וועלכער טרייבט אונז און צווינגט אונז צו זינדיגען...

(רבי בונם מפשיסכא)

○

העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט... (ל. טו.)

דער גביר וועט מיט'ן נישט־געבען נישט רייכער ווערען, און דער אָרימאַן מיט'ן געבען — נישט אָרימער...

(אמרי שפר)

אין די טעמי המנהגים איז דער טראָפ אויף די ווערטער „העשיר לא ירבה" אַ „מונח רביעי": אַ רמז אויפ'ן מאמר חז"ל, אַז „המבזבז אל יבזבז

יותר מחומש"; אַ פינפטעל זאָל דער מענש אָוועקגעבען, און — „מונח רביעי", פיער חלקים זאָל ער לאָזען פאַר זיך...

(ווילנער גאון)

„העשיר לא ירבה"... אויף דעמדאָזיגען ל א ו האָט נאָך קיין שום גביר, חלילה נישט עובר געווען...

(דרשות אל עמי)

○

סמים נטף ושחלת וחלבנה... (ל. לד.)

רבי פנחס, דער בעל „הפלאָה", האָט אַמאָל צונויפגעקליבען ביי זיך אַ מנין צום דאַוונען. עס זענען שוין געווען צעהן אידען, אָבער ר' פנחס האָט געהייסען וואַרטען אויף אַנ'עלפטען, מחמת צווישען די צעהן האָט זיך געפונען אַ איד אַ קל און ער האָט איהם נישט געוואָלט מצרף זיין צום מנין. יענער האָט עס פערשטאַנען און ער טהוט איהם אויפ'ן אָרט אַ פרעג:

— רבי, די תורה האָט דאָך געהייסען, אַז מען זאָל אויך „חלבנה" אַריינגעהמען צווישען די קטורת?...

— דערפאַר טאַקע — ענטפערט איהם רבי פנחס — האָט מען גע־דאַרפט האָבען ע ל ף סממנים...

○

ראה קראתי בשם בצלאל... (לא. ב.)

גאָט האָט געוויזען משה'ן אַלע דורות ביז תחית־המתים; יעדען דור מיט זיינע מלכים, יעדען דור מיט זיינע מנהיגים, יעדען דור מיט זיינע נביאים...

(שמות רבה)

— פאַרוואָס — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפשיצער — האָט גאָט געוויזען משה'ן פריהער די דורות און ערשט נאָכדעם די מנהיגים? — ווייל די דורות און זייערע פיהרער ווערען וואָס־אַמאָל שוואַכער, וואָס־אַמאָל קלע־נער... טאָ שטעלט זיך פאַר, ווען מען ווייזט משה'ן פריהער די מנהיגים און ער דערזעהט פּלוצים, אַז אויך נפתלי ראָפשיצער איז אין דער חברה, וואָלט ער דאָך זיכער אויפגעשפרונגען פון איבערראַשונג און אויסגעשריען: וואָס? אויך נפתלי איז אַ מנהיג? אויך נפתלי — אַ רבי?... דעריבער האָט מען איהם פריהער געוויזען דעם דור, און דאַן האָט ער זיך שוין מעהר נישט געוואונדערט: אין אַ זאַ דור קאָן שוין נפתלי אויך זיין אַ מנהיג...

(עושר צחצחות)

○

ושמרו בני-ישראל את-השבת... (לא. טז.)

דער שבת איז דער שומר פון די בני-ישראל, דער שבת היט און דערהאלט דעם קיום פון אידישען פאלק...

(רבי משה מקאברין)

וואונדערליך איז די ערקלערונג פון אור-החיים אויפ'ן דאזיגען פסוק, נעמליך: „אימתי אמרתי לך לשמור איש ישראל וכו' דוקא לעשות, פי' באדם שישנו בגדר עמוד לעשות, אבל מי שודאי לא יקום ולא יגיע לשבת לשומרו, הגם שרפואות אלו יועילו לשעות או לימים, לא יחללו עליו שבת" — וואס דאס איז דאך געגען דעם אנגענומענעם דין, געגען די אונצעהליגע מאמרים אין תלמוד, לויט וועלכע „מפקחין על ספק נפשות בשבת" און „אפילו מצאו מרוצץ שאינו יכול לחיות אלא לפי-שעה" א. א. וו.

(א וועלט-קשיא)

○

ויתפרקו כל-העם את נזמי הזהב... (לב. ג.)

די הויפט-סיבה, וועלכע איז גורם צום פריקת-עול, צום אראבווארפען פון זיך דעם עול פון תורה און אמונה, פון מאראל און עהרליכקייט, זע-נען די — „נזמי הזהב", דער אונאויפהערליכער, ווילדער גציעג נאך לוק-סוס, נאך ציהרונג, נאך רייכע טואלעטען פאר זייערע פרויען..

(אור המאיר)

○

לך-רד כי שחת עמך... (לב. ז.)

„לך-רד" — דו מוזט אראבנידערן, דען זיי זענען צו דיר נישט דער-וואקסען, דו ביזט צו-גרויס פאר זיי, נישט פאר זייער מאס... פונקט ווי א מלבוש טויג נישט, אויב עס איז צו-קליין, טויג עס אויך נישט, אויב עס איז צו-גרויס...

(הדרש והעיון)

אינ'ם פסוק „לא תשתחוה לאל אחר" (שמות לד. יד.) איז דאס ווארט „אחר" מיט א גרויסע „ר", כדי מען זאל זיך נישט טועה זיין און מען זאל עס נישט פערבייטען אויף קיין „ד"; דאגעגען ווידער אין פסוק „שמע ישראל וכו' ד' אחד" איז דאס ווארט „אחד" מיט א גרויסע „ד", כדי מען זאל עס נישט פערבייטען אויף קיין „ר"...

און דאָס איז — „רד כי שחת עמך": מיט דער מעשה־העגל האָבען די אידען פערדאָרבען און איבערגעביטען די אותיות „ר ד" די „ר" פון „אחר" און די „ד" פון „אחד"...

(רבי לייביש חריף)

O

למה ד׳ יחרה אפך בעמך אשר הוצאת מארץ מצרים בכח גדול וביד חזקה. (לב. יא.)

וואָסערע טענות קאָנסטו האָבען צו די אידען? — בגוואַלד האָסטו זיי דאָך ארויסגענומען פון מצרים, „בכח גדול וביד חזקה"; זיי אַליין האָבען דאָך עס גאָר איינגאַנצען נישט געוואָלט...

(אור תורה)

אַ גביר האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער פאַר אַנ׳אָרימען קליינשטעדטעלדיגען ישיבה־בחור און, כנהוג, האָט ער איהם געגעבען קעסט און געשטאָפּט איהם מיט די בעסטע און טייערסטע מאַכלים, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גביר... ויהי היום, איינמאָל, ווען דער גביר איז אין דער היים נישט געווען, האָט דער איידעם צופעליג פערבלאָנדזשעט אין קיך—און דערזעהענדיג דאָרט שוואַרץ ברויט מיט ציבעלעס, זיינע אַמאָליגע, טאָג־טעגליכע מאַכלים, האָט ער זיך נישט געקאָנט בעהערשען און ער האָט זיך צוגעכאַפּט דערצו מיט אַזאַ אַפּעטיט, מיט אַזאַ אויסטערלישער תאוה, דאָס ער האָט זיך איבערגעגעסען און איז קראַנק געוואָרען... ווען דער שווער איז אַהיים געקומען און ער האָט דערהערט, וואָס עס האָט מיט דעם איידעם זיינעם פּאַסירט, איז ער שטאַרק אין כעס געוואָרען: דו אַזעלכער און אַזעלכער, דו שוטה איינער! ווי פּאַסטו־אויס זיך אָנצוּעסען מיט דידאָזיגע גראָבע מאַכלים, אין דער צייט, ווען ביי מיר אין שטוב שטעהט גרייט פאַר דיר פון אַלעם גוטען!?... אמת, — פערענטפערט זיך דער איידעם, — אַוודאי זענען אייערע מאַכלים פיעל בעסער; איהר דאַרפט אָבער נישט פערגעסען, שווער־לעב, פונוואַנען איך שטאַם, פון וואָס פאַר אַ קבצנ׳ישער שטוב איך קום אַרויס. דאָרט האָט מען מיך דעם גאַנצען לעבען געקאָרמעט מיט ברויט און ציבעלעס — און דעריבער, אַז כ׳האָב דאָ דערזעהן דידאָזיגע מאַכלים, האָב איך נישט געקאָנט גובר זיין די תאוה, פון אַ רגילות איז נישט אַזוי לייכט אָבצוגעוועהנען זיך!... דאָסזעלבע האָט משה רבינו, נאָכ׳ן מעשה־העגל, גע׳טענה׳ט צו גאָט: „למה ד׳ יחרה אפּך בעמך", נאָכוואָס זאָלסטו, גאָט, אויף זיי אין כעס זיין? פערגעס נישט, פונוואַנען עס שטאַמט דערדאָזיגער

איידעם, מיט וועלכען דו האסט זיך ערשט מתחתן געווען, אין וואס פאר א הויז און צווישען וואסערע מענשען ער איז ערצויגען געווארען — „אשר הוצאת מארץ מצרים"... אין א מקום טומאה און עבודה־זרה האט ער זיך אויסגעהאדעוועט... טא וואס איז דער חידוש, וואס ער קאן אזוי גיך נישט אויסרייסען פון זייך די אלטע, מיאוס'ע רגילות'ן?

(כפלים לתושיה)

○

לוחות כתובים משני עבריהם... (לב. טו.)

„משני עבריהם", זאגען די מפרשים, מיינט מען „נגלה" און „נסתר".

אויב א איד — דריקט־זיך־אויס דער חתם־סופר אין א ן'ארט — זאגט „בנגלה" (עפענטליך), אז ער גלויבט נישט אין „נ ס ת ר" — איז א סימן, אז „בנסתר" (אין געהיים, ביי זיך אין הארצען) גלויבט ער אויך נישט אין „נ ג ל ה"...

○

אם־תשא חטאתם ואם־אין מחני נא מספרך... (לב. לב.)

מיט'ן מעשה־העגל זענען די אידען א צווייפאכע זינד בעגאנגען: בין אדם למקום און בין אדם לחבירו, אי געגען השי"ת, אי געגען משה'ן, בעשטימענדיג א קאלב אלס ממלא־מקומו... האט דעריבער משה ערקלערט: „אם־תשא חטאתם ואם־אין", צי דו ווילסט זיי יא מוחל זיין די זינד, וואס זיי האבען געזינדיגט געגען דיר, צי נישט, אבער קודם־כל, וואס מ י ר אנבעלאנגט, איז — „מחני נא מספרך", מ י ך מעק־אויס, מ י ך מיש נישט אריין אין את דער גאנצער זאך; מ יי ן קשיודע, מ יי ן בעליידיגטען כבוד בין איך מוחל...

(רבי דוד־טעביל ממינסק)

○

והביטו אחרי משה... (לג. ח.)

זאגט דערויף דער מדרש, אז די אידען האבען גערעדט צווישען זיך און געמורמעלט: „אוכל מדילן ושתי מדילן"... אונזערס עסט ער, אונזערס טרינקט ער!...

וואס דען האבען זיי געוואלט? שוין־זשע זענען זיי געווען אזעלכע רשעים, אז עס איז ביי זיי רעכט געווען, אז מען דארף אזא משה רבינו לאזען הונגערן?

נאר דער פשט איז: זיי האבען גערעדט צווישען זיך, אז דאס, וואס דערדאזיגער משה רבינו איז אזא צדיק, איז נישט קיין גרויסע רבותא;

„אוכל מדילן ושתי מדילן"—ער האָט נישט קיין דאגות-הפרנסה, קהל האַלט איהם אויס, טאָ פאַרוואָס זאָל ער נישט זיין קיין צדיק... יעדער איינער פון זיי וואָלט געקאָנט דאָסזעלבע בעווייזען, ווען קהל זאָל אַהם מיט אַלעם פערזאָרגען...

(כתב סופר)

O

פוקד עון אָבות על-בנים... (לד. ז.)

„פוקד", ער מינערט (פון לשון „ולא נפקד ממנו איש") די זינד פון די פאָטערס, „על-בנים", אין זכות פון די קינדער, אויב די קינדער זענען גוט, דען — „ברא מזכה אבא"...

(מהרי"ט אלגאזי)

אַ צווייטער פשט:

„פוקד עון אָבות על-בנים", ער געדענקט די זינד פון די פאָטערס צו די קינדער: אַז די קינדער זינדיגען, איז זייער שולד און שטראָף אַ קלענערע, אויב דערצו האָבען גורם געווען די עלטערן, ווייל זיי האָבען זיי קיין בעסערע ערציהונג נישט געגעבען, ווייל אויך די עלטערן אַליין זענען נישט בעסער געווען, און די קינדער האָבען זיך געהאַט אויף וועמען צו פערקוקען...

(הדרש והעיון)

O

ילך-נא ד' בקרבנו כי עם-קשה-עורף הוא... (לד. ט.)

אַ פעדלער, וועלכער האָט אַרומגעטראָגען הילצערנע לעפעל צו פערקויפען, איז אַמאָל געקומען מיט זיין סחורה אין דער רעזידענץ-שטאָדט, וואו ער האָט אויפגעזוכט די סאַמע שענסטע און רייכסטע גאַס און זיך אַוועקגעשטעלט מיט זיין קרעמעל. אָבער אָבשטעהענדיג אַ גאַנצען טאָג, האָט ער קיין איין גראָשען נישט געלייזט... פערדריסט דאָס איהם און ער וואונדערט זיך: אַזאַ רייכע גאַס, בלויז גבירים, און מען זאָל עס קיין קונה פאַר די אויגען נישט זעהן!... דערזעהט איינער פון די דורכגעהער, ווי אַן אָרימער פעדלער שטעהט פער'דאגה'ט און ברומט עפּעס אַזוי ביין, שטעלט ער זיך אָב און מאַכט צו איהם: אַ רחמנות אויף אייער צייט, דאָ וועט איהר מיט אייער סחורה גאָרנישט מאַכען, דאָ וואוינען בלויז גבירים, זיי דאַרפען נישט קיין הילצערנע לעפעל, זיי עסען מיט זילבערנע... אויב איהר ווילט אָבלייזען אייער סחורה, טאָ זייט זיך מטריח און שפּאַצירט זיך

אריבער אין אָרימען אידישען קווארטאל, וואו עס וואוינען קבצנים; דאָרט„ זעהט איהר, וועט אידר אויף אַייערע הילצערנע לעפעל אַ סך בעלנים גע- פינען...

דאָסזעלבע האָט משה גע׳טענה׳ט צום אויבערשטען: מיט דיינע שלש- עשרה מדות פון רחמים וועסטו אויפ׳ן הימעל, צווישען די מלאָכים דיינע„ גאָרנישט מאכען; זיי האָבען נישט קיין יצר-הרע, זיי זינדיגען נישט און זיי נויטיגען זיך נישט אין אָט דער גאנצער סחורה... „אם נא מצאתי חן בעיניך ד׳״, אויב דו ווילסט באמת מאַכען געשעפט — „ילך־נא ד׳ בקרבנו״— קום צו אונז, צום ביסעל אידען — „כי עם-קשה-עורף הוא״ — וואָרום דאָס איז אַ פאָלק, וואָס האַלט אין איין זינדיגען, און זיי זענען דעריבער די אמת׳ע קונים, וועלכע נויטיגען זיך אין דיינע אַרטיקלען פון סליחה ומחילה — „וסלחת לעוננו ולחטאתנו״ — נאָר ביי זיי וועסטו קאָנען אויסברענגען דאָסדאָזיגע ביסעל סחורה...

(דובנער מגיד)

וַיַּקְהֵל

ויקהל משה את־כל־עדת בני ישראל... (לה. א.)

דערויף זאָגט רש"י: „למחרת יום־הכפורים"... דען יום־כפור, ווי דער שטייגער איז, זענען אַלע אידען גוט און פרום. יום־כפור איז איין איד דעם צווייטען מפייס און אַלע זענען דורכגעדרונגען מיט שלום, אהבה און אחדות, אָבער דויערן דויערט עס און האַלטען האַלט זיך עס בלויז ביז מוצאי יום־כפור... און דעריבער: „ויקהל משה — למחרת יום־הכפורים": ער האָט פערלאַנגט פון זיי, אַז נישט בלויז דעם יום־כפור'דיגען טאָג, נאָר אויך נאָך יום־כפור זאָלען זיי זיין פערזאַמעלט און פעראייניגט צווישען זיך...

(עוללות אפרים)

O

וביום השביעי יהיה לכם קדש... (לה. ב.)

שבת איז דער יסוד, דער פונדאַמענט פון אידענטום... און דעריבער ווערט וועגען שבת געזאָגט: „כי אות היא ביני וביניכם", עס איז אַ צייכען, אַ שילד... עס איז פונקט ווי די שילד, וואָס ווערט אַרויסגעהאָנגען אין דרויסען פאַר יעדען געשעפט און פירמע... כל־זמן די שילד הענגט, ווייסען מיר, אַז די פירמע עקזיסטירט; ווערט אָבער די שילד אַראָבגענומען, דאַן בעדייט עס, אַז די פירמע האָט זיך ליקווידירט, אָדער זיך איבערגעטראָגען אין אַ צווייטען, פרעמדען לאָקאַל...

(מחנה ישראל)

דעריבער ווערט שבת אָנגערופען „שבת מלכתא", דען דאָס איז באמת אונזער „מלוכה אונטערוועגס". אין גלות, אויף פרעמדער ערד, וואו פון אַלע זייטען לויערט אויף אונז די געפאַהר פערשלונגען צו ווערען צווישען

די אַרומיגע שכנים, איז דער שבת אונזער איינציגער בעשיצער, וואָס דער־האַלט און פערהיט אונזער עקזיסטענץ.

(דרשות אל עמי)

„מנוחת אַהבה ונדבה, מנוחת אמת ואמונה וכו׳“... (תפלת מנחה לשבת)

„מנוחת אַהבה“ — מען זאָל זיך בעציהען צום שבת מיט ליעבשאַפט, נישט אויפנעהמען איהם, ווי עפּיס אַן׳עול, אַן׳אָבקומעניש, פון וועלכען מען וואָלט וועלען וואָס־גיכער פטור ווערען... „ונדבה“ — געבען זאָל מען איהם מעהר, ווי עס קומט, מוסיף־זיין מחול על הקודש... „מנוחת אמת ואמונה“ — די שמירת־שבת זאָל זיין אַן׳אמת׳ע, אַן׳אויפריכטיגע, זי זאָל אָבגעהיט ווע־רען בסתר, פונקט ווי בפרהסיא... „מנוחת שלום ושלוה“ — מען זאָל נישט אויסנוצען דעם פרייען שבת׳דיגען טאָג אויף צו פיהרען מחלוקת... „מנוחת השקט ובטח“ — דער איד זאָל דערביי האָבען בטחון, אַז דער שבת וועט איהם חלילה קיין היזק נישט ברענגען, אַז השי״ת וועט איהם ממלא זיין דעם פערלוסט פון שבת׳דיגען פדיון...

(שער בת־רבים)

דעריבער האָבען די מסדרי־התפלה מתקן געווען, אַז אום שבת זאָל מען אַזש צוויי מאָל זאָגען דעם מאמר „אָמר רבי אלעזר וכו׳ תלמידי־חכמים מרבים שלום בעולם“—ווייל שבת, ווען דער עולם האָט צייט און איז אויסגערוהט, פערנעהמט ער זיך דאַן אָממעהרסטען מיט פיהרען קהל׳שע מחלוקת...

(רבי אלעזר פלעקעלש)

„יציאות השבת שתים שהן אַרבע“... (שבת פ״א)

די הוצאות, וואָס אַ איד גיט־אויס אויף שבת ולכבוד שבת, וועלען איהם אומגעקעהרט ווערען מיט פּראָצענט, דאָפּעלט, „שתים שהן אַרבע“...

(אַ חסידיש וואָרט)

רבי יאָשע־בער בריסקער האָט אַמאָל, זייענדיג אין וועג, געהאַלטען שבת אין אַן׳אַכסניה. צו שלש־סעודות זענען גראָד אויסגעגאַנגען די חלות און ס׳איז נישט געווען קיין „לחם־משנה“, צוליעב וואָס רבי יאָשע־בער האָט זיך שטאַרק מצער געווען.

— רבי, — רופט־זיך־אָן איינער פון די אורחים, — מיר ווייסען דאָך, אַז שלש־סעודות קאָן מען יוצא זיין אויך מיט תורה, טאָ מה רעש? זאָגט

אונז אַ שטיקעל תורה, איז אי איהר וועט יוצא זיין מיט שלש־סעודות, אי איהר וועט אונז מהנה זיין מיט אַ פּאָר גוטע ווערטער.

— גאַנץ ריכטיג, — ענטפערט איהם רבי יאָשע־בער, — אָבער צו חלה מיט הערינג קומט עס פאָרט נישט: חלה מיט הערינג קאָן קיינער נישט אָבּוועדען; דאַגעגען אָבער, אַז כ׳וועל זאָגען תורה, קאָן גראָד קומען אַ גרעסערער למדן און עס איינגאַנצען אָבּוועדען, בלייב איך דאַן אי אָהן תורה, אי אָהן שלש־סעודות...

פונוואַנען נעהמט זיך דאָס ווערטעל, וואָס מען זאָגט אויף אַ גאָר גרויסען אביון, אַז ער איז „אַ געזונטער אָרימאַן"?

ווייל אויפ׳ן פּסוק אין בן־סירא „כל ימי עני רעים", אַז אַלע טעג פון׳ם אָרימאַן זענען שלעכט, פרעגט די גמרא: „והאיכא שבתות וימים טובים", און דאַמאָלס איז דאָך איהם נישט אַזוי שלעכט (מחמת שבת און יום־טוב עסט זאָגאָר דער אָרימאַן אַ בעסער מאָלצייט)? קומט דערויף דער ענטפער: „שינוי וסת תחילת חולי־מעים" — אַז צוליעב דעם, הייסט עס, וואָס דער אָרימאַן איז אַ גאַנצע וואָך אָבגעוואוינט פון בעסערע מאַכלים, פערדאַרבט ער זיך ס׳רוב שבת און יום־טוב דעם מאָגען און ער קרענקט נעבעך אי־בער דאָס עסען... ווען מען וויל אַלזאָ אָנווייזען אויף איינעם, אַז יענער איז אַזאַ גרויסער אביון, אַז אפילו אום שבת לעבט ער אויך נישט בע־סער ווי אינדערוואָכען, זאָגט מען דאַן אויף איהם, אַז ער איז „אַ גע־זונטער אָרימאַן" — ער האָט נישט, הייסט עס, אפילו אום שבת מיט וואָס דעם מאָגען זיך צו פערדאַרבען...

(רבי משה קאָברינער)

O

לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת. (לה. ג.)

דער מלבי"ם, אַרויסגעהענדיג איינמאָל יום־טוב פון שוהל, בעגעגענט אין גאָס אייניגע בעלי־בתים פון ליבעראַלען לאַגער מיט ציגאַרען אין מויל. די בעלי־בתים, וועלכע האָבען געהערט צו זיינע געגנער, האָבען אַוועקגע־דרעהט די קעפּ און איהם נישט בעגריסט. לויפט זיי דער מלבי"ם נאָך און שרייט־אויס: גוט־שבת, אידען!

— איהר האָט אַ טעות אין חשבון, רבי... — שמייכלען זיי. — איהר האָט, ווייזט־אויס, פערגעסען, אַז היינט איז יום־טוב...

— אָך, ענטשולדיגט, — פערענטפערט זיך דער מלבי"ם, — טאַקע פערגעסען... כ׳האָב אייך געזעהן רויכערן, האָב איך געמיינט, עס איז שבת...

מען איז אַמאָל אַריינגעקומען שבת צו רבי חיים זאַנענפעלד אין ירושלים און איהם דערצעהלט, אַז אין שכנות וואוינט אַ איד, ביי וועלכען מען מאַכט פייער און מען קאָכט אום שבת. כאַפּט רבי חיים די זשופּיצע מיט׳ן שטריימעל און לויפט אַהין, אין דער אָנגעוויזענער שטוב, וואו ער האָט שוין אָבער גאָרנישט געפונען, מחמת די שטוב-מענשען, דערזעהענדיג דורכ׳ן פענסטער, אַז רבי חיים געהט, האָבען תיכף פערלאָשען דאָס פייער און אַלץ מבער געווען.

— רבי, — רופט זיך דאַן אָן צו איהם דער בעל-הבית מיט תרעומות, — עס איז דאָך עפּעס נישט מעשה דרך-ארץ!... ווי לויפט מען עס אַריין סתם אין אַ פרעמדער שטוב, נישט אָנקלאַפּענדיג פריהער?

— כ׳וועל אייך זאָגען, — מאַכט רבי חיים, — כ׳האָב געהערט, אַז ביי אייך ברענט... און בשעת עס ברענט און מען לויפט ראַטעווען, פאַלען דאַן אַוועק אַלע נימוסים פון דרך-ארץ אָן אַ זייט...

אַנ׳אַרענדאַר איז אַמאָל געקומען צום בעלזער רבי׳ן, רבי שלום רוקח. מאַכט מיט איהם דער רבי אַ שמועס מכח אידישקייט, צי דאַוונט ער יע-דען טאָג, צי איז ער נזהר אין כשרות, צי היט ער אָב שבת וכדומה. ענטפערט איהם דער אַרענדאַר מיט אַ זיפץ, אַז שבת איז ער, ליידער, נישט ביכולת אָבצוהיטען, מחמת די אַרבייט אין פעלד קאָן נישט וואַרטען. נעהמט איהם רבי שלום מוסר׳ן, ווייזט איהם אויף, ווי הייליג דער שבת איז און ווי גרויס עס איז דער עונש פון חלול-שבת. איז דער אַרענדאַר מהרהר בתשובה און זאָגט:

— הייליגער רבי, פון-היינט-אָן בין איך אויף מיר מקבל אָבצוהיטען שבת אַ גאַנץ יאָהר... אַ חוץ אין דער צייט פון שניט, בעת די אַרבייט ברענט...

— הער, מיין קינד, — רופט-זיך-אָן צו איהם רבי שלום, — וועל איך דיר דערצעהלען אַ מעשה:

אַ איד האָט געהאַלטען אַנ׳אַרענדע ביי אַ פּריץ. ויהי היום, האָט דער פּריץ געמאַכט אַ גרויסע סעודה פאַר אַלע פּריצים פון דער סביבה. כטוב לבם, אַז דער עולם איז געוואָרען בגילופין, האָט מען, ווי דער שטייגער איז, אָנגעהויבען רעדען וועגען אידען. איטליכער פּריץ האָט געלויבט זיין איד, אַז זיין אַרענדאַר איז דער קליגסטער און געטרייעסטער. רופט-זיך-אָן דער פּריץ, וואָס האָט געמאַכט די סעודה:

— אונז געטרייען איד, ווי איך האָב, האָט קיינער פון אייך נישט. נישטאָ די זאַך, וואָס ער זאָל נישט גרייט זיין פאַר מיר צו טהון

— אפילו זיך שמד'ן? — כאפט זיך ארויס איינער פון עולם.

— יאָ, — זאָגט דער פריץ, — אפילו דאָס! — און ער שיקט תיכף רופען דעם ארענדאַר זיינעם.

— מאָשקע! — פרעגט ער איהם פאַר אַלע פריצים. — ביזט מיר געטריי?

— געוויס, אדוני פריץ! — ענטפערט דער אַרענדאַר. — פאַר'ן ליעבען פריץ-לעב בין איך גרייט אין פייער און אין וואסער אריין צו געהן!

— נו, וויבאַלד אַזוי, — רופט-זיך-אָן דער פריץ, — פערלאַנג איך פון דיר, מאָשקע, דו זאָלסט זיך שמד'ן און איבערגעהן צו אונזער גלויבען.

ווערט דער איד אַ פערציטערטער, קלערט, קלערט, רייבט דעם שטערן, וויסט זיך קיין עצה נישט צו געבען. אָבער סוף-כל-סוף איז דער פחד פאַר'ן פריץ גובר און ער בעשליסט זיך און ענטפערט מיט אַ האַלב מויל:

— גוט...

און דער פריץ האָט גענומען און איהם אָבגע'שמד'ט.

אין עטליכע חדשים אַרום שיקט דער פריץ רופען איהם און זאָגט צו איהם:

— ווייסטו וואָס, מאָשקע, כ'פערשטעה דאָך, ווי דיין געוויסען נעבעך פייניגט דיך... אַלזאָ איך ערלויב דיר... דו קאָנסט איצט צוריק ווערען אַ איד...

איז דער אַרענדאַר מלא-שמחה אַוועק אַהיים און דערצעהלט דעם וויב די בשורה, אַז דער פריץ ערלויבט זיי צו ווערען צוריק אידען... אָבער אַנשטאָט צו פרעהען זיך, האָט דאָס וויב פערבראָכען די הענד:

— אוי ועה! — מאַכט זי. — וואָס וועלען מיר איצט טהון? עס געהט צו פסח, אַזאַ הוצאָה: מצות, וויין, יום טוב'דיג געפעס... לויף געשווינד, מאָשקע, צום פריץ און בעט איהם ערלויבעניש, מיר זאָלען מעגען זיין גוים ביז איבער פסח!...

○

קחו מאתכם תרומה... זהב וכסף ונחשת. (לה. ה.)

דריי מדרגות זענען פאַרהאַן אין צדקה. די צדקה, וואָס אַ מענש גיט בשעת ער איז פריש און געזונד, פיזיש און גייסטיג — דאָס איז „זהב", די אמת'ע, לויטערע, געוואונשענע צדקה... דאגעגען איז פאַרהאַן אַזעלכער, וואָס בעת ער איז געזונד און פיהלט זיך גוט, וויל ער אַ גראָשען נישט געבען; ערשט ווען ער ווערט קראַנק און ליעגט צו בעט און הויבט-אָן ציטערן פאַר זיין לעבען, ערשט דאַן ווערט ער פלוצים אַ בעל-צדקה —

דידאזיגע צדקה איז שוין בבחינת „כסף", א פיעל קלענערע מדרגה... און נאך איינער איז פארהאן, וואס ביים לעבען, כל-זמן זיינע אויגען זעגען אפען, קאן מען ביי איהם א פרוטה נישט מוציא זיין, און געלד אויף צדקה לאזט ער איבער פונאנדערצוטיילען ערשט נאכ'ן טויט — אזא צדקה איז „נחשת", די סאמע ערגסטע מדרגה...

(מקור ברוך)

ס

וכל-חכם-לב בכם יבואו ויעשו את כל-אשר צוה ד'. (לה. י.)

די גרעסטע חכמה פון אלע חכמות איז נישט צו זיין צו-קלוג, נאר צו טהון דאס, וואס דער אויבערשטער הייסט...

(דבש השדה)

ס

ויבאו האנשים על הנשים... (לה. כב.)

נאכוואס זענען מיטגעקומען די מענער? — ווייל לויט'ן דין טאר מען פון אנ'אשה נישט נעהמען קיין נדבה אהן רשות פון איהר מאן...

(פנים יפות)

ס

כל נדיב לב... (לה. כב.)

אלע אברים זענען אבהענגיג פון הארץ, און דאס הארץ איז אבהענגיג פון דער טאש...

(ירושלמי תרומות)

פון דער טאש איז קענטיג, וואס פאר א הארץ דער מענש פערמאגט...

פאר יעדער מצוה איז מען זיך נוהג צו זאגען: „הנני מוכן ומזומן לקיים המצוה. פארוואס זאגט מען עפיס דאפעלט: „מוכן ומזומן"? — פאר-האן מענשען, וועלכע זענען גרויסע בעלנים צו טהון מצוות, נאר עס זאל זיי קיין געלד נישט קאסטען, „ביז צו דער קעשענע"... און דעריבער זאגט מען: „הנני מוכן ומזומן", כ'בין נישט בלויז גרייט צו טהון די מצוה, נאר אויך צו צאהלען דערפאר מיט „מזומנים"...

(מגד ירחים)

ס

והנשיאים הביאו את אבני השהם ואת אבני המלואים... (לה. כז.)

די נשיאים, די גבירים, מיט זייערע געפראכטע ברילי‍אנטען און עדעל־שטיינער, האט מען געלאזט ווארטען די לעצטע, אויפ׳ן סאמע סוף... זאלען זיי נישט שטעהן אין גרויסען, זאלען זיי וויסען, די רייכע נשיאים, אז די נדבה פונ׳ם מיטעלמאן און זיין ביסעל קופער האט מעהר ווערט און מעהר חשיבות, ווי די עדעלשטיינער פון די גבירים...

(עוללות חדש)

o

ראו קרא ד׳ בשם בצלאל... (לה. ל.)

„אין מעמידין פרנס על הצבור אלא אם כן נמלכין בצבור... לך אמור להם לישראל!" (ברכות נה.)

און דעריבער איז דער דין — ערקלערט דערויף דער תשב״ץ (סימן קל״ה) — אז אויב עס ווערט בעשטימט אין א שטאדט א רב מיט׳ן כח פון מלכות, אהן דעם רשות און רצון פון דער קהלה, האט ער נישט די קראפט פון א דיין מומחה, וועלכער זאל פטור זיין צו בעצאהלען, אויב ער האט שלעכט גע׳פסק׳ענט און זיך טועה געווען בשקול הדעת, וכדומה...

o

בצלאל... למטה יהודה—ואהליאב... למטה־דן. (לה. ל.—לד.)

בצלאל, דעם זוהן פון חשוב׳סטען שבט, האט מען צונויפגעפארט מיט אהליאב, דעם זוהן פון נידריגסטען שבט — צו ווייזען, אז אויפ׳ן גע־ביעט פון חכמה האט יחוס קיין בעדייטונג נישט...

(מצח אהרן)

o

וימלא אותו רוח אלקים בחכמה בתבונה ובדעת... (לה. לא.)

ווארום געווענהליך האט דער, וואס איז א ירא־אלקים, א קנאפע ידיעה אין וועלט־זאכען... און דערפאר טאקע האט פרעה געפרעגט: „הנמצא כזה", צי קאן מען געפינען נאך אזעלכען, וואס זאל פעהיג זיין אנצופיה־רען מיט מלוכה־ענינים און דערביי זאל ער אויך זיין „איש אשר רוח אלקים בו", א פרומער געטליכער מענש... און אט דאס איז געווען די־

רבותא פון בצלאל, דאָס ער האָט פעראייניגט אין זיך אַלע זאכען צוזאַ־מען, „רוח אלקים" צוזאַמען מיט — „חכמה, תבונה ודעת"... און דיזעלבע וואונדערליכע מעלות ווערען אויך פאָראויסגעזאָגט וועגען מלך־המשיח: „ונחה עליו רוח ד׳, רוח חכמה ובינה"...

(אַברבנאל)

אַ מענש קאָן זיין אַ גרויסער צדיק און דערביי גלייכצייטיג אויך אַ גרויסער שוטה... דען די גמרא זאָגט, אַז איידער אַ מענש ווערט געבוירען, ווערט אין הימעל בעשלאָסען, צי ער זאָל זיין אַנ׳עושר, אָדער אַנ׳אָרימאַן, אַ חכם, צי אַ נאַר; דאַגעגען צי זאָל ער זיין אַ צדיק, אָדער אַ רשע, ווערט נישט בעשטימט — ד ע ר ו י ף ווערט יעדען מענש פרייע הענד גע־געבען, די ברירה איז ביי א י ה ם... נמצא, אַז אַ מענש קאָן זיין אַ צדיק, וואָס דאָס איז דאָך אָבהענגיג פון זיין אייגענעם ווילען. און גלייכצייטיג אויך אַ שוטה — מחמת ד אָ ס איז שוין נישט אָן איהם געוועדעט...

(רבי בונם מפשיסכע)

ב ע מ ע ר ק ו נ ג פ ו נ ׳ ם ז אַ מ ל ע ר:

פערקעהרט געפינען מיר אין אבן־עזרא, פ׳ יתרו. הגם — ווערט דאָרט געזאָגט — יתרו האָט געראָטען משה׳ן, ער זאָל אויסקלויבען יראי אלקים, אנשי אמת וכו׳, האָט משה פון זיך אַליין צוגעגעבען: אויך חכמים ונבונים... מחמת נאָר אַ חכם קאָן זיין אַנ׳אמת׳ער ירא־שמים...

○

ולהורות נתן בלבו... (לה. לד.)

צוויי מאָל געפינט זיך, לויט דער מסורה, דאָס וואָרט „ולהורות": א) „ולהורות נתן בלבו", ב) „ולהורות את בני ישראל"... אויב עס איז „ולהורות נתן בלבו", אויב השי"ת האָט דיך געבענשט מיט חכמה און דעת, האַלט עס נישט ביי זיך, בבחינת „ותורתך בתוך מעי", נאָר — „ולהורות את בני ישראל", פערשפרייט עס צווישען פאָלק, בעמיה זיך צו ברענגען דער־מיט נוצען דעם כלל...

(ספר הדרוש)

○

ויכלא העם מהביא. (לו. ו.)

דערויף זאָגט דער בעל־מסורה: „ויכלא העם מהביא" — „ויכלא הגשם"... דען אַזוי איז דער שטייגער: קוים איז „ויכלא הגשם", ווי נאָר עס

ווערט אַביסעל שוואַכער די שפע פון פרנסה, אַזוי איז דאָס ערשטע — „ויכלא העם מהביא”, הערט מען קודם־כל אויף צו געבען צדקה...

(רבי שמעון סופר)

○

והמלאכה היתה דים... והותר. (לו. ז.)

„והותר” — דידאָזיגע מדה פון נדבנות איז פון־דאַמאָלס־אָן איבער־געבליבען ביי אידען, אַלס איינע פון די דריי מדות, מיט וועלכע יעדער איד דאַרף זיך אויסצייכענען, כדי צו זיין אין כלל פון „כי כן יבורך ג׳ב׳ר” — „גומלי־חסדים, בישנים, רחמנים”...

(רבי אלעזר פלעקעלס)

פְּקוּדֵי

אלה פקודי המשכן... (לח. כא.)

עס שטעהט נישט: „אשר פקד משה”, נאָר — „אשר פֻקַד על־פּי משה... ביד איתמר”... כאָטש משה אַליין איז בעשטימט געוואָרען אַלס גזבר, דאָך האָט ער צוגעזעצט צו זיך נאָך אַנדערע פּערזאָנען און צוזאַמען מיט זיי דעם חשבון געמאַכט...

(תנחומא)

צדקה ווערט צונויפגעזאַמעלט דורך צוויי פּערזאָן, און פונאַנדערגע־טיילט — דורך דריי...

— אַלס גבאי של צדקה דאַרף געוועהלט ווערען אַזאַ פּערזאָן, ווי רבי חנינא בן־תרדיון (ווען עלכער, אויסער זיין עהרליכקייט, האָט ער אויך אַליין אַ סך צדקה געגעבען)...

— אויב אַ גבאי של צדקה, בשעת ער געהט־אַרום מיט דער צדקה־פּושקע, געפינט געלד אין גאַס, אָדער עס צאָהלט איהם ווער אָב אַ פריי־וואַטען חוב, טאָר ער דאָס געלד נישט אַריינלעגען צו זיך אין טאַש, נאָר ער מוז עס אַריינוואַרפען אין פּושקע, און ערשט ביי זיך אין שטוב עס אַרויסנעהמען פון דאָרט, כדי די מענשען אין גאַס זאָלען איהם נישט חושד זיין..

— אויב עס בעט ווער דעם גבאי של צדקה, ער זאָל איהם אויס־בייטען די צונויפגעזאַמעלטע קופּערנע מטבעות אויף זילבערנע — מעג ער עס איהם טהון; דאַגעגען פאַר זיך אַליין, פאַר'ן אייגענעם געברויך, טאָר ער נישט בייטען, בכדי נישט צו ציהען אויף זיך קיין חשד, אַז ער פאַר־דיענט פון'ם קורס־דיפערענץ...

— ביים איבערצעהלען די צדקה-געלדער, טאָר מען נישט צעהלען עטליכע מטבעות צוזאַמען, נאָר יעדע בעזונדער...

(בבא בתרא)

אין די צייטען פון בית-המקדש האָט דער גבאי, וואָס איז אַריינגע-גאַנגען אין דער לשכה פון דער עזרה אַרויסצונעהמען פון דאָרט די גע-שפּענדעטע נדבות, נישט געטאָרט טראָגען קיין לאַנג מלבוש מיט איבער-געבויגענע קאַנטען, און אפילו קיין שיך האָט ער נישט געטאָרט טראָגען, און קיין תפילין אויפ'ן קאָפּ, און קיין קמיע אויפ'ן האַלז — בכדי אויסצו-מיידען יעדען מינדעסטען חשד... דען פּונקט ווי אַ מענש דאַרף יוצא זיין פאַר גאָט, אַזוי דאַרף ער יוצא זיין פאַר מענשען — „והייתם נקיים מד' ומישראל"...

(שקלים)

דער ט"ז, דער מחבר פון „טורי-זהב", איז געווען, ווי בעקאַנט, אַנ'איידעם פון ב"ח, רבי יואל סירקש. ווען ט"ז איז געווען רב אין אוסטרהא (וואָהלין), און דער ב"ח — אין בריסק.

ויהי היום, איז דער ט"ז געקומען צו-גאַסט צום שווער קיין בריסק. דער ב"ח האָט זיך, פערשטעהט זיך, זעהר געפרעהט מיט'ן איידעם און איהם שטאַרק מכבד געווען, פערברענגענדיג מיט איהם גאַנצע טעג אין חדושי-תורה.

פרייטאָג פאַרנאַכט האָט דער ט"ז אויסגעלעדיגט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אין די טאַשען, און אָוועקגעגעבען דעם שווער צו בעהאַלטען.

מיטאַמאָל, זינט דעמדאָזיגען מאָמענט, איז אין דער בעציהונג פון שווער צום איידעם אַ שטאַרקע ענדערונג געקומען. אַ גאַנצען שבת איז דער ב"ח אַרומגעגאַנגען, ווי אָנגע'ברוגז'ט, כמעט ווי נישט גערעדט מיט'ן איידעם, כמעט ווי אויסגעמיטען איהם אין פּנים אַריין צו קוקען...

דער ט"ז איז געווען אויסער-זיך פון עגמת-נפש, נישט-קאָנענדיג בשום-אופן פערשטעהן, וואָס דאָ איז פּלוצים געשעהען, מיט וואָס אַזעלכעס ער האָט זיך געגען שווער פערזינדיגט!... מוצאי-שבת, זעהענדיג, ווי דער שווער געהט נאָך אַלץ אַרום ברוגז, האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט מעהר איינ-האַלטען און ער האָט זיך געווענדעט צום ב"ח, ער זאָל איהם זאָגען, מה פשעו ומה חטאתו.

דאָ איז ערשט דער ב"ח אַרויס מיט'ן אמת'ען געוואַלד.

— וואָס! ער האָט נאָך די העזה צו פרעגען!... מיט אַזאַ איידעם האָט עס איהם דער רבונו-של-עולם מזכה געווען!... און דאָס איז אַ רב ביי אידען!...

און זאָגענדיג דידאָזיגע ווערטער, האָט דער ב״ח אַרויסגעשלעפּט דאָס פּעקעל פּאַפּירען, וואָס דער ט״ז האָט איהם פרייטאָג-פאַרנאַכט געגעבען צו בעהאַלטען, און אָנגעוויזען אויף עטליכע אַסיגנאַציעס, וואָס זענען דאָרט געלעגען איינגעוויקעלט, אַסיגנאַציעס אויף אַ סומע פון זעכציג גילדען.

— ווי קומט — האָט ער געשריען — צו אַ רב אַזאַ הון מיט געלד? פונוואַנען נעהמט זיך צו אַ רב זעכציג גילדען?... איז דאָך עס נישט אַנ־דערש, נאָר אָדער ער האָט גענומען שוחד, אָדער ער האָט געריהרט פון די קהל׳שע צדקה-געלדער!... וואָרום פונוואַנען דען האָט ער זעכציג גילדען?

ערשט ווען דער ט״ז האָט איהם פייערליך פערזיכערט, אַז דאָס געלד איז צו איהם געקומען בהיתר, אַז דאָס האָבען איהם די שטאָדטישע בעלי־בתים געגעבען זעכציג גילדען, ער זאָל פּאָהרען קיין קראָקאָ זיך היילען די קראַנקע אויגען — ערשט דאַן האָט זיך דער ב״ח בערוהיגט...

ספר ויקרא

וַיִּקְרָא

אָדם כי־יקריב מכם... (א. ב.)

„מה אָדם הראשון לא הקריב מן הגזל... אַף אַתם לא תקריבו מן הגזל". (רש"י)

די תורה געפינט פאַר נויטיג צו וואָרענען געגען גזל באַלד אין אָנהויב פון דער סדרה — „אָדם כי־יקריב מכם", דאַן אין מיטען דער סדרה — „והסיר את מוראָתו בנוצתה", און דאַן צום סוף פון דער סדרה — „וכחש בעמיתו". דידאָזיגע דרייפאַכע וואָרנונג איז צוליעב דעם, כדי דער מענש זאָל זיך נישט איינרעדען, אַז ברענגענדיג אַ קרבן מעג ער זיך שוין ער־לויבען עמיצען צו בעשווינדלען...

(כלי יקר)

—

„אָדם כי יקריב — לרבות את הגרים". (ירושלמי שקלים פ"א)

אַ טייל מפרשים, צווישען זיי אויך דער מלבי"ם, פּרובען ערקלערען דעם אונטערשיד פון „איש" ביז „אָדם", אַז „איש" בעצייכענט אַ העכערן, חשוב'ען מענש, דאַגעגען „אָדם" איז כולל אַלע קלאַסען און שיכטען; און דעריבער, ווייל דאָ שטעהט נישט „איש", נאָר „אָ ד ם", איז אויך — „לרבות את הגרים".

דידאָזיגע דעפיניציע איז אָבער אין סתירה צו פערשידענע מאַמרי חז"ל, ווי דער בעקאַנטער מאַמר: „אַתם קרוים אָדם ולא הם קרוים אָדם", אָדער דער מאַמר אין זוהר פ' תזריע: „תני, בכמה דרגין אתקרי בר־נש: אָדם, גבר, אנוש, איש, וגדול שבכולם אָדם", דעסגלייכען אין זוהר פ' דברים: „תלמיד־חכם נקרא אָדם, ועם־הארץ לא נקרא אָדם", אויך דרש'ענען די חז"ל אויפ'ן פסוק: „איש כי ידר נדר" — „לרבות את העובדי כוכבים", און נאָך אַזעלכע עהנליכע שטעלען, וועלכע זענען לגמרי מבטל די אויבענדערמאָהנטע השערה.

עס איז דעריבער אָנצונעהמען, אַז דער דרש „לרבות את הגרים" שטיצט זיך נישט אויפ'ן וואָרט „אָדם", נאָר אויפ'ן ווייטערדיגען אויספיהר פון פסוק — „כי יקריב מכם"... מחמת געדאַרפט וואָלט שטעהן: „אָדם מכם כי יקריב", און דאַן וואָלט עס בעדייט: „אַ מענש פון אייערע מענשען" (אַ איד); דערמיט אָבער, וואָס דער „מכם" איז אָוועקגעשטעלט געוואָרען צום סוף, בעדייט עס: אויך אַזאַ מענש, וועלכער שטאַמט נישט דירעקט פון אייך — „לרבות את הגרים"...

(תורה תמימה)

O

וזרקו את־הדם על המזבח סביב... (א. ה.)

„דם" איז דער סימבאָל פון טעמפעראַמענט, זריזות, בעוועגליכקייט, אַקטיוויטעט; דאַגעגען „חלב" איז דער צייכען פון אונבעוועגליכקייט, עצלות, פאַסיוויטעט...ביידע מדות זענען דעם מענשען נויטיג. מען דאַרף אַקטיוו זיין אויף צו טהון גוטס, מקיים צו זיין די מצוות-עשה'ס, און פאַסיוו — נישט צו טהון קיין שלעכטס... אָבער דער זינדיגער פערבייט די ראָליען און מיסברויכט מיט די דערמאָהנטע מדות, אויסנוצענדיג זיי צו פערקעהרטע צוועקען... און דעריבער האָט מען פונ'ם קרבן, וואָס דער חוטא האָט גע־בראַכט, מקריב געווען אויפ'ן מזבח אָט די ביידע טיילען — „דם" און „חלב"...

(כפלים לתושיה)

אויב מען ברענגט אַלס קרבן אַ בהמה, ווערט דאָס בלוט פון אַן'עולה געשפריצט אויפ'ן אונטערשטען טייל פון מזבח — „למטה מחוט הסיקרא", און דאָס בלוט פון אַ חטאת — אויפ'ן אויבערשטען טייל, „למעלה מחוט הסיקרא"; דאַגעגען אויב מען ברענגט אַלס קרבן אַן'עוף, איז פערקעהרט: ביי אַן'עולה ווערט דאָס בלוט געשפריצט למעלה, און ביי אַ חטאת—למטה. פאַרוואָס איז עס אַזוי?

ווייל אַ קרבן-בהמה איז דאָך מקריב אַן'עושר, איז אויב ער ברענגט אַן'עולה, און אַן'עולה ווערט דאָך געבערענגט בתורת נדבה — מאַכט מען דערפון נישט קיין ווענען און מען שפריצט דאָס בלוט „למטה מחוט הסיקרא", ווארום פון וואָס איז דאָ נתפעל צו ווערען? אַן'עושר האָט גע־בראַכט אַ נדבה — מאַי כולי האַי? אויב אָבער ער ברענגט אַ חטאת, און אַ חטאת ווערט דאָך געבראַכט פאַר אַ בעגאַנגענער זינד — איז עס שוין אַ געשעהעניש, אַ גרויס געשעהעניש: אַ גביר זאָל זיך אַליין אָנער־קענען אַלס זינדיגער — דאָס איז אַ זעלטענהייט, אַ מילתא דלא שכיחא...

אַזאַ גביר האָט זיך פאָלקאָם פערדיענט, מען זאָל איהם נוהג-כבוד זיין, און מען שפריצט דעריבער דאָס בלוט „למעלה מחוט הסיקרא ...

אַ קרבן-עוף ווידער איז מקריב אַנ'אָרימאַן, און ביי איהם איז אַלזאָ פערקעהרט: אויב ער ברענגט אַ חטאת, שפריצט מען דאָס בלוט „למטה מחוט הסיקרא", וואָרום אַנ'אָרימאַן זאָל זיך אַנערקענען פאַר זינדיג איז נישט קיין רבותא: ווען איז אַנ'אָרימאַן נישט זינדיג?... אָבער אויב ער ברענגט אַ נדבה, אַנ'עולה, איז עס טאַקע אַ גרויסע רבותא, דען דאָס איז דאָך איבער זיינע כחות — און אַלס צייכען פון חשיבות שפריצט מען דערי-בער דאָס בלוט „למעלה מחוט הסיקרא"...

(רבי יעקב-יצחק מלובלין)

○

ושחט אותו על ירך המזבח צפונה... (א. יא.)

די דריי געפעהרליכסטע תאוות, וועלכע זענען שולט אויפ'ן מענש און וועלכע ער דאַרף מיט אַלע כחות בעקעמפען, זענען: תאוות-האכילה, תאוות-הממון און תאוות-הנשים. און אָט דאָס ווערט אונז אָנגעוויזען בדרך-רמז אינ'ם דערמאָהנטען פסוק:

„ושחט אותו" — צו דער מדרגה פון שחיטת-היצר קאָן מען אַנדערש נישט קומען, נאָר דורך דער אויסראָטונג פון די דריי תאוות: „על ירך" — תאוות-הנשים... „המזבח" — תאוות האכילה... „צפונה" — תאוות-הממון („מצפון זהב יאתה")...

(רבי נחום טשערנאָבילער)

„קדשי קדשים שחיטתן בצפון"... פאַרהאַן, ליידער, צווישען אונזערע יראים וחרדים און אַפילו צווישען די צדיקים און קדושים אַזעלכע, ביי וועלכע „שחיטתן בצפון". וואָס ווי-נאָר עס קומט צו געלד-זאַכען („צפון" איז מרמז אויף געלד: „מצפון זהב יאתה"), דאָ ווערט מיטאַמאָל זייער גאַנץ פרומקייט אָבגעשאָכטען, דאָ קאָנען זיי מעהר דעם נסיון נישט ביישטעהן...

(תולדות יעקב-יוסף)

○

ושסע אותו בכנפיו... (א. יז.)

„מבדילין בעולת העוף ואין מבדילין בחטאת העוף"...

געוועהנליך איז איבעראַל, בכל אומה ולשון, די געזעלשאַפט נישט פעראַנטוואָרטליך פאַר'ן יחיד; עס וועט קיינעם נישט איינפאַלען צו בעשול-דיגען דעם רבים פאַר די זינדיגע מעשים פון אַ פרט. בלויז אידען זע-

נען אין דערדאָזיגער הינזיכט אַנ׳אויסנאַהם, בלויז אויף אידען איז נישט חל דערדאָזיגער כלל...

„מבדילין בעולת העוף״ — אויב אַ איד צייכענט־זיך־אויס און טהוט אַ גוטע זאַך, ברענגענדיג זיך פאַר אַנ׳עולה, אָפפערנדיג זיך פאַר׳ן לאַנד, פאַר די אינטערעסען פון דער מלוכה, דאַן איז „מבדילין״, זונדערט מען איהם אָב פון כלל־ישראל און מען פערשרייבט עס בלויז אויף זיין איי־גענעם חשבון; אָבער „אין מבדילין בחטאת העוף״ — זאָל איין איד בעגעהן עפּעס אַ חטא, אַ זינד, אַ פערברעך, דאַן איז „אין מבדילין״, דאַן נעהמט מען איהם נישט אַרויס פון כלל. דאַן איז דער גאַנצער כלל־ישראל שולדיג, דער גאַנצער כלל־ישראל פעראַנטוואָרטליך...

(ילקוט הדרוש)

○

ריח ניחוח לד׳. (א. יז.)

„נאמר בעוף ריח ניחוח ונאמר בבהמה ריח ניחוח, לומר לך אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכון את לבו לשמים״. (רש״י)

דער „ובלבד שיכון את לבו לשמים״ געהט נישט אַרויף אויפ׳ן „הממעיט״, נאָר אויפ׳ן „המרבה״, אויף דעם, וואָס ברענגט אַ רייכען קרבן; וואָרום דער „ממעיט״, דער אָרימאַן, ער מיינט מיט זיין נדבה זיכער ערנסט – ער איז זיכער „מכון את לבו לשמים״...

(רבי ר׳ בונם)

○

ונפש כי־תקריב קרבן מנחה... (ב. א.)

די מנחת־עני איז בעשטאַנען פון אַ צעהנטעל איפה („מ״ג ביצים וחומש״) פונ׳ם בעסטען מעהל (סולת) און שמן.

איז אויב אַזוי, האָט עס דאָך אויסגעמאַכט פיעל טייערער פונ׳ם קרבן־העוף, וואָס עס האָט געבראַכט דער מיטעל־מאַן, אַ „תור״, אָדער „בן־יונה״ז...

(הפלאה)

○

כי כל־שאור וכל־דבש לא תקטירו ממנו... (ב. יא.)

„שאור״ און „דבש״ זענען צוויי עקסטרעמען, לויט זייערע אייגענ־שאַפטען און טעם זענען זיי דער היפוך איינס פונ׳ם צווייטען... עקסטרע־מען זענען שעדליך און פון ביידע דאַרף מען זיך דערווייטערן... געהן דאַרף דער איד אינ׳ם „דרך־הממוצע״, אינ׳ם „שביל־הזהב״...

(רבי יוסף־שאול נאַטאַנזאָהן)

○

נפש כי־תחטא... (ד. ב.)

אַ מלך האָט געהאַט אַ פּרדס, אין וועלכען עס זענען זעהר שענע פּירות געוואַקסען. האָט דער מלך אַריינגעזעצט אינ׳ם פּרדס צוויי שומרים, פון וועלכע איינער איז געווען אַ הינקענדיגער און דער צווייטער אַ בּלינדער, און ער האָט זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלען אַכטונג געבּען, מען זאָל די פּירות נישט צו׳גנבֿ׳ענען... רופט זיך איינמאָל אָן דער הינקענדיגער צום בּלינדען: זעלטענע פּירות וואַקסען דאָ אין גאָרטען, עס וואָלט אַ יושר געווען צו פערזוכען... זאָגט דער בּלינדער: אַדרבּה, גיבּ אַהערן!... אונמעגליך, — זיפצט דער הינקענדיגער, — דו ווייסט דאָך, אַז כ׳בּין אַ בּעל־מום און קאָן אויפ׳ן בּוים נישט קלעטערן!... און איך — קרעכצט דער בּלינדער — קאָן דאָך אודאַי גאָרנישט אויפטהון, איך זעה דאָך נישט!... האָבּען זיי געטראַכט, געטראַכט, בּיז זיי זענען געפאַלען אויף אַ המצאָה: דער הינקענדיגער האָט זיך אַוועקגעזעצט רייטען אויפ׳ן בּלינדען און אַזוי־אַרום צו די פּירות אויפ׳ן בּוים דערגרייכט און אַ היבּש בּיסעל אויפגעגעסען, אַ היבּש בּיסעל אָבּגעריסען, און מ׳איז זיך אַוועק צוריק יעדער אויף זיין אָרט, גלייך ווי זיי ווייסען פון גאָרנישט... אין עטליכע טעג אַרום קומט־אָן דער מלך און ער דערזעהט, וואָס דאָ איז געשעהען, פרעגט ער: וואו זענען די שענע געראָטענע פּירות אַהינגעקומען? — רופט־זיך־אָן דער בּלינדער: אַדוני מלך, איך זעה דען?!... רופט־זיך־אָן דער הינקענדיגער: אַדוני מלך, איך קאָן דען געהן?!... וואָס־זשע האָט דער מלך געטהון? ער האָט גענומען דעם הינקענדיגען און איהם אַרויפגעזעצט רייטענדיג אויף דעם בּלינדען און געזאָגט: אָ ט ווי־אַ ז ו י איהר האָט עס געמאַכט, אָט ווי־אַזוי!...

לעתיד־לבוא, בּעת דער מענש ווערט געשטעלט לדין, פרעגט מען די נשמה: פאַרוואָס האָסטו געזינדיגט? ענטפערט זי: רבּונו של עולם, נישט א י ך האָבּ געזינדיגט, נאָר דער גוף; אַ סימן — ווי־נאָר כ׳בּין פּטור געוואָרען פונ׳ם גוף, פליה איך מיר אַרום אין דער לופט, ווי אַ ריין, אונשולדיג פייגעלע!... פרעגט מען דעם גוף: פאַרוואָס האָסטו געזינדיגט? ענטפערט ער: א י ך ? איך האָבּ דען כח צו זינדיגען? דאָס האָט די נ ש מ ה געזינדיגט; והראַיה — ווי־נאָר די נשמה איז אַוועק פון מיר, בּין איך אונבּעוועגליך, ווי אַ שטיין!... וואָס־זשע טהוט הקדוש בּרוך הוא? ער בּרענגט די נשמה און זעצט זי אַריין צוריק אין גוף, און בּיידע ווערען צוזאַמען גע׳משפּט...

(ויקרא רבה)

○

אם הכהן המשיח יחטא לאשמת העם... (ד. ג.)

ווערה איז צו דער מדינה, וואס איהר רופא איז פאראליזירט און איהר אויגען-דאקטאר איז בלינד און איהר בעשיצער און פערטיידיגער ווערט אין א פערברעכער פערוואנדעלט!...

(ויקרא רבה)

„אם הכהן המשיח יחטא לאשמת העם"... אויב דער „כהן המשיח", דער געזאלבטער און אויסדערוועהלטער פון פאלק, זינדיגט — איז ער דער-מיט גורם „לאשמת העם", אז אויך דאס פאלק זאל אנהויבען זינדיגען, דען די מאסען פערקוקען זיך אויף איהם, ער דיענט פאר זיי אלס ביי-שפיעל...

(קול אומר קרא)

אשר נשיא יחטא... (ד. כב.)

פארוואס שטעהט אין אלע אנדערע ערטער דאס ווארט „אם": „אם הכהן יחטא", „ואם נפש אחת תחטא", און דא שטעהט סתם: „אשר נשיא יחטא"? — ווייל ביי אלע אנדערע איז עס א ספק: מעגליך, ער וועט זינ-דיגען, מעגליך — נישט; דאגעגען דער נשיא, וועלכער איז דאך שטאלץ ביי זיך („דליביה גס ביה"), וועגען איהם איז גאר קיין פראגע נישט... „אשר נשיא יחטא" — ער וועט אודאי זינדיגען...

(זוהר)

או הודע אליו חטאתו... והביא קרבנו... (ד. כח.)

דערויף זאגט דער מדרש: „הדא הוא דכתיב אדם ובהמה תושיע ד'"...

וואס איז די כונה פונ'ם דאזיגען אונפערשטענדליכען מדרש? —

עס איז בעקאנט דער מאמר חז"ל, אז אויף דער פראגע, וואס פאר א תקנה עס איז פאראן פאר'ן מענש, אויב ער זינדיגט, האט די נבואה געענטפערט: „הנפש החוטאת היא תמות", די חכמה האט געענטפערט: „יביא קרבן ויתכפר", השי"ת אבער האט געענטפערט: „יעשה תשובה"...

און דאס, אלזא, איז דער זין: „והביא קרבנו, הה"ד אדם ובהמה תושיע ד'": לויט'ן ענטפער פון השי"ת איז פאראן א מיטעל — תשובה, דורך וועלכען ביידע זאלען אפגעראטעוועט ווערען פון טויט: אי דער מענש, אי די בהמה...

(ארץ צבי)

ולא ידע ואשם... והביא איל... בערכך... (ה. יז.)

דער קרבן פון אנ׳אשם־תלוי, וואס ווערט געבראכט אויף א ספק־עבירה, דארף לויט׳ן דין האבען דעם ווערט פון נישט־ווייניגער ווי צוויי סלעים; דאגעגען א קרבן־חטאת איז גענוג, אויב עס איז נאר ווערט א „דנקא" (א גאנץ קליינע מטבע, א זעקסטעל פון א דינר).

ווייל ווען א מענש ווייסט נישט, צי ער איז זינדיג, איז עס שווע־רער און הארבער, ווי ווען ער ווייסט יא...

(רבינו יונה)

O

נפש כי תחטא ומעלה מעל בד׳ וכחש בעמיתו... (ה. כא.)

איינס איז ענג פערבונדען מיט׳ן צווייטען: פונקט ווי מען קאן נישט זיין עהרליך צו גאט און פאלש און שלעכט צו מענשען, אזוי קאן מען אויך נישט זיין עהרליך און גוט צו מענשען אהן אמונה און גלויבען אין גאט... „ומעלה מעל בד׳". דאן איז אויך — „וכחש בעמיתו"...

(רבי משה טייטעלבוים)

די זינד פון בין אדם לחברו זענען הארבער, ווי די זינד בין אדם למקום... אזוי זאגט אויסדריקליך דער נביא: „ובפרישכם כפיכם אעלים עיני מכם, גם כי תרבו תפלה אינני שומע — ווייל — ידיכם דמים מלאו"... „קשה עונש גזל הדיוט — לערנען אונז די חכמים — יותר מגזל גבוה"... און „כל שאין רוח הבריות נוחה הימנו אין רוח המקום נוחה הימנו ...

און דערפאר — „נפש כי תחטא ומעלה מעל בד׳ וכחש בעמיתו", ווען דער מענש איז דאפעלט זינדיג, געגען גאט און געגען מענשען, דאן — „והשיב את הגזלה אשר גזל", זאל ער פריהער מתקן זיין דעם חטא, וואס ער איז געגען זיין חבר בעגאנגען, און ערשט נאכדעם — „ואת אשמו יביא לד׳"...

(דובנער מגיד)

מערקווירדיג: לויט דער תורה איז דאך דער ענין פון דיני ממונות פיעל הארבער, ווי די דינים פון איסור־והיתר — און דאך, ווען עס טרעפט ביי וועמען אין הויז א שאלה פון בשר־וחלב, וועט ער זיך נישט צוריה־רען צום עסען ביז ער וועט נישט לויפען צום מורה־הוראה א שאלה פרע־גען; דאגעגען ביי דיני ממונות לויפט קיינער נישט צום דין פרעגען, צי

ער איז נישט חלילה אַמאָל נכשל געוואָרען אין דער זינד פון גזל... ער געהט נישט פריהער, ביז מען שלעפּט איהם בגוואַלד צו אַ דין־תורה, ביז מען שיקט נאָך איהם צוויי און דריי מאָל דעם שמש; און דאָס — געהט ער אויך נאָר דאַמאָלס, ווען עס דוכט זיך איהם, אַז ער וועט די דין־תורה געווינען!... גאַנץ אָפּט, אויב ער פערשפּיעלט די דין־תורה, ווערט ער אין כּעס אויפ׳ן דיין און נישט־זעלטען איז ער איהם מכבד מיט אַ פּאָר שאַרפע בעליידיגונגס־ווערטער — וואָס ער וואָלט זיכער נישט געטהון, ווען דערזעלבער דיין זאָל איהם טריף מאַכען אַ הוהן, אָדער אָפּילו אַלע כּלים פון שטוב, אָדער זאָגאַר אַנ׳אָקס אין דעם ווערט פון עטליכע הונדערט גילדען... מערקווירדיג!

(רבי ישראל סאַלאַנטער)

דער לעמבערגער רב, רבי יעקב אָרנשטיין, וועלכער איז געווען בעקאַנט אַלס גרויסער מקיל, האָט זיך איינמאָל ערב יום־כּפּור בעגעגענט מיט׳ן לעמבערגער דיין, רבי הירצל, וועלכער האָט גע׳שמ׳ט אַלס מחמיר. ביים געזעגענען־זיך דערלאַנגט איהם רבי הירצל די האַנד און ווינשט איהם, ווי דער שטייגער איז: „דער אויבערשטער זאָל געבען, מיר זאָלען האָבען אַ גמר חתימה טובה”.

— איהר — רופט זיך דערויף אָן רבי יעקב אָרנשטיין מיט אַ שמייכעל — דאַרפט שטאַרקער מתפלל זיין, ווי איך...

— פאַרוואָס? — וואונדערט זיך רבי הירצל.

— מחמת איך — ענטפערט איהם רבי יעקב — דאַרף בלויז מורא האָבען, טאָמער האָב איך מכשיר געווען אַ טריפה... מילא, איז עס דאָך נאָר אַנ׳עבירה בין אדם למקום, און דערויף איז יום־כּפּור מכפּר... מיט אייך אָבער, אַלס מחמיר, קאָן דאָך אָפּט פּאַסירען, איהר זאָלט טריף מאַכען אַ דבר כּשר און היזק מאַכען אַ אידען זיין געלד... דאָס איז שוין אַנ׳עבירה בין אָדם לחברו, און דערויף איז דאָך יום־כּפּור נישט מכפּר...

(שמועות טובות)

צו

צַו את אַהרן... (ו. ב.)

בלויז ביי קרבנות-צבור שטעהט דאָס וואָרט „צַו", אַלס געבאָט און פליכט... דאַגעגען ביי קרבנות פון אַ יחיד שטעהט סתם: „אָדם כי-יקריב מכם קרבן... לרצונו"... איך בעפעהל אייך נישט, איהר זאָלט ברענגען קרבנות; נישט מ יין רצון ערפילט איהר דערמיט, נאָר אַייער אייגענעם רצון - „לרצונכם תזבחוהו"...

(מנחות)

„צו את אַהרן — אָמר רבי שמעון ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון-כיס"... (רש"י)

פון יעדען קרבן, וואָס מען האָט מקריב געווען, האָבען די כהנים בעקומען אַ חלק פאַר זיך — חוץ פון אַ קרבן-עולה, וועלכען מען האָט אינגאַנצען פערברענט. עס איז דעריבער נויטיג געווען צו וואָרענען די כהנים און זיי בעזונדערס אויפמערקזאַם צו מאַכען, אַז אויך די „תורת העולה", די דינים וועגען קרבן-עולה, זאָלען זיי גרינדליך אַיינלערנען מיט'ן פאָלק — כאָטש זיי האָבען ביי דער עולה אַ „חסרון-כיס", כאָטש זיי אַליין האָבען פונ'ם דאָזיגען קרבן קיין שום פראָפיט נישט...

(שמן הטוב)

„ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון-כיס" — אַממעהר-סטען דאַרף מען זיך בעמיהען צו מוּנטערן און צו וועקען די התעוררות אינ'ם פאָלק אין דער צייט פון „חסרון-כיס", ווען עס איז קיין פרנסה נישטאָ, וואָס דאָס איז געוועהנליך גורם, אַז די מענשען זאָלען אַריינפאַלען אין יאוש און אָבגעשוואַכט ווערען אין דער אמונה...

(פפלים לתושיה)

○

היא העולה על מוקדה על המזבח... (ו. ב.)

אַ קרבן-עולה ווערט געבראַכט, כדי מכפר צו זיין אויף זינדיגע מחשבות, און דעריבער האָט מען דעמדאָזיגען קרבן אינגאַנצען פערברענט, ווייל — „די הרהורי-עבירה זענען ערגער, ווי די עבירה זעלבסט"...

(יומא)

בעת אַ מענש טהוט תשובה און האָט חרטה אויף דער בעגאַנגענער זינד, זאָל ער נישט אַריינטראַכטען אין דער עבירה, וואָס ער האָט גע-טהון, וואָרום דערמיט בעגעהט ער אַ פיעל גרעסערע זינד, דען „הרהורי עבירה קשים מעבירה"... נאָר זאָל ער חרטה האָבען אין אַלגעמיין, בדרך-כלל, אָהן צו טראַכטען וועגען דער בעגאַנגענער עבירה בפרטות...

(רבי יעקב-יצחק מלובלין)

○

ולבש הכהן מדו בד... והרים את הדשן. (ו. ג.)

די תורה האָט בעפויהלען דעם כהן-גדול, אַז אַריינקומענדיג יום-כפור אין קדשי-קדשים, זאָל ער איבערבייטען די קליידער און זיין ערשטע עבודה זאָל זיין—„תרומת הדשן", צונויפשאַרען און אַרויסטראָגען דאָס אַש... דאָס איז דערפאַר, ווייל בשעת דער הייליגסטער איד איז אינ'ם הייליג-סטען טאָג אַריינגעגאַנגען אינ'ם הייליגסטען מקום, לפני ולפנים, האָט ער אין אַזאַ מאָמענט, זייענדיג פערטיעפט אין סאַמע רוחניות, אין סאַמע קדושה, זיכער געקאָנט פערגעסען אין אַזעלכע קליינליכע, גשמיות'דיגע ענינים, ווי צו בעטען אויף פרנסה פאַר אידען, — און דעריבער האָט מען איהם גע-הייסען, אַז אַריינקומענדיג אַהין, זאָל ער זיך איבערטהון אין וואָכעדיגע קליידער און זיך נעהמען צו דער סאַמע וואָכעדיגער, נידעריגסטער אַר-בייט, כדי ער זאָל זיך דערמאָהנען אין די וואָכעדיגע דאַגות פון זיין פאָלק און אין זיינע אַלטעגליכע בעדערפנישען..

(רבי בונם מפשיסכע)

○

זאת תורת החטאת... (ו. יח.)

אין „איזהו מקומן" ווערט געזאָגט: „חטאת הצבור והיחיד, אלו הן חטאת הצבור — שעירי ראשי חדשים"... איז דאָך עס אַביסעל שווערליך; אָנהויבען הויבט-אָן די משנה מיט „חטאת הצבור והיחיד", און פיהרען פיהרט זי אויס בלויז: „אלו הן חטאת הצבור"! און וואו זענען די „חטאת-

היחיד"?... נאָר, ווי בעקאַנט, זאָגען די חז"ל, אַז דער טעם, פאַרוואָס השי"ת האָט געהייסען מקריב זיין אַ קרבן ראש־חדש, איז — „הביאו עלי כפרה על שמיעטתי את הירח", כדי מכפר צו זיין, הייסט עס, אויף דעם אונ־רעכט, וואָס כביכול איז בעגאַנגען געגען דער לבנה... און דאָס ווערט אַלזאָ געמיינט: „חטאת הצבור והיחיד" — עס איז פאַרהאַן אַזא חטאת, וואָס אַ צבור ברענגט פאַר אַ יחיד, פאַר'ן „יחיד ומיוחד"; דערדאָזיגער חטאת איז — „שעירי ראשי חדשים"...

(רבי ישראל ריזשינער)

במקום אשר ישחטו את העולה ישחטו את האָשם... ((ז. ב.)

דערויף זאָגט רש"י: „ריבה לנו שחיטות הרבה לפי שמצינו אָשם בצבור"...

דידאָזיגע רש"י איז ווירקליך אַ פּלא! ווי בעוואוסט, זענען פאַרהאַן בלויז פאָלגענדע אָשמות: אשם־נזיר, אשם־מצורע, אשם־גזילות, אשם־מעילות, אשם שפחה חרופה און אָשם תלוי. די אַלע אָשמות ווערען געבראַכט פון יחידים. אָבער אַנ'אשם־צבור? — וואו איז דען פאַרהאַן אַנ'אשם־צבור?...

(אַ בעקאַנטע וועלט־קשיא)

אַ טייל ווילען האָבען, אַז דאָ איז אַ טעות־הדפוס: אַנשטאָט „שחיטות הרבה" דאַרף זיין „שׁ ו ח ט י ם הרבה", און אַנשטאָט „לפי שמצינו אָשם בצבור" דאַרף זיין „לפי שׁ ל א מצינו אָשם בצבור". דאָס זאָל זיך בעצי־הען אויפ'ן דרש אין תורת־כהנים: „ישחטו — ריבה כאן שוחטים הרבה, אַף הגרים והנשים והעבדים", און דער פשט אין רש"י זאָל אַלזאָ זיין אַזוי: „ריבה לנו שוחטים הרבה, לפי שׁ ל א מצינו אָשם בצבור נאמר ישחטו רבים". ס'הייסט: היות ווי מ'קאָן דאָך נישט זאָגען, אַז דאָס וואָרט „ישחטו", בלשון־רבים, געהט־אַרויף אויפ'ן צבור, דען מיר געפינען דאָך נישט קיין אָשם ביים צבור, מוז מען דעריבער אָננעהמען, אַז דער „ישחטו" בעדייט אויף „שוחטים הרבה"...

עס איז אָבער שווער דערמיט מסכים צו זיין: ווייל, ערשטענס, וואָלט רש"י צו די ווערטער „שוחטים הרבה" געדאַרפט קלאָר־מאַכען, וואָס מען מיינט דערמיט, און צוגעבען דערצו דעם אויספיהר פון תורת־כהנים „אַף הגרים והנשים והעבדים"; צווייטענס, איז אַביסעל שווערליך זיך צו ער־לויבען צו מאַכען אין איין קורצען זאַץ אַזש צוויי ענדערונגען און אַזש צוויי דרוק־פעהלערן מיטאַמאָל!...

באמת אָבער, ווי עס ווייזט-אָן רבי חיים-אייזיק יוסטמאַן אין זיין ספר „חיי יצחק", זענען די אַלע תיקונים אין רש"י נישט נויטיג און די קשיאָ איז גאָר קיין קשיאָ נישט, דען בימי עזרא, ווי מיר געפינען בפירוש אין פסוק, איז געבראַכט געוואָרען אַ „אשם-צבור"...

○

זאת התורה לעולה למנחה... ולזבח השלמים. (ז. לז.)

דעריבער ווערט דער קרבן-תודה אָנגערופען מיט'ן נאָמען „שלמים", ווייל ער האָט געמאַכט שלום צווישען מזבח, צווישען די כהנים און צווישען בני-ישראל: דער „קרבן-עולה" איז אינגאַנצען געגאַנגען פאַר'ן מזבח, ווע-רענדיג אינגאַנצען פערברענט; פונ'ם „קרבן-חטאת" האָט מען דאָס חלב מיט די אימורים אַוועקגעגעבען דעם מזבח, און דאָס פלייש מיט דער פעל — די כהנים; דאָסזעלבע אויך ביים „קרבן-אָשם". מיט'ן „קרבן-תודה" דאַגעגען האָבען זיך אַ ל ע איינגעטיילט: דאָס בלוט מיט די אימורים האָט מען אַוועק-געגעבען דעם מזבח; דעם חזה ושוק — די כהנים; און דאָס פלייש מיט דער פעל — די בני-ישראל...

(תנחומא)

דער סדר-הקרבנות ענדיגט זיך מיט „שלמים", ווייל דאָס איז דער חשוב'סטער קרבן, דען ער ווערט נישט געבראַכט אויף קיין שום חטא, נאָר ער איז אַ קרבן פון שלום...

גרויס איז דער שלום, וואָרום ער ענטהאַלט אין זיך אַלע ברכות; גרויס איז דער שלום, וואָרום ביי אַלע אַנדערע מצוות שטעהט: „כי תראה", „כי תפגע", „כי יקרא" — אויב די מצוה איז דיר צו-האַנד געקומען, דאַרפסטו זי מקיים זיין; אויב נישט — דאַרפסטו נישט. ביים שלום אָבער שטעהט געשריבען: „ב ק ש שלום ו ר ד פ ה ו" — דו דאַרפסט איהם זוכען, דו דאַרפסט זיך יאָגען נאָך איהם...

גרויס איז דער שלום, וואָרום גאָט אַליין רופט זיך מיט'ן דאָזיגען נאָמען... גרויס איז דער שלום, דען מען טאָר קיין שום מלחמה נישט אָנ-הויבען, אויב מען האָט זיך נישט פריהער מיט שלום געווענדעט — „כי תקרב אל עיר להלחם עליה, וקראת אליה לשלום"!...

גרויס איז דער שלום, וואָרום אין די „מים המאָררים", וואָס מען גיט אַ סוטה צו טרינקען, ווערען אַריינגעלעגט די אויפגעשריבענע פסוקים, אין וועלכע עס געפינט זיך אויך דער געטליכער נאָמען, וואָס ווערט געשריבען

בקדושה. זאָל מיין נאָמען אַפילו — זאָגט גאָט — אָבגעמעקט ווערען אין וואַסער, אַבי עס זאָל ווערען שלום צווישען מאַן און ווייב...

גרויס איז דער שלום, וואָרום בעת דער מלך המשיח וועט קומען, וועט ער נישט אַנדערש, נאָר מיט ש ל ו ם אָנהויבען; דאָס וועט זיין דאָס ערשטע וואָרט זיינס — „מה־נאוו על ההרים רגלי מבשר, משמיע ש ל ו ם"!...

(ויקרא רבה)

עס איז פיעל בעסער — פלעגט זאָגען דער רבי פון לובלין — אַ נישט־אויפריכטיגער שלום, איידער אַן׳אויפריכטיגע מחלוקת.. עס איז פיעל בעסער צו לעבען מיט׳ן חבר בשלום, הגם דערדאָזיגער שלום איז נאָר אַן׳אויפערליכער, נישט פון גאַנצען האַרצען, איידער צו לעבען אין מחלוקת, ווען אַפילו מען מיינט עס ערנסט, צוליב׳ן אמת...

(אור הנפלאות)

שְׁמִינִי

ויאמר משה אל אַהרן קרב אל המזבח... (ט. ז.)

„שהיה אהרן בוש... אָמר לו משה למה אַתה בוש, לכך נבחרת"... (רש"י)

„לכך נבחרת": טאַקע דערפאַר, ווייל דו האַלסט זיך זינדיג, צוליב'ן חטא פון עגל, דאַרפסטו געוועהלט ווערען אַלס ראש... דען — „אין ממנין פרנס על הצבור אלא-אם-כן קופה של שרצים תלויה לו מאַחוריו"...

(אור פני משה)

○

ותצא אש מלפני ד' ותאכל אותם וימותו... (י. ב.)

צוליב פיער חטאים זענען די בני-אַהרן אומגעקומען. איינער פון די חטאים איז געווען, ווייל זיי האָבען נישט געוואָלט חתונה האָבען... אונזער פאָטערס ברודער — האָבען זיי געזאָגט — איז אַ מלך; אונזער מוטערס ברודער (נחשון) איז נשיא; דער פאָטער — כהן-גדול; מיר — סגני-כהונה. מיט וועמען-זשע קאָן אונז אָנשטעהן צו הייראַטען?...

(פסיקתא)

○

יין ושכר אַל-תשת | אַתה | ובניך אתך... (י. ט.)

נאָך די ווערטער „אַל-תשת" און „אַתה" זענען פאַרהאַן סימני-הפסקה. אַ רמז, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע מאָמענטען, ווען עס איז יאָ ערלויבט צו טרינקען, דהיינו: „אַתה ובניך אתך" — אויף אַ שמחת-נישואין; „בבואכם אל אהל מועד" — בעת אַ חנוכת-הבית; „ולא תמותו" — אויף אַ שמחת-הודאָה (אויפשטעהענדיג פון אַ געפעהרליכער קרענק); „חוקת עולם" — אויף אַ ברית-מילה; „ולהבדיל בין הקודש ובין החול" — ויין פון קידוש

און הבדלה; „ובין הטמא ובין הטהור" — אום פורים (המן און מרדכי); „ולהורות את בני ישראל" — אויף אַ סיום („ולהורות" — לערנען)...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

○

וישמע משה וויטב בעיניו. (י. כ.)

משה איז צופרידען געווען, ווייל עס ווערט איבערדריסיג צו זיין שטענדיג אַ מ ל מ ד, עס ווילט זיך טיילמאָל אויך זיין אַ ל ו מ ד. די גאַנצע צייט האָט ער רק געלערנט מיט אַנדערע; איצט איז דאָס ערשטע מאָל געווען, וואָס אַנדערע האָבען אויך מיט א י ה ם געלערנט...

(רבי מאיר-שמחה דווינסקער)

○

אך את-זה לא תאכלו... (יא. ד.)

אַלע אויסגערעכענטע עופות-טמאים (חוץ „פרס" און „עזניה") בעשטעהען פון „דורסים", רויב-פויגעל, און דעריבער זענען זיי אָסור צו עסען, ווייל זייער היציג בייז בלוט ברענגט-אַריין אַכזריות אין מענשען... דאַגעגען ווידער צווישען די אויסגערעכענטע בהמות-טהורות, וועלכע זענען „מעלה גרה ומפריס פרסה", געפינט זיך נישט קיין איין „דורס", און דעריבער זענען מותר צו עסען נאָר אַזעלכע בהמות, וואָס צייכענען-זיך-אויס מיט די דערמאָהנטע צוויי סימנים...

(רמב"ן)

○

ואת-החזיר כי-מפריס פרסה הוא... (יא. ז.)

„כי — ו ו י י ל — מפריס פרסה הוא"... דוקא דערפאַר! כאָטש ביי אַנדערע איז עס אַ סימן-טהרה... ווייל „החזיר הזה פושט את טלפיו ואומר ראו שאַני טהור", ווייל מיט זיין „מפריס-פרסה" איז ער אויסען אַלעמען צו נאַרען און די אויגען צו פערבלענדען, און צוליב-דעם גופא איז ער שוין טמא — צוליב זיין צביעות...

(עוללות אפרים)

„למה נקרא שמו חזיר? — פאַרוואָס הייסט ער ח ז י ר ? — מפני שעתיד הקב"ה ל ה ח ז י ר ו לישראל", ווייל אין דער צוקונפט וועט איהם דער אויבערשטער צוריקגעבען און מתיר-מאַכען צו אידען...

דערדאָזיגער מ"מר ווערט אין פערשידענע ספרים און אויך אין „אור-

החיים" געבראכט אלס מדרש, און אויפ'ן גרונד דערפון האבען זיך שוין אנגעזאמעלט פערשידענע קשיות און פערשידענע פלפול'דיגע תירוצים. ערשטענס, פרעגט מען, איז דאך דאס געגען אונזערע עיקרי-האמונה, לויט וועלכע מיר גלויבען, אז „זאת התורה לא תהא מוחלפת ולא תהא תורה אחרת"ז צווייטענס, איז אויב אזוי, געהט עס דאך שוין אריין אין כלל פון „דבר שיש לו מתירין", סאַ ווי-אזוי קאן א „חתיכת שומן" לויט'ן דין בטל ווערען בששים, וועהרענד א צווייטער דין זאגט דאך, אז „דבר שיש לו מתירין אפילו באלף לא בטל"ז... דערויף ענטפערן די בעלי-הפלפול, אז לעתיד וועט דער חזיר אויך פיזיש געענדערט ווערען, ווערענדיג פער־וואנדעלט אין א בהמה-טהורה מיטביידע סימני-טהרה... אנדערע ענטפערן, אז דער היתר וועט געגעבען ווערען נאר צייטווייליג, להוראת-שעה, אויף דער צייט פון מלחמת גוג ומגוג...

א טייל, ווידער, ווי דער רבינו בחיי און אנדערע מפרשים, פרובען עס ערקלערען אויפ'ן אלעגארישען אופן, אז דאס בעציהט זיך אויף מלכות-אדום, וועגען וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט אין מדרש: „ואת החזיר — זו אדום", און די כונה איז, אז לעתיד וועט אדום שליסען שלום מיט אידען...

פארהאן אבער אזעלכע, וועלכע בעהויפטען, אז אט דער גאנצער מאמר אין לא היה ולא נברא!... „דידאזיגע שטעלע — שרייבט וועגען דעם דער מחבר פון „יפה תואר" — געפינט זיך נישט אין ערגעץ, נישט אין ש"ס בבלי, נישט אין ירושלמי און נישט אין די מדרשים; נישט אנדערש־נאר איינער פון די אחרונים האט אליין דעמדאזיגען מאמר פערפאסט בדרך-הלצה און עס אנגעגעבען אלס מדרש"...

אין א שמועס מיט רבי הערש-לייב וואלאזשינער (נצי"ב) איז אמאל געקומען צו רייד וועגען דעם בעוואוסטען משומד, פראפעסאר ח., וועלכער האט זיך גע'שמד'ט צוליב קאריערע און דאך איז ער אויך נאכ'ן שמד געווען אריינגעטהון דעם גאנצען לעבען אין לערנען און אין לומדות, שטעהענדיג אין א שטענדיגען קאנטאקט מיט פיעל אידישע רבנים, פיהרענ-דיג מיט זיי שאלות-ותשובות און שרייבענדיג זאגאר אליין חדושי-תורה...

ווען מען האט געפרעגט ביי רבי הערש-לייב'ן א מיינונג וועגען דעמ-דאזיגען מערקווירדיגען משומד, וועלכער איז שטארק געשעצט געווען אפילו אין פערשידענע ארטאדאקסישע קרייזען, האט ער א זיפץ געטהון און גע-ענטפערט מיט א מעשה:

ביי איינעם א גרויסען אידישען גביר איז אמאל שווער קראנק גע-ווארען זיין פרוי, א זעהר פרומע און צניעות'דיגע אידענע. מען האט גע-

שיקט רופען די גרעסטע דאָקטוירים, וועלכע האָבען איינגעפונען, אַז בכדי צו דערהאַלטען זי ביים געזונד מוז מען זי אונבעדינגט אָנהויבען שפּייזען מיט חזיר-פליש. קיין אַנדערע רפואָה איז נישטאָ! פערשטעהט זיך, אַז נישט דער מאַן, נישט דאָס ווייב האָבען נישט געוואָלט הערען דערפון. די לאַגע פונ׳ם חולה ווערט אָבער וואָס אַמאָ, ערגער, און די דאָקטוירים האַלטען זיך ביי דאָס זייעריגע: נישט אַנדערש, נאָר חזיר-פלייש! איז מען אַוועק צום רב און מ׳האָט איהם דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע; און ווי דער רב האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אריבער צום חולה און האָט ערקלערט, אַז על-פּי דין מעג זי עסען חזיר... נישט זי מעג, נאָר זי מוז, וואָרום עס איז פּקוח-נפש און עס שטעהט: „וחי בהם — ולא שימות בהם"... מילא, פערפאַלען, האָט די פרומע אידענע מסכים געווען; אָבער ווען דער רב האָט שוין געהאַלטען ביים אַוועקגעהן, האָט זי איהם צוריקגערופען און איהם געבעטען, אַז אויב עס איז שוין יאָ אויף איהר נגזר געוואָרען צו עסען חזיר, פערלאַנגט זי כאָטש, אַז דער רב זאָל בעפעהלען דעם שוחט, ער זאָל שעכטען דעם חזיר אויף כשר, מיט אַ חלף!... דער רב, אַיינהאַלטענדיג זיין שמייכעל, האָט איהר צוליעב געטהון. מען האָט געשיקט נאָכ׳ן שוחט, און נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דער שחיטה, האָט די אידענע פערלאַנגט, ער זאָל אויך בודק זיין די ריאָה, ווי דער דין איז... און שטעלט זיך פאָר אַנ׳אומגליק: ווי צו-להכעיס, האָט מען אויף דער חזיר׳שער ריאָה געפונען אַ שאַלה, וועגען וועלכער דער שוחט אַליין האָט נישט געקאָנט בעשליסען, און עס איז געבליבען, מען זאָל די ריאָה שיקען צום רב... בעטראַכט דער רב די ריאָה און שווייגט; ווענדעט מען זיך צו איהם עטליכע מאָל, מען וויל וויסען דעם רעזולטאַט, — טהוט ענדליך דער רב אַ זיפץ און זאָגט: שווער צו ענטפערן... ווען אַזאַ שאַלה זאָל זיך טרעפען ביי אַ בהמה-טהורה, וואָלט איך איין רגע נישט געקלערט און וואָלט גלייך געענטפערט: „כשר"; אָבער דאָ, אין דעם פאַל, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען אַ חזיר, ווי-אַזוי קאָן איך זאָגען: „כשר", ווען ער מיט זיין גאַנץ כשרות פון אַלע זייטען איז ער דאָך סוף-כל-סוף פאָרט אַ חזיר... פאָרט אַ חזיר!...

(מקור ברוך)

פאַרוואָס רופט מען אַ קמצן „דבר אחר"? ווייל על-פּי-רוב איז אַזעלכער, וועלכער האָט פערמאַכטע הענד, נישט פויל אויף די פיס: „כי מפריס פרסה הוא" — פאָרען, לויפען, עוסק זיין אין גבאות, געהן מיט אייך צו יענעם נאָך אַ נדבה, דאָס אַלץ וועט ער אייך נישט זשאַלעווען; אָבער „וגרה לא יגר" — זיינס אַ פינפערל, דאָס וועט איהר ביי איהם נישט מוציא זיין, דאָס — לאו!...

(אַ פאָלקס-ווערטעל)

דער קעלמער מגיד איז אַמאָל געקומען קיין מינסק זאַמלען געלד אויף אַ דבר־טוב. אָבער די גבירים האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר האָרט־לייביג און עס איז שווער געווען ביי זיי מוציא צו זיין. שבת, ביים דאַוו־נען, ווען אין שוהל זענען געווען פערזאַמעלט אַלע שענע בעלי־בתים, איז דער קעלמער פאַר קריאַת־התורה אַרויף אויף דער בימה, אַ פּאַטש געטהון אין בעלעמער און אויסגערופען: רבותי! דערמיט בין איך מכריז ומודיע, אַז דער איסור פון „חלב־עכו״ם״ איז אויף מינסק נישט חל — פון־היינט־אָן מעג מען אין מינסק טרינקען גוי'אישע מילך!... און זעהענדיג, ווי דער גאַנצער עולם קוקט אויף איהם פער'חידוש'ט, נעהמט ער זיי מסביר זיין:

— דער גאַנצער איסור — זאָגט ער — אויף „חלב־עכו״ם״ איז דאָך בלויז צוליב דעם חשש, טאָמער האָט דער גוי אַריינגעמישט חזיר־מילך; מינסק דאַרף אָבער דערפאַר נישט מורא האָבען, דען די מינסקער חזירים לאָזען זיך נישט מעלקען...

O

ואת החסידה... (יא. יט.)

„למה נקרא שמה חסידה? — שעושה חסד עם חברותיה״. (חולין ס״ג)

און אויך אין רש״י אויפ'ן אָרט: „ולמה נקרא שמה חסידה? — שעושה חסידות עם חברותיה במזונות״... לויט'ן דאָזיגען דרש ווערט אָביסעל קשה די ערקלערונג פון רמב״ם, רמב״ן און פיעל אַנדערע מפרשי־התורה, וועלכע ערקלערען דעם טעם, אַז דערפאַר ווערען די אַלע אויסגערעכענטע עופות ערקלערט אַלס „טמאים״ און זענען אָסור־באַכילה, ווייל זיי אַלע צייכענען־זיך־אויס מיט אַכזריות. אויב־זשע אַזוי, טאָ פאַרוואָס ווערט אויך די „חסידה״, וועלכע איז געריהמט מיט איהר רחמנות, אַריינגערעכענט אין כלל פון די טמאים?...

(תורה תמימה)

אויף דערדאָזיגער פראַגע ווערט געענטפערט בדרך־הלצה, אַז דערפאַר איז די חסידה אַריינגערעכענט צווישען די עופות־טמאים, ווייל „שעושה חסידות עם ח ב ר ו ת י ה״ — ווייל דידאָזיגע „חסידה״ געהערט צו יענעם סאָרט געוויסע חסידים, וואָס אויסער די „חברות'ה״, די אייגענע „אַנשי־שלומנו״, געהט זיי קיינער נישט אָן...

O

אַךְ את־זה תאכלו... (יא. כא.)

וואונדערליך! עס איז שוין טויזענדער יאָהרען, זינט די תורה איז גע־שריבען געוואָרען — און דאָך, אויסער די בהמות און עופות, וואָס זענען

אויסגערעכענט אין חומש, האָט נאָך קיינער במשך פון דער צייט נישט בע-וויזען אויסצוגעפינען נאָך אַ בהמה, אָדער עוף, וואָס זאָל האָבען אין זיך די אָנגעצייכענטע סימני-טהרה...

(כוזרי החדש)

○

אַל תשקצו את נפשותיכם בכל-השרץ... (יא. מג.)

אַראָבצושלינגען אַ שרץ, דאָס קלענסטע, מינדעסטע ווערימעל, דערין איז דער עולם שטאַרק נזהר; דאַגעגען איינצושלינגען אַ לעבעדיגען מענ-שען — דאָס איז פון די גאַנץ לייכטע זאַכען!...

(רבי ברוך מעזשיבוזשער)

צו רבי חיים בריסקער זענען אַמאָל געקומען עטליכע פּראָסטע אי-דען מיט אַ שאלה: איינער, וואָס איז ידוע אין בריסק פאַר אַ גנב, מאַכט אַ שמחה, אויף וועלכער זיי מוזען געהן, זיי קאָנען איהם נישט אָבזאָגען, ווילען זיי דעריבער וויסען, צי מעג מען ביי אַזאַ איינעם עסען?

האָט רבי חיים זיי געהייסען וואַרטען אַ ווייל און ער האָט געשיקט רופען דעם גנב, מיט וועלכען ער האָט זיך פערמאַכט אין אַ חדר-מיוחד.

— הער זיך איין, — זאָגט צו איהם רבי חיים, — כ'וויל ביי דיר עפּעס פרעגען, אָבער דו זאָלסט מיר זאָגען דעם אמת; דו ווייסט דאָך, אז מיר קאָנסטו זיך אָנטרויען, פאַר מיר דאַרפסטו קיין מורא נישט האָבען.

— פרעגט, רבי, — ענטפערט דער גנב, — איך שווער אייך, אז אייך וועל איך זאָגען דעם ריינעם אמת.

— זאָג-זשע מיר, — טרעט רבי חיים צו צום ענין, — ווי איז, אז עס קומט-אויס צו געהן גנב'ענען אום שבת?

— געהט מען, — ענטפערט דער גנב געלאַסען.

— ווי איז, אז מען דאַרף אָנצינדען פייער?

— צינדט מען.

— און אַז מען דאַרף ברעכען אַ שלאָס?

— ברעכט מען.

— און ווי איז, — פרעגט רבי חיים ווייטער, — אז עס קומט-אויס צו געהן גנב'ענען ביי אַ גוי?

— וואָס איז אַ גוי? — שמייכעלט דער גנב. — גוי'איש געלד איז קיין געלד נישט?

— און ווי איז, אַז איהר געפינט ביים גוי אַ זייטעל טריפה פלייש, אָדער אַ שטיק חזיר?

— וואָס זאָל זיין? נעהמט מען עס צו.
— וואָס טהוט איהר דערמיט?
— מען פערקויפט עס אַ גוי.
— פאַרוואָס עסט איהר עס אַליין נישט אויף?
— ס'הייסט? — חידוש'ט זיך דער גנב — עסען טריפות? חזיר?
— נו, און גנב'ענען ביי יענעם מעג מען יאָ? אָנצינדען פייער און ברעכען שלעסער אום שבת איז יאָ רעכט? איז דען טריפות עסען אַ גרע־סערע עבירה?
— זאָלט איהר געזונד זיין, רבי, — בעליידיגט זיך דער גנב, — א י ה ר זאָלט דאָס זאָגען? וואָס פאַר אַ פערגלייך?... גנב'ענען איז אונזער פּרנסה, און אַז עס קומט־אויס שבת, וואָס זאָל מען טהון? אָבער עסען טריפות? זאָל דער אויבערשטער אויסהיטען! זענען מיר דען, חלילה, קיין אידען נישט?...
שוין, — געזעגענט איהם רבי חיים, — קאָנסט געהן.
און דאַן האָט ער אַריינגערופען די אידען, וועלכע האָבען געוואַרט אויף אַ תשובה, און זיי געענטפערט:
— אויף מיין אַחריות... אויב די סעודה איז נאָר נישט געפּראַוועט פאַר געגנב'עט געלד, מעג מען ביי איהם עסען...

○

להבדיל בין הטמא ובין הטהור... (יא. מז.)

איינער פון די טעמים, וואָס די תורה האָט געגעבען אויף שחיטה, איז — „להבדיל בין הטמא והטהור”; אָבער אָנשטאָט צו מאַכען אַ הבדל צווישען די ב ה מ ו ת, איז דער ענין שחיטה, ליידער, געוואָרען אַן אָפּטער „סלע־המחלקות”, וואָס ברענגט אין אַלע שטעדט און שטעדטלעך צו הבדל און פירוד און שנאָה צווישען אידען זעלבסט!...

(דרשות אל עמי)

———

צו רבי יהושע'לע קוטנער זענען אַמאָל געקומען עטליכע גערער חסידים פון אַ דערביייאיג שטעדטעל מיט אַן אָנקלאָגע אויף זייער שוחט, אויף וועלכען זיי האָבען אויסגערעדט כל דבר אָסור און האָבען פער־לאַנגט, אַז רבי יהושע'לע זאָל אַסר'ן זיין שחיטה. דער קוטנער רב האָט גענומען חוקר־ודורש זיין און איז דערגאַנגען, אַז די איינציגע סיבה פון זייער התנגדות צום שוחט איז בלויז דאָס, וואָס ער געהערט נישט צו זיי־ער חברותא און ער פאָהרט צו אַן אַנדער רבי'ן...

איצט — רופט-זיך-אָן צו זיי דער קוטנער רב — איז מיר שוין פערשטענדליך, פאַרוואָס דער רבונו-של-עולם האָט צוגעגרייט פאַר די צדיקים לעתיד-לבוא אַ שור-הבר מיט אַ לויתן. אין פלוג: וואָס דאַרף מען ביידע זאַכען? וואָלט דען נישט גענוג געווען, לאָמיר זאָגען, אַ שור-הבר אַליין? — נאָר דער תירוץ איז: דער רבונו-של-עולם האָט מורא, טאָמער וועלען, למשל, די גערער חסידים נישט וועלען עסען פון זיין שחיטה, ווייל ער איז נישט קיין גערער חסיד, האָט ער דער-בער צוגעגרייט אויך אַ לויתן — זאָלען זיי כאָטש עסען אַ שטיקעל פיש...

רבי אליהו גוטמאַכער, וועלכער איז געווען רב אין גריידיץ (אַ שטעדטעל אין פרייסען), איז, כידוע, געווען מפורסם אַלס אַ גרויסער צדיק און בעל-מקובל. ער האָט געפיהרט אַ שטאָט פון אַ גוטען איד, „געפראַוועט טיש״, געטיילט שיריים און גענומען קוויטלעך

איינמאָל איז אַ חסיד'ישער איד פון פוילען געקומען קיין גריידיץ וועגען געשעפט, איז ער אַריין צום רב, ר' אליהו גוטמאַכער. דערזעהט ער פאַר זיך אַ רבי'ן מיט אַ'עולם חסידים אַרום טיש, גאָר ווי אין פוי-לען. איז עס איהם געווען אַ גרויסער חידוש: אַ רבי אין פרייסען? — זעצט ער זיך ביים טיש, הערט תורה, כאַפּט שיריים, זינגט זמירות און קאָן זיך אַלץ נישט אָב'חידוש'ן, אַז דאָס זאָל געמאָלט זיין אין פרייסען...

אַז דער איד איז געקומען אַהיים, קיין פוילען, איז ער געפאָהרען צו זיין רבי'ן, דערצעהלט ער דעם רבי'ן, אַז זייענדיג אין פרייסען, האָט ער דאָרט געטראָפען אַ גוטען איד.

אַ גוטער איד אין פרייסען? — חידוש'ט זיך דער רבי.

— יאָ, רבי — ענטפערט דער חסיד, — אַ גוטער איד, אַ צדיק, אַ רבי.

— אַנ'אמת'ער רבי מיט באָרד-און-פיאות? — חידוש'ט זיך ווייטער דער רבי.

— יאָ, אַ לאַנגע באָרד, מיט פיאות, מיט אַ שטריימעל.

— אַ שטריימעל? אין פרייסען?

— יאָ, אין פרייסען.

— און וואָס איז מיט יראת-שמים? דאַווענט אַלע טאָג?

— שייך דאַווענען! מיט הכנות, מיט מקוה, ביז האַלבען טאָג.

— און ווי דאַווענט ער? נוסח-אַשכנז?

— חלילה! נוסח-ספרד, על-פי האר"י.

— און מ'פאָהרט צו איהם?

— אַ שאלה! אַנ'עדה אידען, אָהן עין־הרע. אין אַ פשוט'ען שבת זיצען אַ פּאָר מנינים ביים טיש.

— אַ פּאָר מנינים? און ער פּראַוועט?

— אַודאַי. פיהרט אַ טיש שעה'ן־לאַנג.

— מיט זמירות?

— מחיה'דיגע ניגונים, מיט אַ מיז התלהבות, מיט דבקות.

— און זאָגט תורה?

— שייך תורה? זוהר, קבלה, סוד!...

— זוהר, סוד? אין פּרייסען? — קאָן זיך דער רבי נישט אָב'חידוש'ן.

— יאָ, אין פּרייסען... — ענטפערט דער חסיד.

— און טיילט שיריים?

— יאָ... יאָ.

— און דו האָסט אויך געכאַפּט?

— יאָ, אָבער... נאָר פיש...

— וואָס עפּיס נאָר פיש? — פרעגט דער רבי.

— פליִיש... — שטאַמעלט דער חסיד: — עפּיס האָב איך נישט געקאָנט פועל'ן ביי זיך... כ'וויס... פאָרט פּרייסען!...

כי תַזְרִיעַ

אשה כי תזריע וילדה זכר... (יב. ב.)

ווי אַן׳אַיינגעוויקעלטער פנקס, ליעגט דאָס ז אין דער מוטערס בויך:ביידע הענטלעך פערלעגט אויף ביידע שלייפען, ביידע אָרעמס — אויף ביידע קניען, ביידע פיסלעך צונויפגעפרעסט אויף הינטען, דאָס קעפעל אַראָבגעבויגען צווישען דער שויס, דאָס מייל׳כעל פערשלאָסען, דער נאָפּעל אָפען. ערנעהרענדיג זיך דערפון, פון וואָס די מוטער עסט און די מוטער טרינקט... און אַז עס קומט די צייט, אַרויסצוגעהן אויף דער וועלט, הויבט דאָס קינד אָן וויינען, און דער מלאָך מוז עס מיט געוואַלד אַרויסטרייבען פון דאָרט, בעפעהלענדיג שטרענג: „על־כרחך אתה חי!"...

([illegible]ה ל.)

דאָס קינד וויינט אויף דער אַלטער וועלט, וואָס עס איז געצוואונגען צו פערלאָזען, און אויף דער נייער וועלט, אין וועלכער עס שטעהט־פאָר דעם געבוירענעם מענש דורכצומאַכען זיעבען עולמות, זיעבען תקופות... די ערשטע תקופה, אינ׳ם ערשטען יאָהר, איז ער ממש אַ מלך; אַלע לויפען איהם זעהן, אַלע ווילען איהם אָנקוקען, און מען האַלזט איהם, און מען קושט איהם... די צווייטע תקופה, אינ׳ם צווייטען יאָהר, איז ער שוין גע־גליכען צו אַן׳אומריין בעשעפעניש, וואָס וואַלגערט זיך אין שמוץ... נאָך די צוויי יאָהר הויבט־זיך־אָן פאַר איהם די דריטע תקופה, ווען ער ווערט עהנליך צו אַ יונגער, שפרינגענדיגער ציעג; טאַטע־מאַמע קוועלען פון איהם, און ער טאַנצט און לאַכט און פרעהט זיך, און אַלע פרעהען זיך מיט איהם... שפעטער, אונטערוואַקסענדיג, קומט פאַר איהם די פיערטע, די בחור׳שע תקופה; ער איז דאַן עהנליך צו אַ געזונד, קרעפטיג פערדעל, וואָס לויפט האָפערדיג איבער די גאַסען און האָט הנאָה פון זיינע יונגע בחור׳שע כחות. אַזוי ביז אַכצעהן יאָהר... פון־דאַן־אָן געהט ער אַריבער

אין אַ פינסטער תקופה, וועלכע ציהט זיך ביז פיערציג יאָהר. אין דידאָזיגע יאָהרען איז ער געגליכען צו אַ שווער-פערהאָרעוועט אייזעל: ער האָט חתונה, האָט קינדער, וועלכע ער דאַרף מפרנס זיין, און ער לויפט אַרום און זוכט שפייז פאַר זיי — און די משא אויף זיינע פלייצעס וואַקסט און ווערט וואָס-אַמאָל שווערער... און דאַן געהט ער אַריין אין דער זעקסטער תקופה, ווען ער ווערט צוליב'ן עול-הפרנסה פערוואַנדעלט ממש אין אַ הונד, אין אַ חוצפה'דיגען הונד, וואָס שמעקט און נישטערט און איז גרייט אויף אַלעם, נעהמט ביי דעם און כאַפּט ביי יענעם, אָראָבוואַרפענדיג פון זיך יעדע בושה... ביז ער ווערט אַלט, ביז עס קומט די זיעבעטע, די לעצטע תקופה, די תקופה פון זקנה; זיין פנים און געשטאַלט ווערט געענדערט און עהנליך צו אַ מאַלפּע. עטליכע מאָל פרעגט ער איבער אַ וואָרט, ער עסט ווי אַ יונגעל, לאַכט ווי אַ קינד, און דער שכל ווערט ביי איהם אַ קינדערשער... און זאָגאַר זיינע אייגענע קינדער און שטוב-מענשען מאַכען פון איהם חוזק און זידלען איהם און האָבען איהם פיינט – און אַז ער וויל עפּעס זאָגען, לאָזט מען איהם דאָס מויל נישט עפענען... אַפילו קינדער שפּעטען פון איהם, און דאָס קול פון מינדעסטען פייגעלע וועקט איהם אויף פון שלאָף...

און ווען דער זמן פון זיין לעבען איז געענדיגט, בעווייזט זיך צו איהם דער מלאך, דערזעלבער מלאך, וועלכער האָט איהם פון דער מאַמעס בויך אַרויסגעטריבען, און ער דערמאָהנט איהם, אַז עס איז שוין געקומען די צייט, אָוועקצוגעהן פון דער וועלט... ער הויבט דאַן אָן וויינען, און זיין געוויין טראָגט זיך מסוף-העולם ועד סופו, הגם קיינער פון די לעבעדיגע מענשען הערט דאָס נישט... אָבער שטרענג איז דעם מלאך'ס בעפעהל: קום מיט מיר!... שטרענג איז דער אורטייל: „על־כרחך אתה מת"!...

(לויט'ן תנחומא)

בשעת עס קומט די צייט, ווען דער מענש דאַרף זיך שיידען פון דער וועלט, בעווייזען זיך פאַר איהם דריי שלוחים, און ער זעהט דאַן אַזעלכעס, וואָס קיין שום בן-אָדם איז ביים לעבען נישט אימשטאַנד צו זעהן. דאָס איז דער טאָג, ווען דער מלך פון דער וועלט פערלאַנגט צוריק זיין פקדון... נישטאָ קיין גרעסערער צער, ווי דער צער, ווען די נשמה דאַרף זיך אָבטיילען פונ'ם קערפּער. אָבער דער מענש שטאַרבט נישט פריהער, ביז ער זעהט נישט די שכינה — און דאַן, מיט'ן כח פון דער גרויסער גלוסטונג און השתוקקות, וואָס עס דערוועקט זיך אין דער נשמה, דערזעהענדיג די שכינה, רייסט זי זיך אָב פונ'ם גוף...

(זהר)

O

...וטמאה שבעת ימים... (יב. ב.)

פאַרוואָס האָט די תורה געזאָגט, אַז צו אַ זכר זאָל זי זיין טמא זיע־בען טעג, און צו אַ נקבה — פיערצעהן טעגז... ווייל בעת'ן געבוירען דאָס קינד שווערט די אשה, אַז זי זאָל מעהר נישט לעבען מיט'ן מאַן; איז אַז עס ווערט געבוירען אַ זכר, מיט וועלכען אַלע פרעהען זיך, האָט זי חרטה אויף דער שבועה צו זיעבען טעג; אויב אָבער אַ נקבה, פון וועלכער אַלע זענען טרויעריג — קומט די חרטה ערשט נאָך פיערצעהן טעג. (נדה ל״א)

געוועהנליך טייטשט מען, אַז די שמחה און דער טרויער איז, ווייל אַ זכר איז חשוב'ער, און אַ נקבה — מינדערווערטיגער. גאַנץ אַנדערש אָבער טייטשט דער מהרש״א, נעמליך: דער טרויער בעת עס ווערט גע־בוירען אַ נקבה איז, ווייל אויך זי וועט אַמאָל דאַרפען אויסשטעהן דעם צער־הריון און די יסורים פון חבלי־לידה...

O

וביום השמיני ימול בשר ערלתו. (יב. ג.)

„כי עליך הורגנו כל היום — זה מילה״. (מדרש)

דער „אייזערנער קאַנצלער״, ביסמאַרק — דערצעהלט די וועלט — האָט אַמאָל אין אַ געשפּרעך מיט'ן דאַמאָלס בעריהמטען און איינפלוסריי־כען עדוואַרד לאַסקער זיך אויסגעדריקט, אַז ער וואָלט געוועהן העכסט צו־פרידען צו זעהן לאַסקער'ן אַלס מיטגליד אין זיין מיניסטאַרען־קאַבינעט. דערויף האָט איהם עדוואַרד לאַסקער געענטפערט: עקסעלענץ! ווען איך אַכט טאָגע אַלט וואַר, האָט מען מיר דעם וועג צור מיניסטער־שטעלע אויף עוויג עשניטען״...

דער בעקאַנטער גאון רבי בצלאל, דער ווילנער מורה־הוראה, האָט שוין אַלס קינד גע'שמ'ט מיט זיין; אויסערגעוועהנליכע חריפות ובקיאות און עס האָט זיך אָנגעהויבען אויף איהם אַזאַ געיעג פון ש' כנים, אַז שוין צו צוועלף יאָהר האָט דער פאָטער מיט איהם תנאים געשריבען. איצט — האָט בעת די תנאים איינער פון די אָנוועזענדע לומדים זיך אויסגעדריקט — איך מיר פערענטפערט, וואָס אויף יעדען ברית ווינשט מען דעם אבי הבן, אַז ער זאָל איהם מגדל זיין „לתורה, לחופה ולמעשים טובים״. אין פלוג וואָלט דאָך דער נוסח געדאַרפט זיין „למעשים טובים ולחופה״, דען למעשים טובים ווערט דאָך דער זוהן מחויב שוין צו דרייצעהן יאָהר, צו „בר־מצוה״, און לחופה — ערשט צו אַכצעהן יאָהר? נאָר די ברכה איז, אַז דאָס קינד זאָל

זיין אַזוי געראָטען און עס זאָלען זיין אַזוי פיעל בעלנים זיך מיט איהם משדך צו זיין, אַז מורא האָבענדיג, עס זאָל איהם קיין אַנדערער נישט אויסכאַפּען, זאָלען זיי איהם פיהרען „לחופּה" נאָך איידער ער וועט דער־גרייכען צו די יאָהרען פון „מעשים־טובים"...

○

זאת תורת היולדת... ואם לא תמצא ידה... (יב. ז.)

פון דאַנען — האָט אַמאָל רבי שלום בעלזער געזאָגט צו די חסידים זיינע — איז אַ ראַיה, אַז אַ איד איז על־פּי התורה מחויב צו זיין אַן'עושר. דען אין פלוג, פאַרוואָס שטעהט עפּעס „זאת תורת היולדת" אין מיטען דער פּרשה? געדאַרפט וואָלט דאָך עס גאָר שטעהן צום סאַמע סוף, נאָכ'ן „ואם לא תמצא ידה", נאָכ'ן ענדיגען דעם גאַנצען ענין? — נאָר ארומרעדענדיג דעם קרבן, וואָס עס ברענגט אַ רייכע יולדת, רופט־אויס דערביי די תורה: „זאת תורת היולדת"... אַט אַזוי דאַרף זיך פיהרען אַ יולדת — דעם קרבן זאָל זי ברענגען מתוך עשירות, נישט חלילה מתוך עניות...

(דובר שלום)

○

ואם לא תמצא ידה... (יב. ח.)

דער אויסדרוק „ואם לא תמצא י ד ה" איז אַביסעל אונפערשטענדליך. דעם קרבן ברענגט זי דאָך פאַר'ן מאַנ'ס געלד, דען „כל מה שקנתה אשה קנה בעלה", און נאָר אין א י ה ם איז דאָך עס געוועגדעט — צי ע ר איז פערמעגליך, אָדער נישט — וואָלט דאָך, אַלזאָ, געדאַרפט שטעהן „ואם לא תמצא י ד ו"?...

(רבי לייביש חריף)

○

וראה הכהן את־הנגע... ושער בנגע הפך לבן... (יג. ג.)

ווען אַ מענש זינדיגט אין דער יוגענד, קאָן מען אויף איהם מלמד־זכות זיין, אַז דאָס איז פון לייכטזיניגקייט, פון נישט־קאָנען בעהערשען די פיזישע נייגונגען, אָבער זיין נשמה, קאָן זיין, איז נאָכנישט פערדאָרבען, און אַז ער וועט עלטער ווערען און צום שכל קומען, וועט ער אַנדערש ווערען; ווען אָבער אַן'עלטערער מענש איז אריינגעטהון אין זינד, אין דער צייט ווען ס'איז „ושער בנגע הפך לבן", ווען ער איז שוין אויף דער זקנה, ווען זיינע האָר זענען שוין ווייס — אַזאַ איינער איז שוין אַ פערפאַ־לענער טמא'ניק...

(מגיד דבריו)

אויף אַנ׳עהנליכען אופן:

„ומראה הנגע עמק מעור בשרו, נגע צרעת הוא״... כל־זמן די „נגע״ ליעגט ביים מענשען בלויז אינ׳ם פלייש, אין חומר, אין דער תאוה — איז נאָך דאָס אומגליק נישט אַזוי גרויס, האָט מען נאָך האָפנונג, ער זאָל זיך אויסהיילען... קוים אָבער איז די „נגע״ שוין אריינגעקראָכען טיעפער, ווי אינ׳ם פלייש, אין די מחשבות, אין מוח — דאַמאָלס איז שוין קיין שום תקנה נישטאָ צו איהם... און דערויף ווערט געוואָרנט נאָכאַמאָל אין אַ צווייטען פסוק: „טמא יטמאנו הכהן, בראשו נגעו״ — אויב די „נגע״ געפינט זיך שוין אין קאָפּ, דאַן איז אַ שאָד די אַרבייט, דאַן איז מיט אַזעלכען שוין גאָר נישטאָ וואָס צו מאַכען!...

(רבי יוסף־שאול נאַטאַנזאָהן)

„כל איסורין שבתורה — זאָגט די גמרא — בטלין בששים, מין במינו באלף לא בטל״... בדרך־הלצה איז די כונה דערפון אַזוי: אויב אַ מענש זינדיגט מחמת תאוה, איז פאַרהאַן אַ האָפנונג, אַז ווען ער וועט עלטער ווערען, דערגרייכען צו „ששים״ און מעהר קיין כח נישט האָבען צום זינדיגען, וועלען דידאָזיגע עבירות בטל ווערען און אויפהערען... אָבער „מין במינו״, ווען אַ מענש זינדיגט צוליב „מינות״, צוליב אַפּיקורסות, דאַמאָלס איז אַפילו „באלף לא בטל״ — ווען ער זאָל אַפילו לעבען טויזענד יאָהר, וועט ער, ליידער, אַלץ בלייבען דערזעלבער... וואָרום „כל באיה לא ישובון״...

(רבי שמעלקע מניקעלשבורג)

○

וראה הכהן את הנגע... (יג. ג.)

רבי אָשר סטאָלינער פלעגט זאָגען:

וועה, וואָסערע פריערשע חסידים מיר האָבען היינט! אַז זיי קומען צום רבי׳ן, ווייזען זיי אַרויס דאָס גוטע, און דאָס שלעכטע בעהאַלטען זיי... איך, אַז איך בין געקומען צו מיין הייליגען רבי׳ן (רבי שלמה קאַרלינער), פלעג איך אַנדערש טהון: דאָס גוטע האָב איך פון איהם בעהאַלטען!... וואָרום וואָס? אַ גאָט איז ער? שכר ועונש קאָן ער געבען?—און געוויזען האָב איך איהם דאָס שלעכטע... וואָרום — „וראָה הכהן את הנגע״: דעם כהן, דעם צדיק, דאַרף מען בלויז ווייזען די נגעים...

(ספרן של צדיקים)

„אין רואים את הנגעים ביום המעונן״. (נגעים פ״ב)

ווען דער הימעל איבער די אידישע קעפּ איז פערוואָלקענט, ווען דאָס חשכות און די צרות אַרום זענען גרויס, קאָן מען נישט דאַמאָלס די נגעים

און פעהלערן, וואס מען זעהט ביי אידען, פעררעכענען אלס זייערע סימני־טומאה... נישט פון זייער קערפער שטאמען דידאזיגע נגעים, נישט פון זייער שולד, נאר פון גאנץ אנדערע, אויסערליכע סיבות; זאלען דידאזיגע סיבות און די שווערע געשאפענע בעדינגונגען אויפהערען — און די נגעים וועלען מאמענטאל פערשווינדען!...

(תחית ישראל)

„כהן שסומא באחת מעיניו אסור לראות את הנגעים..."

יעדע נגע, סיי פון א יחיד, סיי פון רבים, דארף בעטראכט ווערען מיט צוויי אויגען: מיט איין אויג דארף מען זעהן די נגע, און מיט ן צווייטען אויג — די סיבות און אורזאכען, וועלכע האבען די נגע ארויסגערופען. א כהן אבער, וועלכער איז א „סומא באחת מעיניו", וועלכער זעהט בלויז מיט איין אויג, בלויז די שלעכטע זייט, אהן אריינצודרינגען אין די טיעפערע סיבות, אהן צו וועלען אויסגעפינען א זכות — אזא איינער איז פסול צו אורטיילען איבער נגעים...

(רבי יוסף קליין)

O

והצרוע אשר בו הנגע בגדיו יהיו פרומים... (יג. מה.)

רבי משה קאברינער פלעגט זאגען:

מען זעהט היינט, בעו"ה, זעהר אפט, אז דער „והצרוע אשר בו הנגע", דער, ביי וועלכען די נגע ליעגט בעהאלטען אינוועניג, „בגדיו יהיו פרומים", איז ער זיך מתלבש אין פרומע בגדים („פרומים" — פרום)!...

O

והסגיר את הנגע שבעת ימים. (יג. נ.)

נגעים קומען מחמת די זינד פון לשון־הרע, און לשון־הרע נעהמט זיך פון שלעכטער חברותא, און דעריבער — „והסגיר את הנגע", דארף מען אזעלכען האלטען אבגעשלאסען, אבגעזונדערט פון מענשען...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

רבי איצעלע וואלאזשינער איז זעהר נזהר געווען אין שמירת־הלשון, אבגעהיט זיך אפילו פון אבק־לשון־הרע, נישט צו זאגען, חלילה, א קרום ווארט אויף קיינעם. איינמאל איז איהם אויסגעקומען צו זאגען אויף עמי־

צען, אַז יענער איז אַ שקרן; נישט וועלענדיג אָבער ברענגען פאַר'ן מויל דאָס וואָרט „שקרן", האָט ער געזאָגט:

— אָט דער אָ... איז אַ געוואַלדיגער בעל-זכּרון. איינער געדענקט, וואָס עס איז געשעהען פאַר צעהן יאָהרען, אַ צווייטער — וואָס עס האָט פּאַסירט פאַר צוואַנציג יאָהר, גאָר גרויסע בעלי-זכּרון געדענקען פון פאַר פופציג יאָהר; דער אָבער האָט אַזאַ מורא'דיגען זכּרון, אַז ער געדענקט זאַכען, וואָס זענען קיינמאָל נישט געשעהען!...

מְצֹרָע

זאת תהיה תורת המצורע... (יד. ב.)

מיט צרעת ווערט מען בעשטראָפט פאַר די זינד פון לשון-הרע... מ צ ו ר ע — „מוציא רע"...

לשון-הרע איז ערגער, ווי הרג'ענען אַ מענשען; ווארום אַז מען הרג'עט אַ מענשען, ערמאָרדעט מען בלויז א יי ן נפש, דאַגעגען פון לשון-הרע ליידען גאַנצע ד ר יי: דער דערצעהלער; דער, וואָס הערט דאָס אויס; און דער, וועגען וועלכען מען דערצעהלט...

(תנחומא)

לעתיד-לבוא וועלען זיך אַלע חיות צונויפזאַמלען ארום דער שלאַנג און זי פרעגען: אַ לייב, אַז ער דורס'ט, טהוט ער עס צוליב'ן עסען; אַ וואָלף, אַז ער מזיק'ט, טהוט ער עס צוליב'ן עסען; אָבער דו, בעת דו שליידערסט אין וועמען דיין גיפט, וואָס פאַר אַ הנאָה האָסטו דערפון? — דערויף וועט די שלאַנג ענטפערן: הלמאַי אַ מענש, וועלכער רעדט לשון-הרע און וואַרפט מיט דער צונג זיינע גיפטיגע פיילען אויף מענשען — וואָס האָט ע ר דערפון?...

(ערכין ט"ו)

רבן שמעון בן-גמליאל האָט איינמאָל בעפוילהען דעם דיענער זיינעם, ער זאָל איהם ברענגען פון מאַרק עפּעס אַ גוטע זאַך; איז ער אַוועק און איהם געבראַכט אַ צונג. שיקט ער איהם אַ צווייט מאָל און פערלאַנגט, אַז דאָסמאָל זאָל ער איהם איינהאַנדלען עפּעס אַ שלעכטע זאַך; נעהמט ער און ברענגט איהם ווידער אַ צונג. פרעגט ער איהם: וואָס איז דאָס? פריהער אַ צונג און איצט אַ צונג?... פון דער צונג — ענטפערט דער דיענער — קומט אי דאָס גוטע, אי דאָס שלעכטע: נישטאָ קיין בעסערע זאַך פון דער צונג, ווען זי איז ג ו ט, און נישטאָ קיין ערגערס — ווען זי איז ש ל ע כ ט...

(ויקרא רבה)

עס איז אַמאָל געווען אַ מעשה מיט אַ מלך פון פרס, וועלכער איז שטערבליך קראַנק געוואָרען און די דאָקטוירים האָבען ערקלערט, אַז בלויז איין רפואה איז פאַרהאַן פאַר איהם: ער זאָל טרינקען מילך פון אַ לייבין, וועט ער געזונד ווערען... ווי־אַזוי־זשע דערגרייכט מען דאָס?.. האָט גענומען דער מלך פון פרס און האָט אַוועקגעשיקט אַ שליח צו שלמה המלך נאָך אַן׳עצה. לאָזט שלמה רופען זיין קאַמער־דיענער, בניהו בן־יהוידע, און פרעגט איהם, צי ווייסט ער נישט אַמאָל, ווי־אַזוי מען בעקומט מילך פון אַ לייבין? רופט־זיך־אָן בניהו: גיב מיר, אַדוני מלך, צעהן ציעגען און איך וועל דיר ברענגען לייבען־מילך... האָט ער גענומען צעהן ציעגען און איז אַוועק צו אַ לייבען־גרוב, וואו אַ לייבין האָט געזויגען איהרע קינדער. דעם ערשטען טאָג איז ער געשטאַנען פון ווייטען און האָט איהר צוגעוואָרפען אַ ציעג. דעם צווייטען טאָג איז ער שוין צוגעגאַנגען אַביסעל נעהענטער און איהר ווידער געוואָרפען אַ ציעג, און אַזוי יעדען טאָג אַלץ נעהענטער, ביז ער איז צו דער סאַמע גרוב צוגעקומען און איז מיט דער לייבין שוין אַזוי היימיש געוואָרען, אַז ער האָט זיך גענומען שפּיעלען מיט איהר און אָנגעצאַפּט מילך פון איהרע ברוסטען, און ער האָט די מילך געברענגט צו שלמה׳ן, וועלכער האָט עס איבערגעגעבען דעם שליח פון מלך פרס... אומקעהרענדיג זיך אַהיים, איז דער שליח אויפ׳ן וועג איינגעשלאָפען און עס האָט זיך איהם גע׳חלומ׳ט, אַז די אברים פון זיין קערפּער פיהרען צווישען זיך אַ דיספּוט, וועמען פון זיי דער שליח האָט זיין געלונגען שליחות צו פערדאַנקען. די פיס זאָגען: אַלץ מ י ר — ווען מיר וואָלטען נישט געגאַנגען, ווי־אַזוי וואָלט ער דעם וועג דורכגעמאַכט?... דערויף ענטפערן די הענד: מ י ר זענען דער עיקר — ווען נישט מ י ר, ווער וואָלט די מילך געטראָגען?... רופען־זיך־אָן די אויגען: אַ שען פּנים וואָלט ער געהאַט, ווען מ י ר ווייזען איהם נישט דעם וועג!... מישט זיך אַריין דאָס האַרץ און ערקלערט: דער אמת׳ער יישר־כח קומט מ י ר — דאָס האָב א י ך דאָך איהם געגעבען די עצה!... נעהמט די צונג אַ וואָרט און זאָגט: אָהן מיר, ווען א י ך זאָל נישט געווען רעדען, וואָלט איהר אַלע גאָרנישט אויפגעטהון!... דאָ זענען אַלע אברים אין כעס געוואָרען און זענען אַרויס אויף דער צונג: אַ העזה — מאַכען זיי — צו וועלען זיך גלייכען צו אונז; אין דער פינסטער ליעגסטו דאָך, מען זעהט דאָך דיך גאָרנישט אַרויס, אַפילו קיין שטיקעל ביין פערמאָגסטו נישט אין זיך!... בעליידיגט זיך די צונג און ענטפערט: נו, איהר וועט שוין זעהן, ווער איבער וועמען עס געוועלטיגט!... דער שליח האָט זיך אויפגעכאַפּט, געוואונדערט זיך איבער דעם מאָדנעם חלום און איז געגאַנגען ווייטער זיין וועג. אָנקומענדיג אַהיים, איז ער אַריין צום מלך און האָט אויסגערופען מיט פרייד: אָט איז, אַדוני מלך, די מילך פון אַ הונד...

וואָס איך האָב דיר געבראַכט אַלס רפואה!... דערהערט דידאָזיגע ווערטער, ווערט דער מלך שרעקליך אין כעס און ער בעפעהלט, מען זאָל דעם שליח אויפהענגען... נעהמט מען דעם בחור אונטער די אָרעמס און מען פיהרט איהם צו דער תליה, און אַלע אברים אין איהם טרייסלען זיך נעבעך און שוידערן פון שרעק. רופט-זיך-אָן צו זיי די צונג: נו, וואָס זאָגט איהרז איצט זעהט איהר שוין, אז אָהן מיר האָט איהר אַלע קיין שום ווערט נישט!... אויב איך וויל, קאָן איך אייך נאָך ראַטעווען, אָבער בתנאי, איהר זאָלט אָנערקענען, אַז איך בין אַייער מושל. בעשטעהט איהר דערויף? — „יאָ", ענטפערן פערשעמט די דערשראָקענע אברים... ווערט די צונג רע-דעוודיג און זי פערלאַנגט פונ'ם תליון, מען זאָל תיכף-ומיד צוריקפיהרען דעם שליח צום מלך, דען עס האַנדעלט זיך אין אַ גאָר וויכטיגע זאַך... אַריינגעקומען צום מלך, ווענדעט זיך צו איהם די צונג און זאָגט: אַדוני מלך! ערשטענס, האָב איך דעם כבוד צו בעמערקען, אַז אין יענע ווייטע מקומות רופט מען אַ לייב: „הונד". צווייטענס, וואָס איז אייגענטליך די נפקא-מינה, ווי-אַזוי די מילך הייסט, אַבי מען האָט פון איהר די אמת'ע רפואה... פרוביר, אַדוני מלך!... האָט דער מלך אַזוי געטהון, ער האָט פרו-בירט, געטרונקען און איז גלייך געהאָלפען געוואָרען... און דאַן האָבען אַלע אברים אָהן אויסנאַהם אָנערקענט, אַז דערווירקליכער מושל איבער'ן מענש-ליכען קערפער איז נישט קיין אַנדערער, נאָר די צ ו נ ג, וואָרום — „החיים והמות ביד הלשון"...

(מדרש שוחר טוב)

עס איז געווען אַ מעשה מיט איינעם, וועלכער האָט געהאַט זיין איי-גענס דריי טעכטער: איינע אַ פוילע, די צווייטע — אַ גנב'טע, די דריטע — אַנ'אינטריגאַנטקע און לשון-הרע'ניצע, און אַלע דריי זענען געבליבען פער-זעסען... איינמאָל קומט צופאָהרען זיינער אַ פריינד און לעגט איהם פאָר, אַז אַזוי ווי ער האָט דריי זיהן, איז אויב ער וויל, איז ער גרייט זיך מיט איהם מתחתן צו זיין. רופט-זיך-אָן דער פאָטער פון די טעכטער מיט אַ זיפץ: ניין, מיין פריינד, ס'איז נישט פאַר דיר!... פאַרוואָס? — דערצעהלט ער איהם: אָט אַזעלכע און אַזעלכע „מעלות" פערמאָגען זיי!... ענטפערט איהם דער פריינד: עס מאַכט נישט אויס; אויב דו ווילסט, קאָן מען גלייך שטעלען דריי חופות... וכך הוה; ער האָט אַלע דריי טעכטער אַוועקגעפיהרט צו זיי-נע דריי זיהן און האָט זיי חתונה געמאַכט. די פוילע שנור האָט ער אַוועק-געזעצט אויף אַ דיוואַן און אַרומגעשטעלט אַרום איהר קנעכט מיט דיענסטען, וועלכע ער האָט בעפויהלען, זיי זאָלען טהון פאַר איהר אַלע נויטיגע שטוב-אַרבייט און נישט בעמיהען זי מיט דער מינדעסטער זאַך... פאַר דער

גנב׳טע האָט ער אַוועקגעלעגט אַ קופּע מיט געלד און ערקלערט, אַז זי האָט רעכט צו טהון מיט׳ן געלד, וואָס זי וויל... און צו דער לשון-הרע׳ניצע פלעגט ער קומען, דער שווער, יעדען פריהמאָרגען און בעגריסען זי און אַוועקזעצען זי נעבען זיך און איהר גלעטען די האָר אויפ׳ן קאָפּ און פרעגען: אפשר וויל זי דאָס, און אפשר דאָס. וועט ער ביים מאַן פּאַר איהר אַלץ פּועל׳ן...

ויהי היום, איז דער פאָטער פון די טעכטער געקומען צו זיי צו-גאַסט, געהט ער אַריין צו דער פּוילער טאָכטער און פרעגט: נו, ווי-אַזוי, טאָכטער מיינע, לעבט זיך דיר דאָ?... זעהר גוט! — ענטפערט זי איהם מיט פרייד און דערצעהלט איהם וועגען די קנעכט און דיענסטען, וועלכע לאָזען איהר נישט טהון קיין פינגער אין קאַלטען וואַסער... נו, און דיר — פרעגט ער די גנב׳טע — ווי געהט עס? — אויסגעצייכענט, ליעבער פאָטער, עס קאָן גאָר בעסער נישט זיין!... און דו, קינד מיינס? — ווענדעט ער זיך צו דער לשון-הרע׳ניצע. יענע אָבער ברעכט-אויס אין אַ יאָמערליך געוויין... אומגליקליך — כליפּעט זי — האָסטו מיך געמאַכט! אַלע מיידלעך האָבען חתונה מיט איין מאַן, און דו האָסט מיך חתונה געמאַכט מיט צוויי... ער טשעפּעט זיך צו מיר, דער שווער מיינער, ער לאָזט מיך נישט צו-רוה מיט זיינע ליעבעס-ערקלערונגען, טאָג-איין טאָג-אויס!... אפשר גלויבסטו מיר נישט? בעהאַלט דיך אינדערפריה אין אַ זייטיגען צימער, וועסטו זיך איבערציינגען!... אינדערפריה, ווען דער שווער איז, ווי געוועהנליך, אַריין צו איהר זאָגען „גוט-מאָרגען", האָט זי גענומען פלוצים שרייען אויפ׳ן קול, ער זאָל זיך נישט צוריהרען צו איהר, וואָרום זי וויל נישט פערראַטען דעם מאַן, זי וויל נישט זינדיגען!... אויף איהר געשריי האָט זיך די טהיר פון זייטיגען צימער געעפענט און ס׳איז אַריינגעלאָפען דער פאָטער, און אַ דערצערנטער האָט ער זיך געוואָרפען אויפ׳ן מחותן, זיין אַמאָליגען פריינד, און איהם דער׳הרג׳עט... אָט דערויף איז עס געזאָגט געוואָרען: נישטאָ קיין ערגערע זאַך אין דער וועלט, ווי לשון-הרע!...

(מדרש עשרת-הדברות)

אַחֲרֵי מוֹת

ואַל יבוא בכל־עת אל־הקדש... (טז. ב.)

אויפ'ן פסוק „עושה צדקה בכל עת" דרש'ענען די חז"ל. „זה הזן ומפרנס את אשתו ובניו" — ווען מען גיט, הייסט עס, דעם ווייב און קינדער פרנסה, איז עס פונקט ווי מען וואָלט שטענדיג צדקה געגעבן אַודאַי איז עס אַ גאַנץ פיינע זאַך... אָבער — „ואַל יבוא בכל-עת אל הקדש", מיט'ן דאָזיגען „כל-עת" איז מען נאָך פונדעסטוועגען נישט יוצא און נישט פטור פון אמת'ער צדקה!...

(של"ה)

○

דבר אל בני ישראל ואָמרת אליהם אני ד' אלקיכם' (יח. ב.)

אין ברכות י"ד ווערט געזאָגט, אַז אין ארץ ישראל פלעגט מען נישט זאָגען ביי מעריב די לעצטע פרשה פון קריאַת-שמע, די פרשה פון ציצית, ווייל ביינאַכט איז דער דין פון ציצית נישט נוהג. אָנשטאָט דער גאַנצער פרשה פלעגט מען מקצר זיין און בלויז זאָגען: „דבר אל בני ישראל ואָמרת אַליהם אַני ד' אלקיכם", ס'הייסט דעם ערשטען האַלבען פסוק פון דער פרשה און דעם לעצטען האַלבען.

שטעלען זיך דערויף פיצל פון די ראשונים און אַחרונים. ווי אַזוי — פרעגען זיי — מעג מען נעהמען פסוקים און פונאַנדערטיילען זיי אויף דער העלפט, ווערהערענד מיר האָבען דאָך אַ בפירוש'ן כלל אין דער גמרא: „כל פרשה דלא פסקה משה, אַנן לא פסקינן"? — עס ווערען געגעבען ווענען דעם פערשידענע תירוצים... קומט אָבער דער ווילנער גאון און פערענט־פערט די האַרבע פראַגע אויף אַ גאַר פשוט'ען אופן. ער ווייזט, נעמליך,

אָן, אַז דידאָזיגע צוויי האַלבע - פּסוקים פון פרשת קריאַת-שמע זענען אין אַנ׳אַנדער אָרט פעראייניגט אין אַ גאַנצען פסוק, נעמליך: דער אויבען-ציטירטער פסוק פון דערדאָזיגער סדרה — „דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם אני ד׳ אלקיכם"!...

○

כמעשה ארץ-מצרים אשר ישבתם בה לא תעשו... (יח. ג.)

איהר זאָלט להבא זיך נישט נוהג זיין, ווי איהר האָט זיך נוהג געווען דאַמאָלס. איהר זאָלט נישט טהון „כמעשה ארץ-מצרים" — ווי איהר האָט זיך נוהג געווען אין מצרים — „אשר ישבתם בה" — וואו איהר זענט אין גלות, אין פרעמדען לאַנד, זיך געזעסען בקביעות, ווי ביי זיך אין דער היים, אָהן חשק אַרויסצוציהען פון דאָרט, און איהר זאָלט זיך נישט אויפפיהרען „כמעשה ארץ-כנען" — ווי אַייער איצטיגע בעציהונג צום לאַנד כנען, ווען אָנשטאָט צו לויפען מיט שמחה אין אייגענעם לאַנד — „אשר אני מביא אתכם שמה" — דאַרף איך אַייך מיט גוואַלד איבערפיהרען און ברענגען אַהין!...

(„כלי יקר")

○

אשר יעשה אותם האָדם וחי בהם... (יח. ה.)

אפילו אַ גוי, אויב ער איז עוסק בתורה, איז ער חשוב ווי אַ כהן-גדול, דען עס שטעהט: „אשר יעשה אותם ה אָ ד ם"... עס שטעהט נישט: „כהנים, לוים וישראלים", נאָר „ה אָ ד ם"...

(בבא קמא ל״ח)

אין אַנ׳אַנדער שטעלע (סנהדרין נ״ט) געפינען מיר אַ פערקעהרטע מיינונג:

„גוי שעוסק בתורה — חייב מיתה"... עס איז וועגען דעם שוין אַ סך געשריבען געוואָרען. דערדאָזיגער שטרענגער אורטייל ווערט ערקלערט דערמיט, וואָס אין יענער צייט, ווען די אידישע שונאים פלעגען זוכען פערשידענע בלבולים אויף אידען, פלעגען געוויסע צוררים זיך פערמאַסקירען און קומען צו אידישע חכמים זיך בעקענען כלומר׳שט מיט דער אידישער תורה, כדי נאָכדעם, מיט דער הילף פון בייזוויליג-געפעלשטע ציטאַטען, צו קאָנען שיטען שוועבעל און פעך אויף אידען און אויף דער אידישער רע-

ליגיע... דערדאָזיגער מאמר בעציהט זיך אָבער אין קיין פאַל נישט אויף די־יעניגע נישט־אידישע געלעהרטע, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט'ן למוד פון דער אידישער תורה אָהן צו האָבען דערביי ביזוויליגע כונות. וועגען אַזעל־כע שרייבט דייטליך דער יעב"ץ אין זיין ספר „לחם שמים": „כל העוסק תורה לשמה זוכה לדברים הרבה וכו' — כ ל, לאתויי גוי"...

(„אוצר לשון חכמים", „סניגור" פון ר' אליעזר־צבי צווייפעל און אַנדערע)

דער בעקאַנטער רוסישער בילדונגס־מיניסטער, אובאַראָוו, וועלכער האָט געלעבט אין די יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, האָט געהאַט אַ שם פאַר זעהר אַ ליבעראַלען מענש און אוהב־ישראל. פיעל פון די דאַמאָלס־דיגע העברעאישע משכילים האָבען איהם זאָגאַר געווידמעט ספעציעלע שירים, און וועלכע זיי האָבען איהם מליצה'דיג גערופען „אַבי־רב"... איינ־מאָל האָט ער זיך געווענדעט צום בעריהמטען אידישען משכיל און ביל־דונג־פערשפרייטער ביי אידען, ראָזענטהאַל, און אויסגעדריקט פאַר איהם זיין פערלאַנג, אַז ער וואָלט זיך ווען בעקענען מיט'ן כאַראַקטער פון תלמוד, מיט זיין אַרט אויפפאַסונג און בעהאַנדלונג פון פערשידענע פראָב־לעמען, מיט זיין לאָגיק און טיעפזיניגקייט, וועגען וואָס ער האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעהערט. ער וואָלט וועלען דעריבער, מען זאָל פאַר איהם אויסזוכען איינע פון די אינטערעסאַנטע, שאַרפזיניגע תלמוד'ישע אָבהאַנדלונגען און עס איהם גענוי אויסקלערען.

ראָזענטהאַל האָט דעם פאָרשלאַג פונ'ם מיניסטער אָנגענומען מיט גרויס צופרידענהייט, בעטענדיג עטליכע טעג צייט אויף צוצוגרייטען זיך. דאַן איז ער אַוועק צו צוויי בעקאַנטע אידישע געלעהרטע אין פעטערבורג און, איבערגעבענדיג זיי אובאַראָוו'ס פערלאַנג, האָט ער זיך מיט זיי מיישב געווען, וואָס פאַר אַ'ענין מען זאָל פאַר איהם אויסקלייבען. אַלע דריי זענען געווען איינשטימיג, אַז אַזעלכע סוגיות, וואָס זענען געבויט אויף כללים פון קל־וחומר און גזירה־שוה, אָדער די סוגיות פון טומאה וטהרה, צי די ענינים פון מוקצה, פגול, נותר וכדומה — אַזעלכע זאַכען קאָן מען מיט'ן מיניסטער נישט לערנען, מחמת זיין קאָפּ וועט דאָס בשום־אופן נישט פערנעהמען... לערנען דאַרף מען מיט איהם עפּיס אַ וועלטליכע זאַך פון דיני־ממונות — און זיי האָבען דעריבער אויסגעקליבען די בעריהמטע שיפּוּת'דיגע שיטה פון „תגרי־לוד" (בבא־מציעא דף נ'), וועלכע איז דורך־און־דורך אַ סוחר'ישע זאַך...

אַלע דריי האָבען זיך מיט גרויס התמדה אַ נעהם געטהון צום ענין. איבער וועלכען זיי זענען געזעסען עטליכע טעג, געלערנט נישט בלויז די

גמרא, נאָר אויך רש״י מיט תוספות און מיט אַלע איבריגע מפרשים, דורכשטודירענדיג געניי די גאַנצע טיעפזיניגע שקלא־וטריא, און זיך אַזוי לאַנג דערין מפלפל געווען, ביז אַלע סברות זענען געווען פאַר זיי פולקאָם קלאָר...

אין עטליכע טעג אַרום, אָבשמועסענדיג פריהער אַ בעשטימטע צייט, איז ראָזענטהאל געקומען צום מיניסטער אהיים און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט איהם קנעלען...

אָנגעהויבען האָט מען קודם־כל פון דער משנה, וועלכע ראָזענטהאַל האָט איהם איבערזעצט און זעהר קלאָר אויסגעטייטשט. דאַן איז מען אַריבער צו דער גמרא, דאַן צו רש״י, אויפקלערענדיג איהם יעדע קליינינקייט אין אַ זעהר פאָפולערער און לייכטער פאָרם, געלאַסען, טריט נאָך טריט, צוקייענדיג ממש איטליכעס וואָרט. דער מיניסטער איז די גאַנצע צייט געזעסען מיט אַנ׳ערנסט־צונויפגעקנייטשטען שטערן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויףביידע עלענבויגענס. מען האָט געזעהן, אַז ער איז אַריינגעטהון דערין מיט אַלע חושים און אַז אויסער די „תגרי לוד״ אינטערעסירט איהם איצט נישט קיין שום זאַך אין דער וועלט...

געענדיגט, האָט דער מיניסטער טיעף אָבגעאָטעמט; דער מוח זיינער, איז קענטיג געווען, האָט במשך פון דער לעקציע גאָר מורא׳דיג געאַרבייט — און דאַן האָט ער זיך געווענדעט צו ראָזענטהאַל׳ן מיט דער ביטע, ער זאָל עס איהם איבערזאָגען נאָכאַמאָל, אָבער טאַקע פון אָנהויב ביז׳ן סוף...

פערפאַלען! נעהמט ער מיט איהם נאָכאַמאָל קנעלען, בעמיהענדיג זיך מסביר צו זיין איהם דעם ענין אויף אַ נאָך מעהר לייכטערען און קלאָרערען אופן... איצט, דוכט זיך, איז שוין די זאַך אַזוי פשוט, אַז אפילו אַ קינד וואָלט שוין געקאָנט פערשטעהן... געענדיגט, האָט זיך דער מיניסטער אויפגעהויבען פון פּלאַץ און אומשפּאַצירט הין און צוריק איבער׳ן צימער, רייבענדיג דעם שטערן — און דאַן האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און, קוקענדיג אויף ראָזענטהאַל׳ן מיט אַ מינע פון איינעם, וועלכער איז זעהר פער׳דאגה׳ט און מלא־יאוש, האָט ער פונאַנדערגעשפּרייט די הענד און ערקלערט:

— „ניע פּאָנימאיו״!... כ׳פערשטעה נישט!...

די גאַנצע אַרבייט איז געווען אַרויסגעוואָרפען...

(מקור ברוך)

קדושים

קדושים תהיו כי קדוש אני... (יט. ב.)

„קדושים תהיו" — זייט קדושים, אָבער נישט קיין פרושים, נישט אָבגעשיידט און אָבגעזונדערט פון דער וועלט... „כי קדוש אני" — אויך איך בין אַ קדוש און פונדעסטוועגען גיב איך זיך אָב מיט אַלע־מען, אינטערעסיר זיך מיט יעדער זאַך און — „מלא כל־הארץ כבודי"...

(כתב סופר)

„קדושים תהיו"... עטליכע פרומע אידען זענען איינמאָל געקומען צו ר' חיים וואָלאָזשינער און האָבען פערלאַנגט פון איהם, ער זאָל מחרים־זיין איניגע געוויסע שטאָדט־משכילים, וועלכע זענען מזלזל במצוות. האָט זיי רבי חיים דערויף געענטפערט: אין פרשת־קדושים שטעהען נאָכאַנאַנד דריי פסוקים: „קדושים תהיו"... „איש אמו ואביו תיראו"... „אַל תפנו אל האלילים"... און צום סוף פון יעדען פסוק ווערט צוגעגעבען: „אני ד' אלקיכם". אָט די דריי פסוקים זענען געגען די דריי פערשידענע קאַטע־גאָריעס אידען. צו דער ערשטער קאַטעגאָריע, די אמת־פרומע, די שומרי התורה והמצוות, זאָגט דער פסוק: „קדושים תהיו" — פון אייך בין איך זעהר צופרידען און איך גיב אייך מיין הסכמה: „אני ד'"... צו דער צווייטער קאַטעגאָריע, די בינונים, אידען פון אַ גאַנץ יאָהר, זאָגט ווייטער די תורה: „איש אמו ואביו תיראו" — איהר, וועלכע קענט נישט לערנען, זייט כאָטש מכבד אייערע עלטערן, און איך גיב אייך דערפאַר מיין אונטער־שריפט: „אני ד'"... צו דער דריטער קאַטעגאָריע, אידען, וואָס ווייסען גאָר־נישט פון אידישקייט, צו זיי זאָגט די תורה: „אַל תפנו אל האלילים" — שמד'ט זיך נישט, דיענט כאָטש נישט קיין עבודה־זרה, וועט איהר אויך פערדיענען ווערען פאַר אידען: „אני ד'"...

○

לעני ולגר תעזוב אותם... לא תגנבו... (יט. י.)

העלפט די אָרימע, שטיצט די געפאַלענע, און דאַן — „לא תגנובו", װעט ממילא נישט קומען דערצו, מען זאָל דאַרפען גנב׳ענען און גזל׳ענען...

און דאָס איז אויך דער טייטש: „יחוס על דל ואביון... מתוך ומחמס יגאל נפשם"... (תהילים ע״ב, י״ג — י״ד) — אויב דו װעסט רחמנות האָבען אויפ׳ן דל און אביון, װעסטו זיי דערמיט אויסלייזען „מתוך ומחמס", װעלען זיי פערשפאָרען צו פערנעהמען זיך מיט רויב און גזלה...

(עמודי שיש)

„לא תגנובו" — בלשון-רבים: מחמת אויך דער, װאָס זעהט, װי יענער גנב׳עט, און ער פערשװייגט — אויך ער איז אַ גנב...

(אבן-עזרא)

„לא תגנובו" — בלשון-רבים: װייל אויב דו גנב׳עסט ביי יענעם און שטעלסט איהם אויס פאַר אַן אָרימאַן, ברענגסטו דערצו, אַז אויך יענער זאָל װערען אַ גנב און גנב׳ענען ביי אַ צװייטען, דער צװייטער ביים דריטען און אַזוי װייטער...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

○

ולא תשקרו איש בעמיתו. (יט. יא.)

אַ ליגנער — פלעגט זאָגען דער קעלמער מגיד — איז ערגער פון אַ גנב און פון אַ גזלן: אַ גנב גנב׳עט בייכאַכט און נישט בייטאָג, — בייטאָג האָט ער מורא; אַ גזלן װידער גזל׳ט בייטאָג און ביינאַכט, אָבער נאָר פון אַ יחיד, נישט פון אַ רבים, — פאַר אַ רבים האָט ער מורא... דאַגעגען אַ שקרן זאָגט ליגען סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט, סיי פאַר אַ יחיד, סיי פאַר אַ רבים...

„ולא תשקרו איש בעמיתו"... דעם אויבערשטען — קאָן מען נישט נאַרען; לייטען — טאָר מען נישט נאַרען; זיך — בלייבט מען אַליין אַ נאַר...

(רבי משה קאָברינער)

רבי פנחס קאָריצער פלעגט זאָגען:

— דרייצעהן יאָהר האָב איך מיך געלערנט נישט צו זאָגען קיין שקר, און דרייצעהן יאָהר האָב איך מיך געלערנט צו זאָגען אמת...

אַלץ אין דער וועלט קאָן מען נאָכמאַכען, אַ חוץ דעם אמת: מחמת אַ נ'אמת אַז ער איז נאָכגעמאַכט, איז ער שוין קיין אמת נישט...

(רבי מענדעלע קאָצקער)

— וואָס איז דער חילוק — האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט רבי יחזקאל שינעווער — צווישען מיר און מיין ברודער ברוך? — ברוך האָט ליעב דעם אמת, און איך האָב פיינט דעם שקר...

דער לובלינער רב, רבי עזריאל „דער אייזערנער קאָפּ", איז געווען, כידוע, אַ שאַרפער מתנגד פון חסידות.

בשעת רבי יעקב-יצחק, דער לובלינער „חוזה", איז נתגלה געוואָרען און דער עולם האָט אָנגעהויבען פאָהרען צו איהם, האָט רבי עזריאל אויף איהם שטאַרק מתרעם געווען און ער פלעגט איהם כסדר פאָרוואַרפען, הלמאי ער פיהרט זיך מעשה-רבי, בעת ער ווייסט אַליין, אַז ער איז אַ פשוט'ער איד.

— וואָס זאָל איך טהון — האָט איהם איינמאָל דער „חוזה" דערויף געענטפערט — אַז דער עולם קומט צו מיר?

— האָט איהר אַ נ'עצה — זאָגט צו איהם רבי עזריאל: — בעת דער עולם וועט קומען צו אייך, זאָלט איהר זיי זאָגען דעם אמת, אַז איהר זענט אַ פשוט'ער איד, וועלען זיי מעהר נישט קומען.

האָט דער „חוזה" אַזוי געטהון. שבת, ביים טיש, בעת דער עולם איז געזעסען אַרום. האָט זיך דער „חוזה" אויפגעשטעלט און ערקלערט מיט אַ געבראָכען געמיט: זייט וויסען, רבותי, אַז איך בין אַ פּראָסטער איד, אָהן תורה און אָהן יראָה, און איהר האָט נישט פון מיר וואָס צו לערנען...

איז דער עולם חסידים אַריין אין התלהבות פונ'ם רבי'ס עניוות און מען האָט זיך נאָך שטאַרקער אָן איהם מתדבק געווען.

אין עטליכע טעג אַרום טרעפט ר' עזריאל דעם „חוזה", פרעגט ער איהם:

— נו, איהר האָט געפאָלגט מיין עצה?

— יאָ, — ענטפערט ער און זיפצט. — עס האָט אָבער נישט געהאָלפען. להיפוך, דער עולם האָט עס אָנגענומען פאַר עניוות און מען קומט נאָך מעהר...

— אויב אַזוי, — רופט-זיך-אָן רבי עזריאל, — האָב איך אַ נ'אַנדער עצה. זאָגט זיי, פערקעהרט, אַז איהר זענט אַ גאון, אַ צדיק, וועלען זיי אַנטלויפען צוליב אייער גאוה...

— ניין, דאָס וועל איך נישט טהון, — ענטפערט דער „חוזה״, — קיין רבי בין איך טאַקע נישט, אָבער קיין שקרן בין איך אויך נישט!...

בעת רבי יאָשע-בער איז געווען רב אין בריסק, זענען אַמאָל אריינגעקומען צו איהם עטליכע בעלי-בתים מיט אַ געוואַלד, אז די כפירה ר״ל פערשטאַרקט זיך אין שטאָדט און די אפיקורסים זענען זיך מתרבה.

— וואָס איז דער חידוש? — ענטפערט ער זיי דערויף. — דער אמת איז תמיד גובר...

— וואָס רעדט איהר, רבי'ן — קוקען איהם אָן די בעלי-בתים. — די כפירה רופט איהר אָן אמת?

— פערשטעהט איהר מיך, — ערקלערט זיי רבי יאָשע-בער, — די כופרים קעמפפען פאַר'ן שקר מיט'ן אמת: זיי זענען אמת'ע כופרים, אמת'ע אפיקורסים, טאַקע מיט'ן גאַנצען האַרצען — זענען זיי דעריבער מצליח... ביי אונז אָבער זענען נישט אַלע עהרליכע אידען, וועלכע קעמפפען פאַר'ן דת, אמת'ע עהרליכע אידען; ביי אונז, ליידער, קעמפט מען אָפט פאַר'ן אמת מיט'ן שקר — איז דערפאַר האָבען מיר קיין הצלחה נישט!...

דער בעריהמטער סלוצקער מגיד, דיינאָוו, איז אַמאָל געזעסען אין אַ געזעלשאַפט, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען איינער אַ גרויסער פלוידערער, וועלכער האָט אויף אַ רגע דאָס מויל נישט צוגעמאַכט, שיטענדיג מיט ניין מאָס רייד, נישט לאָזענדיג קיינעם אַ וואָרט אויסרעדען... ביני לביני, שפרינגענדיג פון איין ענין צום צווייטען, הויבט ער אָן דערצעהלען עפעס אַ מעשה נורא, וואָס זאָל האָבען פאַסירט מיט רבי יונתן אייבעשיץ... דאָ האָט זיך שוין דער סלוצקער נישט געקאָנט מעהר איינהאַלטען, ער טהוט אַ קלאַפּ אין טיש און שרייט-אויס: זייט וויסען, רבותי, אַז די גאַנצע מעשה איז שקר-וכזבו...

בלייבט דער עולם זיצען אַביסעל איבערראַשט: סטייטש, פונוואַנען וייסט ער עס מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז ס'איז אַ ליגען?

— עס איז אַ פשוט'ער חשבון, — ערקלערט דערויף דער סלוצקער מגיד, — אַליין האָט ער די געשיכטע נישט בייגעוואוינט, וואָרום פון רבי יונתן אייבעשיץ'ס פטירה איז שוין העכער הונדערט-און-פופציג יאָהר... געלייענט האָט ער עס אין ערגעץ נישט, וואָרום דידאָזיגע מעשה ווערט אין קיין שום ספר נישט געבראַכט... אלא וואָס, זאָל איך אפשר זאָגען, אַז ער האָט עס געהערט פון עמיצען דערצעהלען? — דאָס איז דאָך

געוויס אונמעגליך, ווארום ווי־אזוי קאן ער הערען דערצעהלען, אז ער לאזט קיינעם א ווארט נישט רעדען!...

○

לא־תעשוק את־רעך... (יט. יג.)

צו רבי יצחק ווארקער זענען אמאל געקומען צוויי סוחרים, וועלכע האבען געשלאסען א שותפות־געשעפט און איהם געבעטען, ער זאל זיי אנ־שרייבען א שותפות־כתב. האט גענומען דער ווארקער צוויי גרויסע בויגענס פאפיר און אנגעשריבען אויף יעדען: א. ב. ג. ד., דערלאנגענדיג יעדען פון זיי צו איין עקזעמפלאר, ווי עס פיהרט זיך... פרעגען זיי פערוואונ־דערט: וואס בעדייט דאס?... דאס בעדייט — ענטפערט דער ווארקער — אז אויב איהר וועט האנדלען עהרליך און נישט בעשווינדלען איינער דעם צווייטען, וועט אייך געהן גוט; אויב נישט, וועט איהר זיין קבצנים: „אמת — ב ר כ ה; גזל — ד ל ו ת"!...

○

לא תעשו עול במשפט... (יט. טו.)

איהר זאלט נישט „איינוויקלען די שמד׳קייט אין דער יראה", איהר זאלט נישט טהון קיין אומרעכט און דערביי נאך וועלען איינשמועסען זיך און אנדערע, אז איהר האט געהאנדעלט על־פי דין, אז איהר האט גע־טהון דעם ע ו ל — „במשפט"!...

(עולת צבור)

○

לא־תשא פני דל... (יט. טו.)

צו רבי אברהם׳לע סאכאטשעווער איז אמאל געקומען אנ׳ארימע אלמנה מיט א דין־תורה. אין מיטען דער דין־תורה האט די אלמנה, ווי דער שטיי־גער איז, אנגעהויבען וויינען. רבי אברהם׳לע האט איהר דאן אין א שטרענ־גען טאן געהייסען פערלאזען דעם צימער, מחמת אויך טרעהרען — האט ער ערקלערט — זענען ש ו ח ד!...

○

לא־תשנא את־אחיך בלבבך... (יט. יז.)

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער איז אמאל אריינגעקומען אין בית־המדרש בעת עס האט גראד גע׳דרש׳ענט דארט א מגיד, וועלכער איז גע־

שטאַנען אויף דער בימה און זיך שטאַרק געקאָכט, שיטענדיג פלאַם-פייער אויף אידען, וועלכע זענען ממש פול מיט עבירות... האָט רבי לוי-יצחק אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און געזאָגט: רבונו של עולם! ער טהוט דאָך עס זיכער נישט פון נחת; ער דאַרף נעבעך אַוודאַי האָבען עטליכע הונדערט רובל חתונה צו מאַכען אַ בוגרת, מוז ער דעריבער אַרומפאָהרען און אַזעלכע ביטערע דרשות האַלטען... בעט איך דיך, גאָטעניו, גיב איהם די עטליכע הונדערט רובל, וועט ער פערשפּאָרען מקטרג צו זיין אויף דיינע אידען!...

O

לא תקום ולא תטור... (יט. יח.)

אויף רבי שאול קאַצענעלענבויגען, וועלכער איז געווען בעריהמט מיט זיין אויסטערלישען, פענאָמענאַלען זכרון, פלעגט מען זאָגען, אַז אויף איהם האָט דער „שר של שכחה" קיין שליטה נישט; בלויז אין איין זאַך האָט איהם דער זכרון נישט געדיענט: טאָמער האָט איהם ווער בעליידיגט — פלעגט ער עס מאָמענטאַל פערגעסען...

(מקור ברוך)

„לא תקום ולא תטור... ואָהבת לרעך כמוך"... — זיי נישט קיין נוקם-ונוטר, האָב ליעב דעם צווייטען, ווי זיך זעלבסט. אויב דו מאַכסט אָפט פעהלערן, אויב דו ביזט דיר אָפט אַליין שולדיג אין דיין אומגליק, אין וועלכען דו ווערסט אַריינגעפיהרט צוליב אַנ'אייגענעם, אונבערעכענטען שריט, — וועט דיר דען איינפאַלען צו וועלען דאַן אָן זיך אַליין נקמה נעהמען?...

(רבי שמעלקי מניקעלשבורג)

O

ואָהבת לרעך כמוך... (יט. יח.)

— כל-זמן — פלעגט זאָגען רבי דוד'ל לעלעווער — איך פיהל ביי זיך אין האַרצען אַ שטאַרקערע ליעבע צו מיינע אייגענע קינדער, ווי צו אַ געוועהנליכען, פרעמדען איד פון גאַס, בין איך נאָך נישט קיין צדיק!...

— הלואַי — פלעגט זאָגען רבי אהרן קאַרלינער — וואָלט איך אַזוי קאָנען ליעב האָבען דעם גרעסטען צדיק שבישראל, ווי השם-יתברך האָט ליעב דעם גרעסטען רשע שבישראל!...

(בית-אהרן)

„ואָהבת לרעך כמוך — אָמר רבי עקיבא זה כלל גדול בתורה".. (תורת כהנים)

דאָס איז אַ גרויסער כלל אין דער תורה; אָבער, ליידער — נישט אין לעבען!...

(רבי יהושע'לע קוטנער)

„זה כלל גדול בתורה"... וועגען יעדען חשבון איז פאַרהאַן אַ מיטעל אויסצופּרובען, צי דער חשבון איז ריכטיג, צי מען האָט נישט געמאַכט קיין טעות. אויב דו ווילסט וויסען, ווי-אַזוי דו האָלסט מיט דער תורה, צי געהסטו אין ריכטיגען וועג און צי נאַרסטו זיך נישט אין חשבון — פּרובּיר, ווי-אַזוי עס זעהט-אויס ביי דיר דער „ואָהבת לרעך כמוך"!...

(רבי משה-לייב מסאַסוב)

איפת צדק והין צדק יהיה לכם... (יט, לו.)

„על כל עבירות אין הקב"ה נפרע עד שתתמלא סאתו, חוץ ממי שמודד במדה קטנה"... (סנהדרין)

ווייל ער איז נישט מקפיד אויף דער מאָס, האַנדעלט מען אויך מיט איהם נישט לויט דער מאָס... „מדה" כנגד „מדה"!...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

„איפת צדק והין צדק"... צו רבי יהושע'לע קוטנער זענען אַמאָל געקומען צוויי בעלי-דינים אויף אַ דין-תורה. אויסהערענדיג זייערע טענות, ווענדעט ער זיך צו איין בעל-דין און פרעגט איהם, צי ער איז גרייט צו פערזיכערן מיט זיין הן-צדק, אַז אַלץ, וואָס ער האָט גע'טענה'ט, איז אמת. רבי! — רופט זיך יענער אָן: — כ'בין גרייט צו געבען נישט איינעם, נאָר הונדערט הן-צדק'ס!...

רבי יהושע'לע האָט, בעקומענדיג דעמדאָזיגען ענטפער, אַן'איראָנישען שמייכעל געטהון און אָנשטאָט אַ שבועה האָט ער פאָרגעלעגט די בעלי-דינים אַ פשרה.

אַז מען האָט איהם שפּעטער געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט יענעם בעל-דין נישט געלאָזט שווערען, האָט ער ערקלערט:

אויפן וואָרט „הין" זאָגט רש"י (שמות ל. כד.): „הין אחד י"ב לוגין" — איז אויב אין איין „הן" זענען פאַרהאַן צוועלף ליגענס („לוגין"), טאָ ווי גרויס ליגנער מוז שוין זיין אַזאַ איינער, וועלכער איז גרייט צו געבען גאַנצע הונדערט „הן'ס"!...

אֱמֹר

אמור אל הכהנים וכו׳ ואמרת אליהם... (כא. א.)

„להזהיר גדולים על הקטנים״... (רש״י)

די „גדולים״, די דערוואַקסענע, וועלכע זענען זיך מטפל מיט׳ן מת, ווערען דערמיט געוואָרנט, אַז אויסער דעם בר־מינן, זאָלען זיי אין זינען האָבען און געדענקען אויך אין די „קטנים״ — צו פערזאָרגען די איבער־געבליבענע לעבעדיגע יתומים׳.

(חתם־סופר)

○

לנפש לא יטמא בעמיו. (כא. א.)

ר׳ צדוק כהן, דער רב־הכולל אין פראַנקרייך, איז אַמאָל נאָכגעגאַנגען נאָך דער לויה פון אַ געוויסען, אָנגעזעהענעם פראַנצויזישען מלוכה־מאַן. אויפ׳ן וועג צום קריסטליכען בית־עולם איז די לויה דורכגעגאַנגען דורכ׳ן אידישען בית־עולם. ר׳ צדוק, וועלכער איז געווען אַ כהן, איז געגאַנגען אַרום און אַרום, ביז ער איז צוגעקומען צום קריסטליכען בית־הקברות און האָט בייגעוואוינט די קבורה.

איינער פון די מיניסטאָרען, מיט וועלכען ער איז פערזענליך בעקאַנט געווען, האָט דאָס בעמערקט און איהם געפרעגט:

— פאַרוואָס, מסיו ראַבינער, האָט איהר אויסגעמיטען דעם אידישען בית־עולם?

— ווייל כ׳בין אַ כהן — ענטפערט איהם ר׳ צדוק — און ביי אי־דען טאָר אַ כהן נישט געהן אויפ׳ן בית־עולם.

— טאָ פאַרוואָס — פרעגט יענער איהם ווייטער — זענט איהר אויפ׳ן קריסטליכען בית־הקברות יאָ געקומען? זענען גוים קיין מענשען נישט?

— כ׳וועל דיר זאָגען, אדוני מיניסטער, — ענטפערט איהם ר׳ צדוק, —

אַ י י ע ר רבי האָט ערקלערט, אַז ער וועט נישט שטאַרבען און אַז אַלע, וואָס גלויבען אין איהם, שטאַרבען נישט, — זענען דעריבער זייערע קברים נישט מטמא... א ו נ ז ע ר רבי אָבער, משה, האָט געזאָגט בפירוש, אַז ער וועט שטאַרבען, און איז געשטאָרבען. מיר, אידען, שטאַרבען אַלע, אָהן אויסנאָהם... נו, זענען דערפאַר די אידישע קברים יאָ מטמא...

צווישען די אַמאָליגע „קאַזיאָנע" רבנים אין רוסלאַנד האָבען זיך געפונען, כידוע, גאָר גרויסע „לומדים"...

וועגען איינעם אַזאַ „לומד'ישען" רב, וועלכער האָט זיך נאָך גרויס מיה אויסגעלערנט שרייבען אַ פּאָר ווערטער לשון-קודש, דערצעהלט מען, אַז איינמאָל איז מען געקומען צו איהם נאָך אַנ'ערלויבעניש וועגען מקבר-זיין אַ מת — און היות ווי ער האָט געוואוסט, אַז אין אַ בריעף, וואָס ווערט געשיקט פון איינעם צום צווייטען דורך אַ שליח, געברויכט מען שטענדיג דאָס וואָרט „המוכ"ז" („המוסר כתב זה"), האָט ער, אַלזאָ, גענומען און אָנגעשריבען אויף אַ צעטעל: „הנני נותן רשות לקבור את המוכ"ז!...

(מקור ברוך)

וועגען אַ געוויסען בעקאַנטען ראַבינער פון מערב-אייראָפּאַ דערצעהלט מען, אַז עס האָט אַמאָל פּאַסירט אין זיין שטאָדט אַ פּאַל, אַז איינער איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, איבערלאָזענדיג אַ פרוי אָהן קינדער, — האָט דאַן דער ראַבינער גע'פסק'ענט, אַז די פרוי דאַרף נישט נעהמען קיין חליצה, מחמת אין יורה-דעה איז פאַרהאַן אַ בפירוש'ע הלכה: „המאבד עצמו לדעת אין חולצין עליו" („חולצין" איז דאָרט דער טייטש — קריעה רייסען)!...

○

כי אם לשארו הקרוב אליו לאמו... (כא. ב.)

דערויף בעמערקט דער אבן-עזרא, אַז דערפאַר ווערט דאָ דערמאָהנט „אמו" פ אַ ר „אָביו", ווייל על-פי-רוב לעבען זכרים לענגער פון נקבות.

פרעגט מען: אין אַ ווייטערדיגען פסוק אין דער/עלבער פרשה ווערט דאָך אויך דייטליך געזאָגט: „לאָביו ולאמו לא יטמא" — אַלזאָ, „אָביו" פ אַ ר „אמו"?...

פון די פערשידענע תירוצים אויף דערדאָזיגער האַרבער פראַגע זעהט אויס צו זיין אַמריכטיגסטען דער ענטפער, וואָס ווערט געגעבען דערויף אין ספר „אמרי בינה", און נעמליך:

דער צווי צום כהן-גדול: „לאָביו ולאמו לא יטמא״ איז געזאָגט געוואָרען אין מדבר, וואו די איינציגע כהנים זענען געווען אהרן און זיינע זיהן. פאַר אהרנ׳ען זעלבסט איז דערדאָזיגער געבאָט געווען איבריג, וואָרום דאַן האָבען שוין זיינע עלטערן סיי-ווי נישט געלעבט. דער געבאָט איז, אַלזאָ, געווענדעט געווען נאָר צו זיינע זיהן, אייגענטליך נאָר צו אלעזר׳ן, וועלכער איז געוואָרען כהן-גדול נאָך אהרן׳ס טויט — און צו איהם, אלעזר׳ן, האָט מען דאָך נישט געקאָנט זאָגען דאָס וואָרט „לאמו״ פריהער: „לאמו ולאָביו לא יטמא״... וואָרום ווען זיין מוטער זאָל שטאַרבען פאַר׳ן פאָטער, עס הייסט ביי אהרן׳ס לעבען, וואָלט דאָך נאָך אלעזר דאַמאָלס קיין כהן-גדול נישט געקאָנט זיין און דאַן קאָן דאָך נאָך אויף איהם נישט חל זיין דער דין פון „לא יטמא״; דעריבער האָט דאָ, אַלס אויסנאַהם, געמוזט געזאָגט ווערען פריהער דאָס וואָרט „לאָביו״, און ערשט נאָכדעם — „לאמו״...

O

וזרע אין לה ושבה אל בית אָביה... (כב. יג.)

כמעט אין אַלע שטעלען ווערט אין תרגום-אונקלוס דאָס וואָרט „זרע״ איבערזעצט אויף „זרעא״ (ווי אין דער סדרה „אמור״ זעלבסט, אין די פסוקים: „ולא יחלל זרעו בעמיו״, „כל איש אשר בו מום מזרע אהרן״, „איש איש מזרע אהרן״); בלויז דאָ, אויפ׳ן פסוק „וזרע אין לה״, מאַכט דער תרגום: „ובר לית לה״, ווי וועלענדיג דערמיט בעטאָנען, אַז אויב נאָר זי האָט נישט קיין זיהן, אַפילו ווען זי האָט טעכטער, מעג זי זיך אומקעהרען „אל בית אָביה״ און עסען תרומה. – ווי-זשע געשיקט זיך עס? דאָס איז דאָך געגען דער הלכה!...

אויספיהרליכע ערקלערונגען איבער דערדאָזיגער האַרבער פראַגע ווערען געגעבען אינ׳ם פירוש אויפ׳ן תרגום „נתינה לגר״ פון רבי נתן אַדלער, אין ספר „עוטה אור״, ווי אויך אין די „אגרות שי״ר״ מכתב ד׳.

אלה הם מועדי—ששת ימים תעשה מלאכה... (כג. ב.)

עס איז אַ בעקאַנטער האַרבער פסוק. אָנהויבען הויבט זיך אָן: „אלה הם מועדי״, דאָס זענען די ימים-טובים, און גערעדט ווערט גאָר וועגען שבת: „ששת ימים תעשה מלאכה״וגו׳... און דאַן, נאָכוואָס ווערט אין צווייטען פסוק נאָכאַמאָל איבערגע׳חזר׳ט: „אלה מועדי ד׳ מקראי קדש״ וכו׳ג.

לויט דער ערקלערונג פון „אור החיים", מ'ינט דאָ די תורה פעסט־צושטעלען דעם אונטערש'עד צווישען די ימים־טובים און שבת: די בעשטי־מונג פון די ימים־טובים ווערט איבערגעגעבען אין רשות פון בית־דין, וועלכע האָבען דאָס רעכט, אויב זיי געפינען פאַר נויטיג, מעבר צו זיין די חדשים און דאָס יאָהר, דורך וואָס די ימים־טובים ווערען אַזוי־אַרום איבערגערוקט אויף אַ שפּעטערער צייט; דאַגעגען דער טאָג פון שבת לאָזט זיך אויף קיין פאַל נישט ענדערן און איבעררוקען. און דאָס, אַלזאָ, איז דער פשט: „אלה הם מועדי" — מ'יין „מועד", וועלכער איז פעסט בעשטימט אויף שטענדיג, איז „ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון" — דערדאָזיגער „מועד", שבת, לאָזט זיך אויף קיין פאַל נישט אונטערוואַרפען אונטער קיין שום ענדערונג; דאַגעגען „אלה מועדי ד' מקראי קדש", די ווייטער אויסגערעכענטע ימים־טובים, ווי פסח, שבועות, ראש־השנה א. א. וו., אויף זיי ווערט געזאָגט: „אַשר תקראו אותם במועדם" — „אַל תקרי אותם, אלא אַתם", זיי ווערען בעשטימט לויט דעם איינזעהן פון בית־דין...

דער ווילנער גאון ערקלערט דעמדאָזיגען פסוק אויף אַנ'אַנדער אופן, נעמליך: אינ'ם פסוק „ששת ימים תעשה מלאכה" רעדט זיך דאָ נישט וועגען שבת, נאָר טאַקע וועגען די ימים־טובים, וועלכע, לויט דער תורה, ענט־האַלטען זיי צוזאַמען זיעבען טעג: צוויי טעג פסח (דער ערשטער טאָג און דער זיעבעטער), צוויי טעג סוכות (דער ערשטער און דער אַכטער, שמיני עצרת), איין טאָג שבועות, איין טאָג ראש־השנה און איין טאָג יום־כפור. אָבער נישט אַלע ימים־טובים זענען גלייך און נישט אַלע האָבען זיי דעמ־זעלבען דין. אַלזאָ: „אלה הם מועדי", פון אָט דידאָזיגע ווייטער־אויסגערע־כענטע ימים־טובים, איז „ששת ימים תעשה מלאכה", זענען זעקס טעג, פסח, שבועות, ראש־השנה, סוכות, ערלויבט צו טהון אין זיי אַ מלאכה פון „אוכל־נפש"; אָבער „וביום השביעי", איין טאָג יום־טוב איז פאַרהאַן, יום־כפור, וועלכער איז „שבת שבתון מקרא קדש, כל־מלאכה לא תעשו"...

און לויט אָט דעם אופן לאָזט זיך אויך ערקלערען, פאַרוואָס אין נוסח פון „ותודיענו", וואָס ווע'ט געזאָגט אין דער נאַכט פון יום־טוב, וואָס געפאַלט אום מוצאי־שבת, חזר'ט־זיך־איבער צוויי מאָל: „ותבדל... בין יום השביעי לששת ימי המעשה". און דאַן — „ואת יום השביעי מששת ימי המעשה קדשת"... לויט דער דערמאָהנטער ערקלערונג פון ווילנער גאון, בעציהט זיך דערדאָזיגער צווייטער זאַץ אויף די ימים־טובים — און דער פּשט איז: „ואת יום השביעי משֹשת ימי המעשה קדשת", אַז דער זיעבע־

ער טאָג יום-טוב, יום-כפור, איז מיט זיין הייליגקייט אַנ׳אויסנאַהם פון די איבעריגע זעקס יום-טוב-טעג!...

(נתינה לגר)

שבתון זכרון תרועה מקרא-קדש... (כג. כד.)

צו רבי ברוך מעזשיבאזשער איז אַמאָל געקומען אַ געוויסער מתנגד'יש'ער רב, וועלכער האָט זיך גרויס געהאַלטען מיט זיין לומדות, און רבי ברוך, הגם ער איז געווען בעקאַנט אַלס גרויסער מכניס-אורח, האָט איהם אויפגענומען זעהר קאַלט, אָהן שום כבוד. די מקורבים האָט עס שטאַרק געוואונדערט — האָט זיי רבי ברוך געענטפערט דערויף:

— ווי בעקאַנט, צייכענט זיך שבת אויס מיט דער זעלטענער מדה פון הכנסת-אורחים: קומט צו איהר ראש-חודש (שבת ראש-חודש) — גיט זי איהם אוועק דעם מפטיר; קומט יום-טוב — דערלאַנגט זי איהם דאָס גאַנצע קריאת-התורה; יום-כפור — גיט זי איהם אפילו דאָס עסען אוועק; בלויז דאָס תקיעת-שופר אום ראש-השנה וויל זי נישט אוועקגעבען, און אַז ראש-השנה געפאַלט אום שבת, לאָזט זי נישט בלאָזען קיין שופר. פאַר-וואָס? — דער תירוץ איז, ווייל מען האָט פיינט אַנ׳אורח, וואָס בלאָזט זיך!...

כי כל-הנפש אשר לא תעונה בעצם היום הזה ונכרתה מעמיה. (כג. כט.)

אַ איד, וואָס פיהלט נישט אינ׳ם דאָזיגען הייליגען טאָג קיין פיינ-ליכקייט און אונרוהיגקייט אין האַרצען, קיין חרטה און הרהור-תשובה, איז עס אַ בעוויז, אַז „ונכרתה מעמיה", אַז זיין נשמה איז שוין לגמרי אָבגעריסען פון אידען!...

(לב שמח)

ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחדש... (כג. לב.)

דערויף זאָגען די חז"ל: „כל האוכל ושותה בתשיעי — כאילו מתענה תשיעי ועשירי"... טאָ פאַרוואָס ווערט נישט געזאָגט דייטליך, אַז מען זאָל אינ׳ם דאָזיגען טאָג עסען? נאָכוואָס האָט מען עס געדאַרפט שרייבען פאַרשטעלט, מיט׳ן לשון „ועניתם"? — ווייל אויב די תורה וואָלט געווען אָנגעשריבען אַ בפירוש׳ע מצות-עשה — „ואכלתם", וואָלטען זיך אידען אַזוי מורא׳דיג געווען צוגעכאַפּט צו דער אכילה, אַז זיי וואָלטען נאָכדעם נישט אימשטאַנד געווען צו געהן צו „כל-נדרי"!...

(דובנער מגיד)

ויצאו במחנה בן הישראלית ואיש הישראלי. (כד. י.)

די תורה רופט נישט אָן זייערע נעמען, ווייל געוועהנליך זענען די ערשטע, וואָס אײלען זיך אַרויסצושפּרינגען בײ יעדער מחלוקת און קריע־געריי, די סאַמע נידעריגסטע מענשען, די „בני־בלי־שם" — אַזעלכע, וואָס מען ווייסט רעכט נישט, ווער זיי זענען און ווי זיי הייסען...

(כלי יקר)

○

כאשר יתן מום באָדם... (כד. כ.)

„כאשר יתן מום באָדם" — אויב איינער געפינט שטענדיג אויפ'ן צוויי־טען חסרונות און פעהלערן, איז דערפון אַ סימן — „כן ינתן בו", אַז ער אַלייז איז פול מיט חסרונות... „כל הפוסל — במומו פוסל"!...

(קומץ־המנחה)

○

וירגמו אותו אָבן... (כד. כג.)

אַ געוויסער משכיל און אַפּיקורס האָט אַמאָל געפרעגט בײ רבי ישעיה'לע פראַגער, פאַרוואָס ביים מ ק ו ש ש שטעהט: „וירגמו אותו באַבנים", און ד אָ — „וירגמו אותו אָ ב ן"? — האָט ער איהם דערויף געענטפערט: וועגען מ ק ו ש ש זענען פאַרהאַן בײ די חז"ל פערשידענע דעות, פאַרוואָס ער איז געווען חייב־מיתה; פאַרהאַן וואָגאַר אַ מאַן־דאָמר, וואָס האַלט, אַז „לשם־שמים נתכוון". דעריבער, בשעת די אידען האָבען איהם פערוואָרפען מיט שטיינער, האָט יעדער שטיין־וואַרפער געהאַט דערבײ אַן'אַנדער כונה: איינער האָט איהם פערשטיינט מיט חשק, האַלטענדיג איהם אַלס רשע; אַ צווייטער — אָהן חשק, בעטראַכטענדיג איהם אַלס צדיק, וועלכען מען מוז אָבער הרג'ענען, ווייל אַזוי איז דער רצון השם... און דערפאַר ווערט געזאָגט — „ב א ב נ י ם", לשון־רבים. דאַגעגען וועגען מ ג ד ף איז „וירגמו אותו אָ ב ן", איהם האָבען אַלע פערשטיינט מיט איין כונה און מיט איין געדאַנק, מחמת וועגען איהם איז קיינער נישט מחולק — ע ר (וועלענדיג דערמיט אַ שטאָך טהון דעם משכיל) איז געוועז אַ כופר לכל־הדעות!...

בְּהַר

וקראתם דרור בארץ... ושבתם א״ש אל אחוזתו... (כה. י.)

אויך דאַן, ווען עס וועט זיין „דרור בּאָרץ״, ווען איהר וועט אין אייערע וואוין-ערטער געניסען פון אַלע פרייהייטען און פון אַלע בּירגער-רעכט, זאָלט איהר פונדעסטוועגען נישט פער׳שכור׳ט ווערען און נישט מיי-נען, אַז איהר זענט שוין אויף אייביג געהאָלפען; אויך דאַמאָלס זאָלט איהר נישט מסיח-דעת-זיין און נישט אויפהערען צו שטרעבען צום „ושבתם איש אל אַחוזתו״, אומצוקעהרען זיך אין אייער אייגען לאַנד, אין אייער אייגענער אַלטער היים!...

(ילקוט הדרוש)

„ושבתם איש אל אַחוזתו ואיש אל משפחתו תשובו״... בּעת אַ מענש איז פּעראָרימט, איז די משפחה צו איהם פרעמד און דערווייטערט; ערשט ווען עס איז „ושבתם איש אל אַחוזתו״, ווען ער ווערט פּלוצים אויפגע-ריכט און קויפט זיך אַ נחלה, דאַן איז „ואיש אל משפחתו תשובו״, נעהמט זיך די גאַנצע משפחה מיט איהם חבר׳ן און עס הויבּען זיך אָן דערנעהנ-טערן צו איהם די ווייטסטע קרובים...

און דאָס איז אויך דער טייטש: „וישגב אביון מעוני — וישם כּצאן משפּחות״ (תהלים ק״ז) — בּעת דער אביון ווערט געהאָלפען און ער ווערט אויס אָרימאַן, דאַן פרוכפּערט זיך, אָהן עין-הרע, די משפּחה זיינע, ווי די שאָף!...

(כּנפי יונה)

אויף אַנ׳עהנליכען אופן:

„אָח לצרה יולד״... בּשעת דער מענש איז אין אַ צרה, דאַרף ער וואַרטען, עס זאָל פאַר איהם ערשט ג ע ב ו י ר ע ן ווערען אַ גוטער-פריינד,

מחמת אַלע זיינע פריהערדיגע קרובים און פריינד ווערען מיט איינמאָל ווי אויסגערונגען!...

(בינה לעתים)

○

ולא תונו איש את־עמיתו... (כה. יז.)

על־פי־דין — דאַרף מען י ע נ ע ם נישט נאַרען; לפנים משורת הדין איז — מען זאָל אויך זיך אַ ל י י ן נישט נאַרען...

(רבי נפתלי ראָפשיצער)

„ולא תונו איש את־עמיתו ויראת מאלקיך"... אויך מיט'ן י ר א ת־ ש מ י ם מיט'ן פרומקייט, זאָלט איהר נישט נאַרען איינער דעם צווייטען!..

(רבי לייב משפּאָלא)

די ערשטע פראַגע, וואָס מען שטעלט דעם מענשען אויפ'ן עולם־האמת, איז: — „עסקת באמונה", צי האָסטו נישט אַמאָל געמאַכט קיין עסקים מיט דער „אמונה"?...

דאָס ווייב פון רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער איז געקומען זיך קלאָ־גען פאַר'ן בערדיטשעווער בית־דין, באַשר דער מאַן גיט איהר נישט אויף אַלע נויטיגע הצטרכות'ן און ער איז נישט מקיים די הבטחה, וואָס איז איינגעשריבען אין דער כתובה: „איזון ואפרנס יתיכי לכי כדרך גוברין יהודאין"... דערויף האָט רבי לוי־יצחק געענטפערט, אַז תיכף נאָך דידאָזיגע ווערטער ווערט דאָך צוגעגעבען: „דמפרנסין לנשיהון בקושטא", אַז מפרנס זיין דאַרף מען מיט אמת, מיט עהרליך־פערדיענט געלד, אָהן רמאות, אָהן שווינדעל — און אַזאַ געלד צו פערדיענען איז בעוונותינו הרבים נישט פון די לייכטע זאַכען!...

○

וכי תאמרו מה־נאכל... וצויתי את־ברכתי לכם... (כה. כ.)

די וועלט איז פול מיט נויט און ליידען, ווייל דער גביר גלויבט נישט דעם אָרימאַן, דער זאַטער פיהלט נישט דעם טעם פונ'ם הונגעריגען... בעת אָבער עס וועלען אויספאַלען צוזאַמען שמיטה און יובל, ווען מען וועט דריי יאָהר נישט אַקערן און נישט זייהען, און אויך די גבירים וועלען דאַן מוזען אָנהויבן פרעגען די פראַגע פון „מה־נאכל", דאַן — „וצויתי את ברכתי לכם", וועט דאָס זיין אַ ברכה און אַ תועלת פאַר דער וועלט;

דער גביר, דערפיהלענדיג אליין אויף א מאמענט דעם טעם פון הונגער, וועט דורכדעם ווערען מוכשר צו בעגרייפען אויף די לאגע פונ׳ם ארי־ מאן און ער וועט זיך שוין גיכער אינטערעסירען מיט איהם...

(צרור המור)

○

והארץ לא תמכר לצמיתות... כי גרים ותושבים אתם... (כה. כג.)

די ערד איז א שטענדיגע, אנ׳אייביגע; דער מענש אויף דער ערד — א צופעליגער, א פרעמדער! וואס פאר א רעכט האט־זשע דער צופעליגער צו פערקויפען און צו הערשען איבער דעם שטענדיגען?...

(דברי שאול)

צו א געוויסען רב זענען אמאל געקומען צוויי בעלי־דינים, וועלכע האבען געהאט צווישען זיך א סכסוך וועגען א שטח ערד. יעדער פון זיי האט גע׳טענה׳ט: „כולה שלי"!... — דער פלאץ איז מיינער!... דער רב, זעהענדיג, ווי זיי זענען איינגע׳עקשנ׳ט און ווילען צווישען זיך נישט דורכ־ קומען, האט זיך איינגעבויגען צו דער ערד, צוגעלעגט צו איהר דאס אויער און זיך אנגערופען:

— רבותי, מיר האבען דא נאך א דריטען בעל־דין!... די ערד טענה׳ט, אז איהר זענטביידע איהרע!...

„כי גרים ותושבים אתם עמדי"... וואס מעהר גר, וואס מעהר פרעמד און איינזאם דער מענש פיהלט זיך אויף דער וועלט, אלץ מעהר תושב, אלץ נעהענטער פיהלט ער זיך צו גאט, און דאסזעלבע אויך פערקעהרט...

(רבי ברוך מעזשיבוזשער)

○

וכי־ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו... (כה. לה.)

די העכסטע מדרגה פון צדקה איז, ווען דו העלפסט דיין פריינד אין א מאמענט פון „עמך", בשעת אויך דו זעלבסט געפינסט זיך בשפל־ המדרגה... און דאס איז די כונה פון פסוק: „אשרי משכיל אל דל ביום רעה" — אין א צייט, ווען אויך ער, דער נותן, געפינט זיך אין א „יום רעה"!...

(אמרות טהורות)

„גדולה גמילות־חסדים יותר מן הצדקה". (סוכה מ"ט)

ביי צדקה איז דער שטייגער, אז צום ערשטען מאָל גיט מען יענעם אַ שענע נדבה; דאָס צווייטע מאָל — שוין ווענינער; און וואָס ווייטער — אלץ „פוחת והולך"... ביי גמילות־חסדים דאַגעגען איז פערקעהרט: בעת יע־נער קומט צום ערשטען מאָל לייהען אַ גמילות־חסד, באָרגט מען איהם נישט קיין סך, מען האָט מורא... צום צווייטען מאָל, ווען ער האָט אָבגע־געבען צו דער צייט, ווערט ער שוין אַ שטיקעל בטוח און מען גיט איהם שוין מעהר; און אויב ער איז ווידער־אַמאָל פינקטליך, דאַן איז מען איהם יעדעס מאָל מוסיף. און דאָס איז דער טייטש: „גדולה גמילות־חסדים"... ביי גמילות־חסדים ווערט די נתינה יעדעס מאָל אַ גרעסערע, להיפוך ווי ביי צדקה...

עס טרעפט אָפט, בעוונותינו הרבים, אז בעת מען באָרגט ווער מען אַ גמילת־חסד, איז לאַ־די, וואָס יענער בעצאָהלט נישט, האָט מען נאָך פון איהם אויסצושטעהן זלזולים און בזיונות!... דאָס איז מסתמא דערפאַר, ווייל „עבד לוה לאיש מלוה", און דאָס איז דאָך ידוע, אז „חקונה עבד עברי — קונה אָדון לעצמו"...

(קדושת לוי)

○

אל תקח מאתו נשך ותרבית... (כה. לו.)

פאַר'ן לוה איז עס „נשך", ווי געביסען פון אַ שלאַנג, וואָס זויגט פון איהם דאָס בלוט אויס. דאַגעגען פאַר'ן מלוה איז עס — „תרבית", מעהרענדיג און פערגרעסערנדיג זיין פערמעגען אויף יענעמס חשבון, פוי יענעמס פראַצע...

(כלי יקר)

בשעת ר' עקיבא אייגער איז געווען רב אין פויזנא, איז איינמאָל דאָרט געשטאָרבען אַ געוויסער פראָצענטניק, וועלכער האָט געהאַט אַ שם מיט זיין רשעות און אויסטערלישע קמצנות. די חברה־קדישא, ווי דער שטייגער איז, האָט זיך „געוואַשען" צו איהם און פערלאַנגט פון די יורשים גאָר אַ היבשע סומע קבורה־געלד. זענען די יורשים אוועק מיט אַנ'אָנקלאַ־גע צו דער מאַכט, וועלכע האָט געשיקט רופען דעם רב, ר' עקיבא איי־גער, און געפאָדערט פון איהם אַנ'ערקלערונג, הלמאי די חברה־קדישא פער־

לאַנגט פאַר׳ן דאָזיגען בר־מינן מעהר געלד, ווי פאַר אַנדערע פערשטאָרבענע גבירים.

— די זאַך איז גאַנץ איינפאַך — האָט זיי רבי עקיבא אייגער ער־קלערט: — מיר, אידען, גלויבען אין תחית המתים, אַז נאָכדעם, ווי משיח וועט קומען, וועלען די מתים צוריק אויפשטעהן פון די קברים; און היות ווי מיר ערוואַרטען, אַז משיח זאָל קומען אַ ליאַדע טאָג, קומט־אויס, אַז דער קבר, וואָס יעדער בר־מינן בעקומט פון דער חברה־קדישא, איז נאָר אויף אַ לפי־ערך גאַנץ קורצער צייט — און וויבאַלד נאָר אויף אַ קורצער צייט, דאַרף מען דערפאַר קיין סך נישט בעצאָהלען... דאָ אָבער האַנדעלט זיך וועגען אַזאַ איינעם, וועלכער איז ביים לעבען געווען אַ פראָצענטניק, און „מלוי ברבית — זאָגען אונזערע הכמים — אין להם חלק לעולם הבא", דידאָזיגע לייט וועלען נישט אויפשטעהן קיין תחית־המתים; הייסט דאָך עס אַז דער קבר איז פאַר איהם אַ שטענדיגער, אַנ׳אייביגער, און פאַר אַנ׳איי־ביגען קבר איז וויפיעל מען נעהמט — איז עס אַלץ ווייניג!...

○

וחי אָחיך עמך. (כה. לו.)

ווען צוויי מענשען געהען אין וועג (אין אַ מדבר) און איינער פון זיי בעזיצט אַ קליין ביסעל וואַסער, וואָס אויב מען זאָל עס פונאַנדערטיי־לען צווישעןביידע, וועט עס נישט קלעקען און זיי וועלען ביידע אויס־געהן פון דורשט און זיכער שטאַרבען, דאַגעגען איינעם קאָן עס יאָ דער־האַלטען ביים לעבען, ביז ער וועט צוקומען צו אַ ישוב, — וואָס טהוט מען אין אַזאַ פאַלז בן־פטורא זאָגט: בעסער זאָלען ביידע טרינקען און שטאַרבען, איידער איינער פון זיי זאָל צוזעהן דעם צווייטענס טויט; רבי עקיבא אָבער האַלט: „וחי אָחיך עמך — חייך קודמין", דיין לעבען איז פריהער פאַר דיין חבר׳ס לעבען!...

(בבא־מציעא ס״ב)

דידאָזיגע מצוה, ווי יעדע מצוה, זענען נישט אַלע גלייך מקיים. פאַר־האַן דערביי פערשידענע מדרגות... פאַרהאַן אַזעלכע, וועלכע בענוצען זיך מיט רבי עקיבא׳ס כלל נאָר אין דעם פאַל, ווען עס גענוגט נישט פאַר ביידע, ווען כדי יענעם צו דערהאַלטען דאַרף ער אַליין אונטערגעהן... אַנ־דערע זענען מחמיר און געהען נאָך ווייטער, אָנווענדענדיג דעם „חייך קודמין" אפילו ווען ער האָט אַליין גענוג און עס קאָן קלעקען פאַר יענעם

אויך!... פאַרהאַן אָבּער „מהדרין מן המהדרין", וועלכע זענען זיך נוהג מקיים צו זיין יעדע מצוה לפנים משורת הדין — און כדי יוצא צו זיין דעם „חייך קודמין" לויט אַלע דעות, טהוט ער אַלץ, וואָס נאָר מעגליך איז, יענעם צו דערשטיקען!...

(דרשות אל עמי)

בְּחֻקֹּתַי

וישבתם לבטח בארצכם. (כו. ה.)

נאָר אין איער לאַנד וועט איהר קאָנען זיצען רוהיג; איהר וועט אָבער נישט קאָנען זיצען רוהיג אין חוץ-לאָרץ!...

(ספרי)

○

ונסתם ואין רודף אתכם. (כו. יז.)

אין פלוג איז דאָך דער „ואין רודף אתכם" גאָר קיין קללה נישט. דען די שרעק און די בהלה פונ'ם אנטלויפענדיגען איז דאָך, אַדרבה, פיעל שטאַרקער דאַמאָלס, ווען ער זעהט היגטער זיך דעם רודף!... נאָר אויפ'ן פסוק „והאלקים יבקש את-נרדף" דרש'ענען די חז"ל: „אפילו צדיק רודף רשע" — און אָט דאָס, אַלזאָ, איז די קללה: „ונסתם ואין רודף", איהר וועט אינגאַנצען פאַר זיך קיין רודף נישט זעהן, וממילא וועט איהר נישט קאָנען האָפען, אַז השי"ת זאָל זיך אָננעהמען פאַר אייערטוועגען!...

(מלבי"ם)

○

ואכלתם בשר בניכם ובשר בנותיכם תאכלו. (כו. כט.)

בעת אידען וועלען זוכה זיין, — ווערט געבראַכט, — וועלען אַלע קללות פון דער תוכחה נהפך ווערען אויף ברכות און אויך דער „ואכלתם בשר בניכם" וועט אמאָל ווערען אַ ברכה... עס וועט קומען אַ צייט, ווען אידישע עלטערן וועלען עס האַלטען פאַר אַ גרויסע זכיה, אויב זיי וועלען ביי זייערע קינדער אין הויז מעגען עסען אַ שטיקעל פלייש!...

(געהערט)

○

והשמותי אני את-הארץ ושממו עליה אויביכם... (כו. לב.)

דאס איז באמת א בשורה-טובה פאר אידען. עס איז דער רצון פון השי"ת, אז די פיינד זאלען נישט האבען קיין חשק צו ארץ-ישראל, כדי דאס לאנד זאל די גאנצע צייט בלייבען וויסט און פריי פאר דער אידי-שער אויפבויאונג...

(תורת כהנים)

ואתכם אזרה בגוים... (כו. לג.)

סיי ביי גלות-בבל, סיי אינ'ם לעצטען גלות איז נגזר געווארען, אז אידען זאלען זיין מפוזר ומפורד איבער דער וועלט; בלויז אין גלות-מצרים זענען די אידען קאנצענטרירט געווען אין איין ארט — אין גושן, ווייל דאמאלס איז נאך געווען פאר מתן-תורה, און אהן דער תורה וואלטען די אידען, אויב זיי זענען מפוזר, קיין תקומה נישט געהאט...

(רבי אברהם'לע סאכאטשעווער)

ורדף אותם קול עלה נדף... וכשלו איש באחיו... (כו. לז.)

לא-די, וואס דער שונא וועט זיי רודפ'ן — וועט אויך זיין „וכשלו איש באחיו", וועט איין איד רודפ'ן דעם צווייטען, וועלען זיי זיך אליין, צווישען זיך גופא, ארומרייסען!...

(כלי יקר)

והבאתי אותם בארץ אויביהם או-אז יכנע לבבם הערל... (כו. מא.)

זאלען די אידען נישט איינרעדען זיך און זאגען: „אויב מיר זענען יא פערטריבען געווארען צווישען די אומות, טא לאמיר זיין גלייך מיט זיי און לאמיר נאכטהין זייערע מעשים"... — ניין! בעל-כרחם וועל איך איבער זיי אויפשטעלען ב א"ם, וועלכע זאלען זיי ארונטערברענגען אונטער מיינע פליגעל... „והעולה על רוחכם — היו לא תהיה"!...

(תורת כהנים)

וזכרתי את-בריתי יעקוב ואף את-בריתי יצחק...
(כו. מב.)

ווי קומט דערדאָזיגער פסוק אין מיטען דער תוכחה? — נאָר אויך דאָס ווערט דערמאָהנט אַלס פאָרוואורף. ווען לתרבות-רעה געהט אַרויס אַזאַ איינער, וואָס שטאַמט פון נידריגע, פּראָסטע עלטערן, איז נישט די שולד זיינע אַזוי גרויס, ווי ווען דאָס טהוט אַזעלכער, וועלכער שטאַמט פון אַ שענער, יחוס'דיגער פאַמיליע, וואָס זיין זיידע איז געווען — יעקב, זיין עלטער-זיידע — יצחק א. אַ. וו.!...

(של"ה)

○

והארץ אזכור, (כו. מב.)

אויך דאָס געהערט צו דער תוכחה... אידען וועלען אויפהערען צו געדענקען און צו טראַכטען וועגען ארץ-ישראל! בלויז איך אַליין וועל עס געדענקען...

(רבי יעקב-שמשון שעפעטיווקער)

○

ואף-גם-זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים... (כו. מד.)

עס איז אַ משל צו איינעם, וועלכער איז פערליעבט אין אַ פרוי, און די פרוי וואוינט אין אַ גאַס פון גאַרבערס, וואו עס הערשט אַ זעהר שטיקענדע, פערדאָרבענע לופט. ווען זיין געליעבטע וואָלט נישט געוואוינט דאָרט, וואָלט ער קיינמאָל אַהין נישט געגאַנגען; אָבער אַז דאָרט געפינט זיך זיין געליעבטע, איז די גאַס געגליכען אין זיינע אויגען ווי אַ גאַס פון בשמים, וועלכע שמעקט מיט די פיינסטע ריחות!... און דאָסזעלבע איז אויך דאָ: „ואף-גם-זאת בהיותם בארץ אויביהם" — בשעת ישראל וועט זיך געפינען אין לאַנד פון שונא, כאָטש עס איז אַן'אומריין, טמא-אָרט, פוני-דעסטוועגען — „לא מאסתים ולא געלתים" — וועט זיך כביכול נישט-מיאוס'ען צו זיין מיט זיי צוזאמען. פאַרוואָס? — „לכלתם" — צוליב זייער כלה'שאַפט: ווייל ישראל, זיין כלה, זיין הארץ-געליעבטע, וואוינט דאָרט...

(זוהר)

„ואף-גם-זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים"... ווי שלעכט די אידען זאָלען זיך נישט אויפפיהרען און ווי נידריג זיי זאָלען נישט האָבען

געפאַלען, אָבער „בהיותם בארץ אויביהם״, בשעת זיי וועלען זיצען אין לאַנד פון זייערע שונאים, וועט זיך דאַן אַרויסווייזען, אַז יענע זענען אין זייערע מעשים און מדות פיעל, פיעל ערגער פון זיי!...

(שמן המור)

○

וזכרתי להם ברית ראשונים אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים... (כו. מה.)

כ׳וועל זיך דערמאָהנען, אַז אויך י ע נ ע אידען, די מצרים-אידען, זענען געשטאַנען אויף דער נידריגסטער מדרגה, פערזונקען אין די מ״ט שערי-טומאָה, און פונדעסטוועגען האָב איך זיך אויף זיי מרחם געווען און אויסגעלייזט זיי פון גלות...

(כתב סופר)